STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05762

IN SHAYN FUN FLAMEN

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אָליצקי

אין שײַן פון פלאַמען

נאָװעלן

1927

װילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

L. Olicki. — „In szajn fun fłamen“ (Nowełe).

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

Y 712, c.1

מיין מאַמע
אסתר־רייזע פון הויז מאַספּאַניס
געהײליקט

I

פאַלנדיקע דעכער

פאַרן אָפּגאַנג

אין דעם שוואַרצן חלל פון דער נישט־אינגאַנצן צוגעמאַכ־טער הויז־טיר, שטעקט אַריין באַלכסון, אין פּראָפיל, דער קאָפּ פון דעם אַלטן חיים הערשן. זיין באַלויכטן האַלב פּנים קוקט מיטן ווייסל פון דעם איינציקן אויג, פינטלט מיט דער לאַנגער מרה־שחורהדיקער ברעם און צוקט מיטן ווינקל פון דער ליפּ הינטער דער אַראָפּגעלאָזענער וואָנסע. ער וואַרגט זיך מיט אַ טרוקענעם כליפּען און שלאָכצט־אַרויס אָפּגעריסן:

— רחלע, ס׳איז קיין צייט נישטאָ. קום. זעסט דאָך: אַלע אַנטלויפן. אַ קויל קאָן טרעפן. דער שונא קאָן די שטוב פאַרברענען. די סאָלדאַטן קאָנען ווייס־איך־וואָס אָפּטון. נו, קום־זשע!

דאָס טונקל־באַלויכטן צימער שווייגט.

הינטער אים, דאָרט אין הייזל וווּ ער שטייט, טוט עפּעס אַ שאַרוּע, טוט זיך עפּעס וואַקלדיק אַ רודער. משמעות, מען רייסט אים אַוועק. זיין קאָפּ טוט אַ ציטער אין דעם שוואַרצן טיר־חלל, און דער פּראָפיל בלייבט נישט, ווי ער וואָלט פאַר־שלונגען געוואָרן.

פון יענער זייט וואַנט הערט זיך אַ שווער פאָרעניש. אַ גערעדעריי, אומגעדולדיקע בייזע קולות, און דאָס קוויטשעדיקע, באַקלאָגעדיקע געוויין פון חיים־הערשס ווייב.

באַלד הערט זיך אַ סקריפּנדיקע אָנשטרענגונג פון אַ שווערן וואָגן, וואָס האָט זיך אַ ריר געטון פונם אָרט. דער וואָגן דערווייטערט זיך, טוט אַ שווערן קרעכץ ביים אַרויסדרייען זיך

פון דעם געסל, און אינדרויסן ווערט שטיל. קיין שום גערויש טראָגט זיך פון דאָרט מער נישט אַריין דורך די צוגעמאַכטע לאָדן.

שטיל. בלויז די גרילן זינגען חוצפּהדיק זייער דערעסנ-דיק געזאַנג. טונקל. ער רויכערט דער לאָמפּ, וואָס הענגט אויף אַ דראָט שוואַרץ באַדעקט מיט טויטע פליגן, אָן אַ קאָל-פּעק און אָן אַ גלעזל.

אין ווינקל ביי דער הרובע, אויף דעם שטרוי, וואָס די סאָלדאַטן, וואָס האָבן דאָ איבערגענעכטיקט, האָבן איבערגעלאָזט ליגט רחל די משוגענע, חיים-הערשס טאָכטער.

איר קערפּער איז איינגעהילט אין שמאַטעדיקן אָנטועכץ, דער קאָפּ אַרומגעבונדן מיט קאָלירטע שמוציקע שמאַטעס, און דאָס פּנים איז איינגעשמירט מיט אַ געדיכטן בלאָסן ליים, פון וועלכן עס קוקן אַרויס, ווי שוואַרצע גלאַנציקע לעכער, אירע אויגן אין דער טונקלקייט ווייסלט זיך איר פוס, וואָס איז נאַקעט ביז איבער די קני.

זי קוקט אויף דער סטעליע, פון וועלכער עס הענגט אַראָפּ אַ געדיכטער, פאַרשטויבטער שפּינוועבס.

עס דאַכט זיך איר, אַז דער שפּינוועבס איז ביי איר אין קאָפּ זי שפּירט אים ווי דורכגעוועבט אין איר מאַרך, שפּירט זיין טרוקענע קלעפּיקייט, און אַפילו זיין ציטערדיק באַוועגן זיך.

פיו! אין סאַמע מיטן קריכט אַרום אַ מיאוסער, דיק-בייכיקער שפּין. כי-כי-כי! אויף זיינע הויכע, דאַרע, עלאַסטיש-באַוועגלעכע פיס, און שפּינט מיט זיי, ווי מיט שפּיזלעך, זיין נאַסע סלינע אַ פאָדים מיט אַ פאָדים אָט קומט ער צו צום ווענטל פונעם שאַרבן. בררר! זיין בייכל טוט קיל, אַ גלעט, זיינע פיסלעך שקראָבען... שקראָבען...

די הויט פון איר פּנים וויל אַ צוק טון פון דער עקל-דיק-קיצלדיקער שפּירונג. נאָר דער צוק ווערט פאַרהאַלטן פון דעם פאַרגליווערטן בלאָסן ליים.

זי קוקט זיך פאַרטראַכט אַרום, הערט זיך איין: שאַ, שטיל.

איר געמיט פֿאַלט אַרונטער אונטער דער מאַגישער קראַפֿט פֿון דער שטילקייט. זי ווערט רויִק. איר רויטער, ווילד־אָנגעשטרענגטער בליק לעשט זיך, און בלייבט שטיין אַ רגע. איר פּנים דריקט אויס אַ פֿאַרשטיינערטן פֿראַגע־צייכן.

זי הויבט אָן רעדן שטיל, ווייטיקלעך:

— ווי! ווי! קיינער איז נישטאָ! אַליין בין איך. אַליין. קומען די זעלנער די געצנדינער...

זי טוט פֿאַרגליווערט אַ שמייכל, און שיסט פּלוצים אויס הילכיק, ליידנשאַפֿטלעך:

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

עס טוט אַ טרייסל אויף און אַ צעמיש די רו און שטילקייט. דער לאָמפּ באַוועגט זיך לייכט אין דער אויפֿגערודערטער לופֿט. די שאָטנס פֿון די אומאָרדנונג־צעשטעלטע: טיש, שטילן און סאָפֿקע, צעטאַנצן זיך איבערן צימער. גיסן זיך צוזאַמען אין איין געשפּענסט. דאָס געשפּענסט טוט זיך אַ לאָז אויף רחלען, לויפֿט־אָפּ אויף צוריק, קומט ווידער נאָענט, און ווינקט צו איר זי זאָל מיטטאַנצן.

רחל טוט זיך האַסטיק אַ שטעל־אויף און בלייבט שטיין אין אַ שטאָלצער פּאָזע.

די האַסטיקע באַוועגונג רייסט איבער עפּעס־וואָס ביי איר אין מוח. זי ווייסט נישט צוליב וואָס זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט. דער נאָר־וואָס געוועזענער כאַאָס אין די געדאַנקען שטעלט זיך איין, און זי טראַכט ווידער רויִק.

— איז קיינער נישטאָ. נישטאָ דער טאַטע יפֿתּח. נישטאָ די מאַמע שׂרה. נישטאָ די שוועסטער ביילע אין יענער זייט שטוב. און איר מאַן איז נישטאָ. און אירע קינדער. דאָס פּיצל וועט שוין מער נישט מאַכן פֿיינאַכט מיאַאו! מיאַאו! כי־כי־כי! אַלע האָבן זיי מיר איבערגעלאָזן. איינע אַליין. אַליין!...

אַ שטראָם טוט אַ לויף־דורך דורך איר קערפּער. דרינגט דורך אַלע גלידער, די אויגן טוען זיך אַ צינד אָן, ווערן גרויס

Free Public Librarv, Newark, N. J.

און בולט, דער שאַרבן ווערט אַרומגעכאַפּט פון אַ פלאַם, און זי שיסט אויס מיט צאָרן:

— פאַרשאָלטן זאָלן זיי זיין, די וואָס באַליידיקן זייער אייגן בלוט און לייב! וואס טרינקען דאָס בלוט פון זייער שוועסטערס שאַנד!

זי כאַפּט איבער דעם אָטעם!

— פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן!

אַ קורצע פויזע:

— פון דער וועלט און פון יענער וועלט פארשאָלטן!

זי אָטעמט שווער. די ברוסט הייבט זיך האַסטיק און פאָכעט אין די שמאַטעס, ווי אין אַ בלאָז-זאַק. זי באַרויקט זיך פּאַמעלעך. שטיל, ווי זי וואָלט עפּעס לייענען, רעדט זי ווייטער מיט אַ רחמנותדיקער שטים:

— אַ דורשטיקע גיי איך אַרום אין די מדבריות. סברענט מיר די זון איבערן קאָפּ, און דאָס זאַמד אונטער די פיס. מיין פּנים איז דורכגעווייקט פון שווייס. עס שטעכן מיר די וואָרצלען פון די האָר, ווי אָנגעגליטע שפּיזלעך. אוי, וויי! די האָר פאַלן מיר ארויס. מיין לייב פאַלט אָפּ פון מיר שטיקערווייז.

מיט באַנייטן צאָרן בייזלט זי די פויסטן, און פאָכעט מיט זיי דראָענדיק אין דער לופט:

— זאָל גאָטס צאָרן אויף אייך פאַלן, ווי אַ בראַנד! ווי אַ העליש פייער! סזאָל ברענען אין אייער האַרץ! אין אייערע געדערים! זאָל ווערן קליי פון אייערע ביינער! זאָלן די אויגן אייך אויסרינען!

איר צאָרן לעשט זיך. די פויסטן פאַלן אוממעכטיק אויף די לענדן. די אויגן ווערן קלענער, בלאַסער און מאַט. זי זעצט זיך שטיל אויף דעם שטרוי און רעדט יאושדיק:

— נישטאָ, נישטאָ קיינער. פוסט און לער איז אַרום. אַ תוהו-ובוהו...

עס דאַכט זיך איר, דער ברוסטקאַסטן איז הויל. מהאָט אַרויסגענומען פון דאָרט די לונגען און דאָס האַרץ.

זי לייגט צו די לינקע דלאָניע צו דער רעכטער ברוסט. הערט זיך איין און ווערט דערשראָקן:

— דאָס האַרץ קלאַפּט נישט! סאיז פּוסט אינעווייניק. די פּוסטקייט פאַרברייטערט זיך. ווערט ברייטער, טיפער און פּוסטער. אַ פינסטערער תהום איז ביי איר אין ברוסט...

זי שפּירט עס מיט אַלע חושים. זי זעט די אומענדלעכ־קייט, די טיפקייט, דאָס חשכות פונעם תהום — מיט די אויגן. זי הערט זיין שטילקייט — מיט די אויערן. זי טאַפּט אָן זיין נישטיקייט מיט די פינגער.

אירע אויגן בלייבן שטיין אויף איין פּונקט: זי קוקט אויף צוריק אין זיך.

אין דעם חושך פון תהום שלענגלט זיך, ווי אַ קאַלטער וואָרים אַ מחשבה:

— אַליין בין איך. באַגנבעט האָט מען מיך. אָפּגענאַרט. גע־לאָזן אין דער חשכה...

סצינדט זיך אין איר ווידער אָן אַ צאָרן. דער תהום אין איר ווערט פול מיט אַ שוואַרצער, וואַרימער, בלאַסטישער פלי־סיקייט. סברויזן אין אים שוואַרצע שוימען. עס צינדן זיך אָן אין אים קליינע בליצלעך, ווי פעדים דינינקע, רויטע שלענ־געלעך וואָלטן מיליאָנענוויז, אין געדיכטע מאַסן, דורכגעשווייבלט דורך און איבער די ברויזנדיקע קאַמען פון די שוואַרצע כוואַליע שוימען. אויפן ראַנד פונם תהום, אין אַ בלאַסער בין־השמשות־שימער, שטייען דורכזיכטיק־טריבע געשפּענסטער, ווי פון נעפּל, קוקן מיט פאָספאָר־גרינע אויגן אין תהום, און טוען זיך פלוצים אַ וואָרף קאָפּ־אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ...

— אַך! — זיפצט זי ביטער אָפּ און מורמלט: נישטאָ קיין האַרץ! נישטאָ קיין האַרץ!

זי פאַלט נאַזנדיק אויפן געלעגער, לייגט אונטער די הענט אונטערן נאַקן, און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ. אַ פינצטערניש גיסט זיך אַריבער די אויגן. אַלץ לעשט זיך אין איר ווידער אויס. זי ליגט אין אַ צושטאַנד פון חלשות, אירע אויגן,

מאַט-פינצטער צו דער סטעליע, פאַרבליבן איז
ן איר בלויז די שפּירונג פון פּוסטקייט איבערן גאַנצן
קערפּער.

ביסלעכווייז וואַכט אין איר אויף אַ פאַרלאַנג, די פּוסט-
קייט אויסצופילן. עס נאַגט איר אונטערן לעפעלע, ס'פאַרווילט
זיך איר פאַר אַמאָל שרעקלעך טרינקען.

זי הויבט זיך אויף פאַרשמאַכט פונם געלעגער, הויבט
אויף פון דער פּאָדלאָגע אַ קאָנסערוון-פּושקעלע, וואָס וואַלגערט
זיך דאָ אַרום, נעמט אַראָפּ דעם לאָמפּ, און גייט אין הייזל אָנ-
שעפּן וואַסער.

קיין וואַסער אין נישטאָ.

זי זוכט, נישטערט, זוכט אין דער צעעפנטער, אויסגעליי-
דיקטער שאַפע, און דערטאַפּט אַ גרויסן, געגלייזטן טאָפּ מיט
אוגערקע-ראָסל. די נאָז-פליגלעך צעציען זיך. זי הויבט אָן שטאַרק
צו אָטעמען. די נערוון ווערן גערייצט פון דעם אָנגענעמען
אַראָמאַט פון געזאַלצענעם קריפּ און קנאָבל. דער גאַנצער קער-
פּער ווערט אַרומגעכאַפּט פון אַ תאוהדיקן חשק, און עס טוט
איר ווי אַ מאַגנעט אַ צי צום טאָפּ.

זי טוט האַסטיק אַ שטעל אַוועק דעם לאָמפּ. ער ווערט
פאַרלאָשן. מיט ביידע הענט טוט זי אַ כאַפּ דעם טאָפּ, און
זופּט זשעדנע, ווילד, מיט אַ ברייט-אָפן מויל, דעם ראָסל

— אַ-אַ-אַ! כאַפּט זי אָפּ דעם אָטעם, רוט זיך אָפּ אַ
ווײַלע און טרינקט ווייטער. נאָר דער דורשט ווערט נישט געלאָשן.

זי נעמט אַרויס פון טאָפּ דעם געדיכטן פלאָנטער קריפּ,
סמאָטשקעט אים, זויגט אים, נאָגט אים, ביז ער ווערט לגמרי
טרוקען און באַקומט אַ טעם פון שטרוי.

די הויט אין מויל איז געהאַרטעוועט, ווי פעל, די ציין
שפּירן זיך ווי גי פּס אָנגעפּילט מיט אייליקן סם, אין האַלז
נראָבלוט, צקט, און אינעווייניק אין בויך קאָכט און בריט אַ גיהנום.

זי דערשפּירט צוריק דאָס האַרץ. פלוצים הויבט עס אָן
קלאַפּן ווי אַ שנעלצוג: טיק-טאַק-טיק-טאַק! טיק-טאַק-טאַק!

ס׳צינדן זיך אין איר אָן די געהירן. און בריען די שלייפן ווי צעשמאָלצענער בליי. פייערדיקע רעדער דרייען זיך ווי רעגנבויגנס אין שאַרבן, און שפּריצן מיט פונקען דורך די אויגן.

זי טוט זיך ווילד אַ ריס אַרויס אין דרויסן.

— גוואַלד! סע ברענט! ראַטעוועט!

אין געסל ווערט אַ גערודער, אַ פּאַניק, אַ צוזאַמענגעלויף.

אינמיטן אַ געדיכטן רעדל אָנגעלאָפענע, צעשראָקענע מענטשן, ליגט רחל אויף דר׳ערד, וואָרפט זיך ווי אין קאָנוואָל־סיע, און שרייט מיט אַ טרוקן־הייזעריקער, אָפּגעריסענער שטים:

— פאַרשאָלטן זאָל ער זיין, יפתח! זיין בת־יחידה האָט ער געבראַכט פאַר אַ קרבן!

זי טוט אַ שפּרונג אויף, שטעלט זיך אין אַ שטאָלצער פּאָזע, שטרעקט אויס די לינקע האַנט. טייטלט מיטן פינגער צום הימל און שיסט אויס:

— אַ פייער זעט זי! טרעפן אויפן וועג! ווי דאָס פייער אין מיר! אַ פייער פונעם הימל!

ווי אויפן ווונק פון איר פינגער, ווערט ווירקלעך דער הימל באַגאָסן מיט אַ רויטער שיין. תיכף גיסט זיך אָן דאָס געסל מיט אַ ראָזלעכער בייטאָגיקער ליכטיקייט.

רחל ווערט פאַרשטיינט אין דער פּאָזע פון אַ נביאה. אירע אויגן שיטן פייער. דער עולם אַרום קוקט אויף איר פאַרגאַפט.

איידער עמיצער טוט זיך אַ כאַפּ, און טוט אַ געשריי:

— גוואַלד! עס בר...

קומט אָנצולויפן אַ פאַרסאָפּעט בחור׳ל מיט דער ידיעה:

— שאַ! דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן. מען זאָל קיין גוואַלדן נישט מאַכן. אונזערע פאַרברענען שוין די שייערן הינטער דער שטאָדט. הייַנטיקע נאַכט גייען זיי אָפּ פון דער פּאָזיציע אָן אַ מלחמה.

— געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען! — זאָגט אַ יודענע אָפּ אַ שבח דעם בורא־עולם, שאָקלט פרום, באַדייטנדיק מיטן טשי־פּעק, און פליסטערט אַרויס:

— אפשר, אין איר זכות טאַקע.

די עסטרײַכישע תּליה

אויפן דריטן טאָג נאָכן פאַרנומען ווערן פונם שטעטל דורך די עסטרײַכער.

איבער די געסלעך און הײַזער פונם שטעטל טראָגט זיך פונאַנדער דאָס דערשיטערנדיקע נײַעס:

די זעלנער, וואָס זענען ערשט־נאָר־וואָס דורכגעגאַנגען, האָבן מיט זיך אַוועקגעפירט עטלעכע ייִדן: יצחק נפתּלים, אײַזיק סטעלמאַך, נויקע שמיד און בעריש פאַרבער.

אין מאַרק, אויפן שאָסיי הייבן זיך אָן צונויפקלײַבן רעדלעך ייִדן און ייִנגווארג:

— וואָס הייסט? פאַרוואָס? פונוואַנען האָט מען זיי דאָס געפירט? — פרעגט אײנער בײַ דעם צווייטן, און מען קוקט זיך אָן מיט דערשטוינטע אויגן.

— ווער־זשע ווייסט? — ענטפערט עמיץ און ציט אָן אַקסל.

— מע ווייסט! מע ווייסט! — ענטפערט איינער, זיך דערנעטערנדיק אַ פאַרסאָפּעטער — ז׳האָבן אַרויסגעשריגן פאַר־בײַגייענדיק, מ׳האָט זיי געכאַפּט אין אַ דאָרף; ז׳האָבן געמאַכט בדיקה אין אַ גוישער שטוב.

אברהם שניידער, וועלכער האָט ערשט נעכטן באַנאַכט אַריבערגעטראָגן אין זײַן נידעריק שטיבל דאָס פּלושענע מעבל פונם גלחס שכנותדיקן הויז, ווערט בלאַס, שטעקט אַרויס די אויגן ווי גלעזערנע בולבעס, ס׳לויפט אים דורך אַ שוידער אי־בערן געזיכט, און זײַן בערדל טוט אַ ציטער.

— אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! — שפּײַט אויס אַ

באַלעבאַטישער ייד מיט צאָרן — ז׳האָבן שוין גאָר קיין צייט נישט געהאַט? דאָס מיליטער איז נאָך נישט פאַרבייגעגאַנגען, און זיי לויפן שוין ראַבעווען!

די רעדלעך אויפן שאָסיי פאַרגרעסערן זיך. אויף די בריקלעך פאַר די הייזער שטייען קופּקעלעך ווייבער, גאָדערן, כאַפּן אַלעמאָל אַ קוק צו די מאַנסבילן, שאָקלען-צו באַדויערנדיק מיט די קעפּ און כאַפּן זיך פאַרברעכן די הענט אויף די ברוסטן. מיידלעך שרייען זיך איבער איינער צו דער צווייטער וועגן דעם בייעס דורך די אָפענע פענצטער.

— איר זאָלט געוועזן זען, ווי .טויט זיי זענען, נעבעך, געוועזן! —טוט זיך אַ ווייבל אַ קניפּ פאַר דערבאַק, און דאָס פּנים פאַרקרימט זיך איר פון צער.

— איר האָט געזען בעריש פאַרבער? — כאַפּט ג׳ייך אונטער אַ צווייטער — געל ווי וואַקס איז ער דאָך געוועזן! איר זאָלט עס זאָגן — אַ טראָפּן בלוט!

— אייזיק סטעלמאַך, — דערציילט אַ ייד, איבערגייענדיק פון איין רעדל צום צווייטן — האָט אַ געשריי געטאָן (כ׳האָב אַליין געהערט):

יידן ראַטעוועטס! די סאָלדאַטן זאָגן — מע פירט אינז הענגען!

— נישקשה, — זייעט דורך אַ ייד אַ קרעמער דורך די ציין און וואָנצעס מיט רוגז — זענען ווערט דעם שטעקן! האָסטו געהערט! — — —

— צי זענט איר ביים זינען, אָדער גאָר חסר-דעה! — שלאָגט מען אים איבער מיט צאָרנדיקן ביטול — אַ ייד הערט- -מע פירט יידן צו דער תליה, און ער —

כאַפּט זיך דער קרעמער און שלאָגט איבער מיט באַ-ישובטן רוגז:

— האָטס קיין מורא נישט, אַזוי גיך שיסט מען נישט, הענגט מען נישט, און ס׳איז נאָכנישט הפקר אַ וועלט! האָסטו געהערט!?

— אַי, וואָס רעדט איר? — שלאָגט מען אים ווידער אַמאָל איבער, נאָר שוין באַרויקטער — איר האָט זיי נישט געזען. טויטער פון די טויטע זענען זיי דאָך געווען!

אונטער דער צייט באַווייזט דערוויילֿ די ידיעה צו פאַר־שפרייטן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, דערגייט אַזש ביז אין באָד־געסל, און טרעפט ווי אַ דונער אין די הייזלעך פון די אומגליק־געטראָפענע בעל־מלאכות.

פון דאָרטן קומען אָן צו לויפן זייערע ווייבער אויפן שאָסיי אַרויף מיט יאָמערנדיקע געוואַלדן און קולות, פאַרלוירענע און צעשויבערטע, וועלכע מיט אַ שאַל, וועלכע מיט אַ פאַררוקטן טשיפּיק, איינע מיט אַ פּיצעלע אויף טויט דערשראָקן קינד, און אַלע באַגלייטע פון זייערע כאַפּטעס קינדער, קוויטשענדיקע און יאָמערנדיקע:

— אוי, מיין טאַ־טע־ע! אוי, מיין טאַ־טע־ע!

אויפן שאָסיי קומען זיי זיך צוזאַמען, שטעלן זיך מיט די געזיכטער איינע צו דער אַנדערער, יאָמערן, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ. דאָס פלייש פון די באַקן, שאָקלען אָבלדיק און שטום איינע צו דער אַנדערער מיט די קעפּ, און ווען נישט די מיטנטאָגיקע, תמוזדיקע זון, וואָס באַגיסט די גאַס מיט היץ און שיין, וואָלט עס אויסגעזעען, ווי עפּעס אַ מיסטעריעזע באַ־ראַטונג פון גייסטער, אָדער פון זיך זעלבסט פּייניקנדיקע היי־ליקע. און אַרום שטייען די קינדער, יינגלעך, מיידלעך און הערן גאַרנישט אויף:

— אוי, מיין טאַ־טע! אוי, מיין טאַטע־ע!

פּלוצים שיסט איין יידענע אויס, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און די איבעריקע נאָך איר:

— ווייי, ס׳אַן אומגליק אונדז האָט געטראָפן!

— אינמיטן העלן טאָג איז מיך אַ פינצטערניש באַפאַלן!

— אַ ווייסטער בראָך איז צו דער אָרעמער מאַ־מע־ן!

— וויי, ווייי!

עס דאַכט זיך, אַז יעדע יידענע באַמט זיך איבער־צושרייען דער צווייטער.

נאָר באַלד הייבט אָן דער יאָמער נאָכצולאָזן. ס'ווערט אַ רגע שטיל, און איינע טוט אַ פרעג מיט אַ שטיל כליפעריי:

— ווו האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן?

און באַלד שיסט זי אויס האַרצרייסנדיק:

— ווער האָט זיי געזען אוועקפירן צו דער שחי-טה — געוואַל-לט!

דער יאָמער ברעכט אויס איבעראַנייס:

— ווי צו אונדז-ז! וויי, נעבעך, צו די וויסטע אלמנות!

וואָס העכער עס געוואַלטעווען די ווייבער, אַלץ שרייענדיקער יאָמערן די קינדער אַרום, וואַרפן ווי אין קאָנוווּלסיעס מיט די קערפערלעך, טופען מיט די פיסלעך אויף דעם אָנגעגליטן שטויביקן ברוק, און שרייען מיט צעקרומטע, צעצויגענע פנימלעך:

— טאַטע-ע! אוי, מיין טאַטע!

די רעדלעך מענטשן אויפן שאָסיי, פאַרקוקטע כלומרשט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, אָדער אויפן שפיץ קלויסטער, וועלכער שטראַלט קעגן דער זון מיט דער מעשענער האַלבער לבנה און מעשענע שטערן פון זיין צלם, — כאַפן אַלע מאָל בגנבה אַ נייגעריקן בליק פול מיט רחמנות צו די ווייבער און קינדער און שמועסן שטיל צווישן זיך:

— ווידער קרבנות! — — —

קלעמט דאָס האַרץ ביי די ווייבער, וואָס שטיין אויף די בריקלעך פאַר די הייזער, און ס'הייבט-אָן פאַרשטיינערט צו ווערן.

פון אַרויף-שאָסיי קומט אָן צו לויפן גדליה סטעלמאַך, אייזיק סטעלמאַכס אַ שוואָגער, אַ ייד מיט אַ שפיציק בלאָנד בערדל, וואָס שטעקט ביי אים שטענדיק גלייך פון פאָרנט אַרויס ווי אַ פערטעסעטער קלין, און איצטער, ווי ער לויפט אַזוי, פאָכט מיטן קאָפּ, ווי אַ שטעכיקע קו, אויף אַלע זייטן, זעט עס אויס, ווי ער וואָלט וועלן עמיצן מיט אים דורכלעכערן. ער

טוט אַ לויף־צו צו זיין ליאַרמענדיקער שוועסטער, טוט אַ בייג פאַר זיך דעם קערפּער, אַ פאַררייס־אַרויף דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגן אַ שטייגער: נאַטס, קרייצט מיר אָן הינטערן בערדל! טוט אַ צעשפּרייט טענהדיק די הענט און שיסט־אויס צו דער שוועסטער מיט אַ פּנים אָנגעצונדן פון צאָרן:

— וואָס זענט איר דאָ שטיין געבליבן, בהמות! וואָס שווייגט איר?! איידער וואָס, איידער ווען, ווען מען זיי דאָך דאַרטן, ס׳זאָל גאָר אויסגערעדט נישט זיין, אויפהענגען, חלילה!

— אדרבה, — בעט זיך די שוועסטער ביי גדליהן — זאָג אונדז דו, גדליה, וואָס האָבן מיר צו טון?

און די איבעריקע העלפן־אונטער אין אַ יאָמערלעכן כאָר:

— וואָס ווייסן מיר אַליין צו טון, ווייבער, אומגליקלעכע, דערשלאָגענע.

— שרייטס, געוואַלטעוועטס, קערט־איבער וועלטן, — טוט זיך גדליה מיט צאָרן אַ צעטרייסל, ווי ער וואָלט זיי ווייזן אויף וואָס פאַר אַן אופן מע קאָן וועלטן איבערקערן — לויפטס צום רב, צו די בעלי־בתּים, לאָזן זיי לויפן, טוען, ראַטעווען; לויפטס אַליין צום קאָמענדאַנט, פאַלטס אים צו די פיס, בעטס רחמים!

— ווי איז אונדז! — פאַרברעכן די ווייבער די הענט איבער די ברוסטן — מ׳עט דאָך נאָך אונדז מיט די קינדער אויך אומברענגען!

און ווי לויט אַ שטימער הסכּמה טוען זיי זיך אַ צעלאָז, די צוויי אין בעל־הבית, די צום צווייטן, די דריטע צום רב. די קינדער באַגלייטן זיי ווייטער, אויפן וועג באַהעפט זיך צו דער אַ שוועסטער, צו דער צווייטער אַ שוועגערין, צו דער דריטער בלאָט־אַזוי אַ שכנה, אַ גוטער פרייַנט, און אַז עס קומט צו אַ נאָענטער מענטש, דערפרישט זיך דער ווייטיק אין האַרצן, גייט אַרויס פון דער קלעם, און עס באַנייט זיך דאָס יאָמערן, דאָס פאַרברעכן די הענט, און דאָס קלאַפּן זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ.

— רבי — ראַטעוועטס!

— אַ פֿייער ברענט, אַ פֿייער!

— אין זכות פֿון אייער תּורה, — — — פֿאַלן־אַריין עטלעכע ווייבער און קינדער צום רבּ אין שטוּב, בלייבן שטיין מיט פֿאַרבראָכענע הענט אויף דער שוועל און האַרט צוגערוקט צו דער וואַנט.

אויף דער שוועל, וואָס פֿירט אין רבּס שלאָפֿצימער, באַווייזט זיך די רביצן. און קוקט אַ צעשראָקענע דאָ אויף די ווייבער, דאָ אויפֿן רבּ. דער רבּ גייט אום אַ פֿאַרוואָלקנטער הין־און־צוריק פֿונם טיש מיט די אָנגעוואָרפֿענע ספֿרים צו דער גרויסער שאַפֿע, וועלכע שטייט צעעפֿנט, אויסגעליידיקט פֿון די ספֿרים, וואָס וואַלגערן זיך נאָך אין אַ קעלער, און צווישן זיינע שוואַרצע, געדיכטע אויבערברעמען, אַראָפּגעצויגענע צו דער נאָז, ליגט אַ טיפֿער, שוואַרצער קנייטש. ער שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ אין גאַנג און זיפֿצט אָפּ. ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, דער רבּ, אַז ביי זיי, ביי די קירהס זאָל גאָר אַזעלכעס געשען. ער האָט געמיינט, אַז איצטער האָט שוין אַ סוף גענומען צום שתּדלנות ביי די גרויסע לייט, וואָס האָט ביי אים דאָס ביסל דם־התּמצית צוגענומען. דער רבּ צעהוסט זיך און בייגט זיך אין דרייען.

די ווייבער שטייען מיט צאַפּלדיקער אומגעדולדיקייט, און הינטער זיי, אין גאַניק שטייען די קינדערלעך און כליפּען, אַרויסלאָזנדיק צו ווײַלן אַן אָפּגעריסענעם געוויין־קלאַנג.

— וואָס־זשע שווייגט דער רבּ? — פּלאַצט ביי אַ יידענע דאָס געדולד... איצטער טאָר מען דאָך נישט מורא האָבן פֿאַר זיך אליין — — — מ׳עט זיי דאָך אויסקוילן ווי די רינדער!

דעם רבּ טוט עס אַ טראַג־אויף. וואָס מ׳איז אים חושד, אַז ער האָט מורא צו ראַטעווען יידן פֿון סכּנות־נפֿשות, טוט ער זיך אַ דריי־אויס מיט צאָרן צו די ווייבער, קוקט נישט צו זייער זייט, פֿאַרריכט אומגעשיקט די יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, און בייזערט זיך, דאַכט זיך, אויף די ווענט:

— מע טאָר נישט ראַבעווען! וואָס מיינט איר — ס׳איז הפקר אַ וועלט?!

נאָר גלייך, ווי ער וואָלט זיך באַדענקט, ווערט ער ווייכער, און מיט אַ טאָן פון פארענטפערן-זיך אין תּרעומות, וואָס מען פאַרשטייט אים נישט:

— כ׳קאָן דאָך אַליין גאָרנישט אויפטון. כ׳דריי זיך אַרום, וואַרט, די בעלי-בתּים זאָלן אַריינקומען, וועלן מיר זען — אָט! —

די ווייבער טון זיך אַ צערוק — די בעלי-בתּים גייען!

דער ערשטער רוקט זיך אַריין שמשון-אליהס, אַ נידעריק יידל מיט אַ סזוו בערדל, דער קאָפּ אָפּגעזועצט אַ ביסל אין די אַקסל אַריין, דער בליק אונטער געדיכטע, לאַנגע ברעמען אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד. נאָר ווען ער טוט אַ הייב-אויף פליכטיק די אויגן, ווי זיין שטייגער איז ווען ער וויל פאָרשנדיק באַטראַכטן זיין מיטשפּרעכער, זעען זיך אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן מיט גאָלדענע הירזשעלעך, ווי גנבהשע פונקעלעך, אין די געלוואַסערדיקע רינגעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען. ער טוט פליכטיק און פאָרשנדיק אַ קוק אויפן רב, לאָזט צוריק אַראָפּ די ברעמען און טוט אַ ברום אַרויס:

— נאַ, נאַדיר אַ מעשה!

— נו-נו, — ענטפערט אים אָפּ מיט אַ זיפץ דער רב.

ס׳קומען אַריין די איבעריקע בעלי-בתּים, אַלע מיט ערנסטע פּנימער. דער לעצטער קומט אַריין אַן אויסגעגלייכטער, ווי אַן אַרשין, יהודה סאַפּירשטיין, אָדער ווי מען רופט אים אין שטעטל „יהודה שטעל״. מ׳איז זיך מישב, וואָס מ׳האָט צו טון, און וווּ מען דאַרף גיין. דער רב גייט דערווייל אַריין אין שלאָפצימער און קליידט זיך אָן שבתדיק. ער קומט אַריין מיט דער שבתדיקער קאַפּאָטע, מיטן רויטן טיכל אויפן האַלדז באָרד און פּאות צעקעמט, און זוכט עפּעס פאַרהאַוועט אויפן טיש, אויף דער באַנק און אין שאַפע.

— וועלן מיר גיין, רב? — טוט אַ פרעג אומגעדולדיק יהודה סאַפּירשטיין — ממה נפשך — — —

— אַז איך האָב נישט דאָס שבתדיקע מיצל, — ווערט דער רב נאָך פאַרטאַראַמטער — כ'ווייס נישט, ווו ס'איז מיר אהינגעקומען. — — —

— ווער האָט געזען דאָס מיצל, אַ? — טוט יהודה אַ פרעג אַריין אין שלאָפּצימער אַריין.

דער רביצינס האַנט דערלאַנגט אַרויס דאָס מיצל. דער רב טוט עס אָן, און ער גייט אַרויס בראָש פון די בעלי-בתים פון שטוב.

אינדרויסן ווערן זיי באַגעגנט פון אַ כאָפּטע ווייבער און קינדער מיט אַזא געיאָמער, ווי מען וואָלט אַ בר-מנין פון שטוב אַרויסגעטראָגן.

די יידישע דעלעגאַציע גייט. און דאָס יאָמערנדיקע גע-זינדל באַגלייט זיי. די זאַך איז דער דעלעגאַציע זייער נישט אָנגענעם און פריקרע אַפילו, נאָר ווער וועט עס זאָגן דערשלאָ-גענע ווייבער, זיי זאָלן נישט נאָכלויפן זעען וואָס עס וועט זיין דער גורל פון זייערע מאַנען? און די קינדער נעבעך? ווער קאָן האָבן הארץ דערצו?

פונדעסטוועגן, ווען מען קומט שוין אַרויס הינטערן שטעטל, בלייבט שמשון-אליהס אויף אַ רגע הינטערשטעליק פון דער דע-לעגאַציע, טוט זיך אַ דריי-אויס, אַ שטעק אַריין ביידע הענט אין די הויזנקעשענעס, און צעבייזערט זיך מיט אַ טאָן פון גע-מאַכטקייט און חידוש, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס צופעליק ארומגעזען, אַז זיי גייען נאָך:

— וואָס? איר גייט נאָך אַלץ נאָך? צו אַלדע שוואַרצע יאָר! איר קערט זיך נישט אום אַהיים?

די ווייבער בלייבן שטיין אויפן אָרט תחנונימדיק. נאָר ווען שמשון-אליהס דרייט זיך צוריק אויס צו דער דעלעגאַציע, הייבן די ווייבער איבעראַנייס אָן נאָכצוגיין, הגם שוין מיט איינ-געהאַלטענערע טריט און מיט אַ פאַרשטיקטן געיאָמער. איצט בלייבט שמשון-אליהס ווידעראַמאָל שטיין און שיסט אויס מיט אַן אָנגעצונדן געזיכט:

— איר גייט נישט אַהיים, אַ? קערן מיר זיך באַלד אײַנ־גאַנצן אום — — — די ווייבער שיסן אויס אַ געיאָמער, און בלייבן שטיין אויפן אָרט, ווי איינגעגראָבן.

— וואָס רויעט איר אַזוי, אַ? — צעבייזערט זיך שמשון־אליה נאָך מער: האָסטו געהערט? — האָבן זיי נישט געזאָלט ראַבעווען!

ער דרייט זיך אויס און דעריאָגט מיט דראָבנע טריטעלעך די דעלעגאַציע און ברומט־אויס דאָס לעצטע ביסל צאָרן:

— נאַדיר שוסטערוקעס! — שוין קיין צייט נישט געהאַט — וואַרט — — — האָב צייט נאָך אַ טאָג — — — — ס'אַ טריפהנער אָדער אין זיי — — —

די ווייבער הינטן גייען שוין מער נישט נאָך. זיי קוקן בלויז נאָך דעם אַוועקגייענדיקן רעדל יידן, שאָקלען זיי נאָך טרויעריקע מיט די קעפּ, אַנדערע פאַרברעכן די הענט, אַנדערע פאַר־רייסן דעם קאָפּ און אויגן צום הימל, און עס זעט־אויס, ווי מען וואָלט נאָכגעקוקט אַן אַוועקגעטראָגענע מיטה.

די דעלעגאַציע לאָזט זיך גיין ווייטער, פאַרזונקען אין אַ שווערן שווייגן. דער רב און נאָך אים שמשון־אליהס, זיפּצן שווער אָפּ. זעלטן פאַרטוישט מען צווישן זיך עטלעכע פראזן:

— ביים רוסישן איז מען כאָטש דערצו געוווינט געווען.

— געפּועלט, צי נ״ש געפּועלט — די זאַך איז אָפּגעגאַנגען טרוקן.

— ווער ווייסט. — טוט איינער אַ ציטער מיט אַ וואָנצע— צי מעג מען גאָר גיין פאַר זיי בעטן? גאָט ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט!

— אַז מען זאָגט שוין, מען פירט זיי צו דער תליה! — טוט אַ פערטער אַ זאָג. בלייבט שטיין אַ ווײַלע, און קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט אויפּפּאַסן אַ גוט אָרט צו אַנטלויפן.

— ווייס איך! — איז יהודה סאַפּירשטיין מבטל די גאַנצע שרעק מיט אַ ביטולדיקן האַנט־זשעסט, אַרויסשטאַרצנדיק שטע־

לעריש די ברוסט, ווי איינער זאָגט — איך שטעל-איין מיין לע-
בן דערפאַר.

געקומען אויפן הויף, ווו עס געפונען זיך די גרויסע לייט,
דערפרעגן זיי זיך קוים ביי די אָנבאַגעגנטע עסטרייכער, מיט אַן
אויסגעפּתחטן יידיש, צו וועמען מען באַדאַרף זיך ווענדן. די באַ-
פרעגטע ענטפערן זייער העפלעך, און די דעלעגאַציע דערפילט
איר מיסיע פאַרלייכטערט:

— זיי לאָזן זיך רעדן, — באַמערקט איינער.

צוגעקומענע צום גאַניק, ווו מען דאַרף אַריינגיין, בלייבט
די דעלעגאַציע שטיין פאַר אַ מניעה. צום גאַניק שטייט צוגעבונדן
אַ פערד. נעבן פערד שטייט געבויגן אַ זעלנער אין ווייסע העמד-
אַרבל, אַ רויטער און פאַרשוויצטער, מיט אַ באַרשט אין דער
האַנט און פוצט עס פונם שטויב. דאָס פערד שטייט זיך רויק,
אומבאַוועגלעך, און טוט בלויז צו-ווײלן אַ פיינעם ציטער מיט דער
פעל, צופרידן, משמעות, פונם אָנגענעמען קראַצן. ביי די נאָזלע-
כער לויפט אים אַלעמאָל פאַרביי אַ נערוון-אויפגערייצטקייט, נאָר
זיינע גרויסע אויגן קוקן רויק און פאַרטראַכט, ווי אַ קליין קינד
אונטערן וואַרעמען צערטלען פון דער באַבעס האַנט. נאָר ווען
די בעלי-בתּישע דעלעגאַציע מיטן רב בראָש, ווילן מאַכן דעם
ערשטן טריט אויפן טרעפּל פונם גאַניק, שטעלט זיך גראָד אַ פליג
דעם פערד אונטער דער פאַכווע פונם פיס, דאָס פערד טוט אַ שווי-
דער, טוט אַ פּאָך מיטן צעשויבערטן ווײדל, און די דעלעגאַציע טוט
זיך מיט שרעק אַ באַוועג אויף צוריק:

— נו, וואָס טוט מען דאָ? ווי גייט מען דאָ דורך?

זיי בלייבן שטיין אין גרויס אומגעדולד עטלעכע מינוט.

— דאָס שטייט איז דאָך קיין תּכלית נישט, — ברומט
שמשון-אליהס, נאָר אָנשטאָט פאַרבייצוגיין דער ערשטער און ווייזן
אַ ביישפּיל, רוקט ער זיך נאָכמער אַרויס אויף צוריק.

זיי פּרוּוון פאַרזיכטיק נאָכאַמאָל דורכגיין. נאָר פונקט אין
דער רגע טוט דער זעלנער אַ פּאַטש דעם פערד אויפן הינטערחלק
סע זאָל זיך אויסדרייען, דאָס פערד טוט אַ שפּרונג-אונטער אויף

די זייגטערשטע פיס, ווי אַ שטייגער, סע וואָלט וועלן מאַכן אַ קאָזשעליק. די דעלעגאַציע טוט אַ שפּרונג־אָפּ אויף צוריק מיט האַלב־געמאַכטע אויגן פון שרעק, און מיט אָפּווערנדיקע באַוועגונגען. זיי טוען זיך שיצנדיק אַ פאַרשטעל הינטערן ווענטל פונם גאַניק.

— וואָס עשו איז! — קלערט דער רב: אַ פערד — אַ לעמפּערט, נישט קיין פערד, און ער שטייט זיך אַזוי געבן אים אויף די קני און פּוצט דעם בויך, ווי עס וואָלט געווען אַ קאַץ, נישט קיין פערד! איין קאָפּע מיטן פוס ווען עס גיט אים, וואָל —

דער זעלנער, וועלכער שטייט איצט צו דער דעלעגאַציע אין פּראָפיל, דערשפּירט אויף זיך דעם רבס שפּיזעדיקן, דורכדרינגענדיקן בליק. ער טוט האַלב אַ דריי־אויס דעם קאָפּ צו דער דעלעגאַציע, בלייבט הענגען מיט דער באַרשט אין האַנט אינדערלופטן, און ווענדעט זיך צו זיי, אָפּגיסנדיק זיי פון די אויגן אַרויס, מיט צוויי שטראָמען גרויליקער בלויקייט:

— וואָלען זי הינאַיינגיין? — ביט־שען! — האָבן זי קיינע אנגסטע...

און ער נעמט זיך ווײַטער, ווי נישט אים מיינט מען, צו זיין אַרבעט.

די דעלעגאַציע טוט זיך אַ באַוועג אויפן אָרט, ווערט אַביסל מונטערער און זיכערער, און שמשון־אליהס טוט אַ זאָג מיט אַ פּכיקעריקן שמייכל צו יהודה סאַפּירשטיין:

— יהודה, דו ביסט דאָך עפּעס נישט פון די צעקראָכענע האָסט דאָך שוין עפּעס אַמאָל איינגעשפּאַנט אַ פערדל... ווייז נאָר אָקאָרשט דו אַ וועג...

יהודה סאַפּירשטיין טוט זיך א רוק אַרויס פאָרויס מיט אַ שמייכלדיק, געשמייכלט געזיכט, טוט אַ דריק־צוזאַמען און אַ ציאָפּ די שפּיץ נאָז, ווי זיין שטייגער איז דעמאָלט ווען ער געפינט זיך אין אַן אויפגערעגטער שטימונג, צווישן דעם דיקן און ווייז־פינגער, טוט די פינגער אַ צעשפּרייט און אַ פּיר־אַראָפּ

גלעטנדיק די וואַנצן, בלייבט שטיין, ווי הויך און געזונט ער איז מיט אַ גאוהדיק־אַרויסגעשטאַרצטע ברוסט, און טוט אַ זאָג מיט באַדויערנדיקן שפּאָט:

— איך שטיי מיר אַזוי און קוק, ווי יידן האָבן מורא פאַר אַ פערד... אַ דעלעגאַציע!... קומט!

ער טוט אַ גיי צו האַרט צום פערד, שטעלט זיך צו אים מיטן רוקן, און מיטן פּנים צו דער דעלעגאַציע, טוט ער אַ צע־שפּרייט ביידע הענט אין די זייטן, ס'הייסט — צווישן אייך אין דעם פערד איז איצט אַן אייזערנע וואַנט:

— נו, גייט!

איינציקווייז טוען די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע אַ לויף פאַרביי פּאָרזיכטיק און דערשראָקן, ווי דורך אַ קאָסטרוי, בלייבן שטיין אויפן גאַניק, דרייען זיך אויס זעען, ווי עס גייט צו מיט די אַנדערע און ציען־אָפּ דעם אָטעם.

יהודה סאַפּירשטיין טוט אַ לאָז אַראָפּ די הענט און קומט נאָך זיי מיט אַזאַ שטאָלצער מינע, ווי אָט־ערשט האָט ער איבערגעלייגט טויט זיין ערשטן בעסטן שונא.

זיי קומען אַריין אין אַ שמאָלן טונקעלן קאָרידאָר, וועל־כער פירט זיי צו, צו אַ טיר. הינטער דער טיר בלייבן זיי שטיין מיט קלאַפּעדיקע הערצער, בלאַסע פּנימער, די אויגן פאַר־גרעסערט און בולט־דערשראָקן. אַנדערע פאַרשפּילן אויף זיך די מלבושים. דער רב טוט מיט צוקנדיקע פינגער אַ פאַרדריי די דיקע פאות, גלייכט־אויס מיט נישט־געשיקטע הענט דאָס מיצל אויפן קאָפּ און כאַפּט זיך אונטן צום הויזנשפּאַלט. שמשון־אליהס לייגט אַרויף די פינגער אויף זיינע אונטערגעשוירענע וואָנצעס און הוסט אין זיי שטיל אַריין. יהודה סאַפּירשטיין קלאַפּט לייכט אָן מיט אַ פינגערגעלענק אין דער טיר.

אַ האַרצקלאַפּנדיקע פּויזע...

אַ דיקע באַסשטים:

— ריין!

יהודה סאַפּירשטיין טוט אַן עפן מיט דרך־ארץ די טיר

און בלייבט שטיין אַריינצולאָזן די דעלעגאַציע. אַלע טוען זיך אַ כאַפּ פאַר די היטלען.

— נו, שמשון, גיי אריין, — זאָגט דער רב.

נאָר שמשון־אליהס זינקט נאָך טיפער אַראָפּ מיטן קאָפּ אין די אַקסל אַריין, און פאַרוואונדערט זיך מיט תּרעומות:

— וואָס הייסט? דער רב דאַרף אַריינגיין פריער.

— גיי דו, יהודה... שטאַמלט דער רב

— אַריינגיין, — זאָגט יהודה סאַפּירשטיין איינשמוגסנדיק

— גייט איר אַריין, און אַז ס׳עט קומען צום רעדן, וועל איך שוין רעדן.

יעדער איינער רוקט זיך צוריק, און שטופּט דעם צווייטן פאָרן עלנבויגן:

— נו, נו...

יהודה סאַפּירשטיין צינדט זיך אָן מיט אַ פּליסטערנדיק בייזע שטים:

— איך בעט אייך! וואָס זענט איר געקומען?!

זיין אויפרעגונג גיט זיך איבער די איבריקע. זיי ווערן פון דעם אליין מונטערער. דער רב טרעט אַריבער די שוועל, און הינטער אים טוען זיך אַ רוק אַריין די איבריקע.

אין אַ ווינקל פון אַ גרויסן טונקעלן און קילן זאַל שטייט אַ קליין טישל, עס בלייכן אַראָפּ פון דעם פּאַפּירן. אין אַ פּאָטעל דאַביי זיצט אַ דיקער, שווערוואָגיקער אָפיציר, מיט דיקע גאָלדענע פּאַגאָנעס, אַ פליכטוואַטע גלאַנצנדיקער קאָפּ, אַ קליין סיוו בערדל, איינמיטן אויסגעראַזירט. אָן אויגנבליק דאַכט זיך ס׳איז פראַנץ־יאָזעף אַליין. דאַנעבן שטייט אַ ליידיקע שטול, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף עמעצן. וואַרטנדיק איז אויך די פּאָזע פונם אָפיציר, יעלכער זיצט האַלבגעווענדט צו דער טיר.

די דעלעגאַציע־אָנטיילנעמער טוען אַ נעם אַראָפּ די היטלען. דער רב ציט מיט דער רעכטער האַנט אַראָפּ דאָס מיצל, און מיט דער לינקער ציט ער הינטן צום קאָפּ צו די יאַרמלקע, זי זאָל זיך נישט מיטשלעפּן.

זיי טוען זיך דערנענטערנדיק אַ טיפּן פֿאַרנייג און ווייען־דורך דורך נאָז און ציין עפּעס אַ באַגריסונג.

דער אָפֿיציר טוט העפֿלעך אַ שמייכל און ענטפֿערט מיט אַ הויכע שטים וועלכע קלינגט־אָפּ ווי פֿון אַ הוילן פֿאַס אין דעם גרויסן לגמרי ליידיקן זאַל:

— גריס גאָט, מיינע הערן!

דער „גריס גאָט" דערמוטיקט דעם רב, ער דערפֿילט זיך עפּעס ווי אין אַ קרובהשאַפֿט מיטן אָפֿיציר, און ער רוקט זיך צו אים אַרויס נענטער.

דער אָפֿיציר קוקט אויף אים מיט אַ גוטמוטיקן בליק פֿון אונטער דיקע, ווי אויפֿגעשוואָלענע אויגנלעדלעך, און פֿאַרשטייט: איינע יודישע דעלעגאַציאָן.

— זיינד זי ראַבינער? ניך? — ווענדעט ער זיך צום רב: ביטע, נעמען זי פּלאַץ.

דער רב מאַכט אַ באַוועגונג נענטער צו דער שטול, נעמט זי אָן פֿאַר דעם פּאָרענטש, און בלייבט שטיין אומאַנט־שלאָסן, קוקנדיק אויף דער דעלעגאַציע מיט אַ שאַרפֿן, קאָנצענ־טרירטן בליק.

— אַלזאָ, מיט וואָס קאָן איך אינען? — פֿרעגט דער אָפֿיציר מיט אַ טאָן פֿון פֿאַרלעגנהייט און האַקט זיך אָפּ.

שאַפֿט דער רב זיך מוט און הייבט־אָן צו שטאַמלען פֿון הינטער אַ צוקנדיקער וואָנץ אַרויס.

— פֿיר יידן... פֿיר יידן האָט מען געפֿאַנגען...

דער אָפֿיציר קוקט אים גלייך אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט פֿאַרפֿאָלגט די קלאַנגען וואָס גייען פֿון דאָרט אַרויס, קנייטשט דעם שטערן און וויל פֿאַרשטיין וואָס מען וויל פֿון אים.

דער רב בייט־איבער די האַנט אויפֿן פּאָרענטש פֿון דער שטול, און זעצט פֿאָר:

— די יידן האָבן געגנבעט...

— געשטוילט, — רוקט זיך אַרויס יהודה סאַפּירשטיין און פֿאַרטייטשט:

דאָס איינע וואָרט מאַכט דעם אָפּיציר קלאָר, אַז דאָ האַנ־דלט זיך מכות די פיר יידן, וואָס מ'האָט זיי נאָרוואָס פון אים אָפּגעפירט נאָך זיין אַרויסזאָגן דעם פסק, ער שאָקלט דאַריבער צו צופרידן מיטן פליך:

— יאַ יאַ, אַלזאָ?...

און דער רב ווייטער:

— מיר בעטן דעם האַר — מע זאָגט, מ'עט זיי הענגען — אָבער די לייט האָבן עס געטון בשוגג...

— אומגערן, דערקלערט יהודה סאַפּירשטיין.

— האָבן זי גנאָד, ליבער האַר — רוקט זיך אַרויס שמשון־אליהס מיט ביידע הענט פאַרלייגט אויף־הינטן, פון וועלכע עס שטאַרצט־אַרויס זיין קאַשקעט מיטן אינעווייניק אינדרויסן, ווי ער וואָלט בעטן, מע זאָל אים אַהין אַריינוואַרפן אַ מתן־בסתר.

איבערן אָפּיצירס געזיכט שאָטנט אַ וואָלקן, ער שפּאַרט זיך אָן מיט די עלנבויגנס אויף די זייטאָרענטשעס פונם פּאָ־טעל, און הייבט מיט זייער הילף אויף, העפּטיק אָטעמדיק, זיין גופיקע משא. די דעלעגאַציע רוקט זיך עטלעכע טריט הינטער־וויילעכטס. עפּעס איז ער, ווי דורך אַ ווונדער, אין איין מינוט אויסגעוואַקסן. ער שטייט מיט אַ קאָפּ העכער פון זיי אַלעמען. ער ווענדט זיך צו זיי מיט אַ גאַנצער רעדע, רעדט צייטנוויין אויפגערעגט, און די דעלעגאַציע איז תופס דאָס פאָלגנדיקע;

די יידן גייען אַרום ליידיק... אַרבעטן נישט... יענע זענען געגאַנגען אין דאָרף שטילן.. מע מוז זיי באַשטראָפן... הענגען וועט מען זיי — ס'איז פאַרפאַלן — ער האָט שוין אָפּ־געגעבן אַ באַפעל — נאָר ער איז זיי מבטיח, אַז זיי וועלן לעבן בלייבן... זיי, די יידישע דעלעגאַציע, מעג זיין זיכער דעריבער.. פאַרנאַכט וועלן זיי פריי זיין...

די יידן קוקן זיך איבער דערשטוינט: הענגען וועט מען זיי, און לעבן וועלן זיי בלייבן — זיכער — נאָר ווי אַזוי? וואָס הייסט?!

זיי פרוּוון זיך איינשטעלן פרעגן דעם אָפיציר א דערקלע־רוּנג, יענער ענטפערט, נאָר גיי מאַך, אז מע קאָן זיך נישט אויסטענהען!

דער אָפיציר זעצט זיך צוריק אויפן אָרט. די דעלעגאַ־ציע פארשטייט, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט. זיי מאַכן אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין. נאָר דער אָפיציר הייבט ווייטער אָן צו רעדן. ער רעדט וועגן אָרדנונג, שטאָטפאַרוואַלטונג און פאַר־אַנטוואָרטלעכע פערזאָנען. שמשון-אליהס מיט יהודה סאַפּיר־שטיין, דערשמעקן עפעס אַ סכנה, און רוקן זיך אומבאַמערקט אַרויס הינטער דער דעלעגאַציע. דער אָפיציר קלויבט אויס פון די וואָס שטייען נעבן אים אַ פאַרשטייערשאַפט און אַ ביר־גערמייסטער. ער בייגט זיך איבער איבערן טישל, שרייבט עפעס, און הייסט דערנאָך די פאַרשטייער מיטן בירגערמייסטער זיי זאָלן זיך חתמענען.

די דעלעגאַציע נוצט זיך אויס מיט דעם, וואָס דער אָפי־ציר איז פאַרטון און זיי רעדן זיך איבער צווישן זיך אין דער שטיל. שמשון-אליהס טוט אַ טאַרקע יהודה סאַפּירשטיין, און רוימט אים איין אויפן אויער:

— מ'אָלט איצטער באַדאַרפט פועלן ביי דעם אדון, ער זאָל געבן אַ פּאַפּירל, מע זאָל קאָנען אריינפירן אַ פורל מעל פון וואָלינסק. די ווייבער מאַכן גוואַלדעס, ס'איז נישטאָ קיין מעל אויף שבת. פאַרשטערט, מ'אָלט געקאָנט איצט גוט פאַר־דינען.

יהודה סאַפּירשטיין טוט אויף אים אַ שאַרפן בליק מיט אַ שאַטירונג פון באַוואונדערונג אַפילו, בלייבט שטיין אין מחשבות טוט דריקנדיק אַ גלעט-אָפּ מיטן דיקן און ווייזפינגער די וואָנ־צעס, פאַרבייסט מיט די אונטערשטע ציין די אייבערשטע ליפּ, און ברומט אַרויס נאָך אַלץ אין מחשבות:

— מם, ס'אַ פּלאַן...

— ערלעדיקט, — טוט צולעצט דער אָפיציר אַ זאָג, און טוט זיך אַזוי אַ זעץ-איין באַוועגלאָז אין זיין פאָטעל, ווי זיין

גאַנצע פּאָזע וואָלט געזאָגט: נו, מער האָט איר שוין מיט מיר נישט וואָס צו מאַכן.

די דעלעגאַציע לאָזט זיך צו דער טיר, נאָר שוין ביי דער טיר שטייענדיק, טיילן זיך פון זיי אַרויס שמשון-אליהס מיט יהודה סאַפּירשטיין און גייען צוריק צו צום אָפּיציר.

— אין נאָמען פון דער שטאָט, — ווענדט זיך צו אים העזהדיק יהודה סאַפּירשטיין, און שמשון-אליהס, אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, שאָקלט צו מסכּימדיק: בעטן מיר ביי דעם הער קאָמענדאַנט אַ דערלויבניש, אַריינצופירן אַ ביסל מעל אין שטאָדט... די פּויערים האָבן אַלעס אָוועקגעפירט.

— מעכטן זי אַלזאָ איינען פּאַסירשיין האָבן? — פרעגט דער אָפּיציר שלעפעריק.

— יאָ, יאָ, — כאַפּט-אונטער חניפהדיק שמשון-אליהס, בייגט זיך איין, שטעקט אַריין די הענט אין די אַרבל, און קוקט אויפן אָפּיציר, ווי אַ חסיד אויפן רבין ווען ער לייענט זיין קוויטל.

דער אָפּיציר טוט אַ פרעג, שרייבנדיק אויף גיך אַ צעטעלע:

— וואָהין דען?

— קיין וואָלינסק, — זאָגט יהודה סאַפּירשטיין, פאַרשלי-סנדיק אַ האַנט איבער אַ האַנט איבער דער אַרויסגעשטאַרטער ברוסט, און קוקנדיק מיט אַ שטאָלץ שמייכעלע אויף שמשון-אליהס.

— דאַ האָבן זי"ס — דערלאַנגט זיי דער אָפּיציר אַ צעטעלע, און פאַרמאַכט דאַביי די אויפגעשוואָלענע אייגעלעדלעך.

שמשון-אליהס מיט יהודה סאַפּירשטיין גייען אַרויס שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, ווי זיי וואָלטן באמת געמיינט, אַז דער קאָמענדאַנט איז אין דער רגע איינגעשלאָפן. נאָר ווען זיי גייען שוין אינם טונקעלן קאָרידאָר יאָגט זיי נאָך דעם קאָמענדאַנטס שטים מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

— אַבער מאַכן זי קיינע געשעפטע!

אַרויסגעקומען אינדרויסן טוט שמשון-אליהס אַ זאָג צום רב:

— נו, דאַנקען גאָט! וועלן שוין יידן האָבן מעל אויף שבת; ער האָט אונדז געגעבן אַ פּאַסירשיין קיין וואָלינסק.

— דאַנקען גאָט טאַקע. — איז דער רב שטאַרק צופרידן און דערמאָנט זיך אינם מאמר־חז״ל: המתפלל בעד חברו... נאָר אינמיטנדרינען ווערט זיין מחשבה איבערגעריסן דורך פיר פּאָר הענט, תּחנונימדיק אויסגעשפּרייטע. ווי פון אונטער דר ערד זענען אויסגעוואַקסן די ווייבער פון די אוועקגעפירטע בעל־מלאכות מיט זייערע קינדער. אַ מאָמענט שטייען זיי אַזוי שטום פון איבערראַשונג, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, מיט תּחנונימדיק־צעשפּרייטע הענט, פאַרשטעלנדיק דער דעלעגאַציע דעם וועג. די דעלעגאַציע שטייט אַ רגע פאַרווירט און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. באַלד טוט איינע אַ פּרעג מיט אַ זיפץ פון ברוסט אַרויס:

— נו־זשע, וואָס הערט זיך?

— ווי איז אונדז! — טוט אַ צווייטע אַ פאַרברעך מיט ד הענט: פאַרוואָס גייען זיי נישט מיט אייך?

אַ שרעקלעכער יאָמער האַלט אָט־אָט ביי אויסברעכן.

— דאַנק גאָט! — רוקט זיך אַרויס פאָרויס שמשון־אליהס מיט אַ שייַנענדיק געזיכט: מיר האָבן געפּועלט, פאַרנאַכט וועט מען זיי אָפּלאָזן אַהיים.

— אַ דאַנק דיר און אַ לויב דיר, דער וואָס לעבט אייביק! — טוט אַ יידענע אַ פּאַטש מיט די הענט, ווי דער האָן מיט די פליגל, איידער ער זאָגט אָן דער וועלט, אַז ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער פרימאָרגן.

— מ׳האָט שוין אַפילו געמאַכט אַ יודישן בירגערמייסטער. — איז זיי מודיע יהודה „שטעל״, כדי זיי נאָכמער צו פאַרזיכערן.

ס׳ווערט אַ פרייד צווישן די ווייבער, די קינדערשע אייגלעך גלאַנצן אויף פון פרייד. און איידער די דעלעגאַציע קוקט זיך אַרום זענען שוין די ווייבער מיט די קינדער פאַרשוווּנדן

געוואָרן. געלאָפן, אָט אַפּנים, אין שטעטל אַריין, אָנזאָגן דאָס פריילעכע נייעס.

— איר האָט דאָך געהערט, — זאָגט איינער פון דער דעלעגאַציע צו די איבעריקע, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַליין אין עפּעס שטאַרקער איבערצייגן — ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט, דער קאָמענדאַנט, אַז פאַרנאַכט וועט מען זיי פריילאָזן?!

— בפירוש, בפירוש, — שאָקלט צו ערנסט-מסכימדיק שמשון-אליהס.

— פריילאַסן, פריילאַסן! — שפּעט דעם קאָמענדאַנט איבער, צופרידן, מיט אַ שמייכלדיק פּנים, דער רב, און גיט-צו שוין ערנסט: מיט זיי קאָן מען כאָטש אַ וואָרט רעדן! לאָזן זיך רעדן.

— און שטענדיק, ווען זיי פאַרשטייען נישט וואָס מע רעדט צו זיי אַפילו, שאָקלען זיי צו מיט די קעפּ — יאַ, ס׳וואַר, ס׳וואַר, — באַמערקט אַ צווייטער.

— און וואָס זיי רעדן, הייסט עס פאַרשטייט מען, — שטאַרצט יהודה סאַפּירשטיין אַרויס די ברוסט: עפּעס ווי דאָס גאַנצע מויל וואָלט זיי פול געווען מיט צונג, מיט אַ וואַרפנדיקן בויך פון אַ צעהאַקטן שלאַנג.

— און צווישן דריי-פיר ווערטער — ניך? ניך? — שמייכלט שפּאָטיק אַ ייד.

— מילא, — פּירט-אונטער אַ סך-הכל יהודה „שטעל":

אַלץ בעסער פון יענע, פון אונדזערע — נישט שכור, און — דאָ זייעט ער דורך די רעשט פּראַזע דורך די ציין, דער רב זאָל נישט הערן:

— און רעדן נישט כסדר וועגן „דיעווקעס"...

ווען זיי קומען אַריין אין שטעטל אַריין, קוקט מען זיי נאָך מיט דרך-ארץ, מע שמייכלט זיי אַקעגן, און אַ היימישערמענטש, אַ בעל-הבתישער באַגעגנט זיי מיט אַ חניפהדיק ווערטל אויך.

— רבונו-של-עולם! — זאָגט פעלטע-לאה ווען זיי גייען

פאַרביי איר בריקל, קוקט זיי נאָך און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ: זאָל זיך שוין טאַקע פון היינט אָן אָנהייבן דאָס גוטע, טאַטע־פאָטער!

*

פאַרנאַכט ווען דער עולם גייט מנחה דאַוונען, ווערט אַן איינגעלויף: די אַרעסטירטע יידן גייען שוין אַהיים. דערשלאָגענע פאַרמאַטערטע, ווי נאָך אַ תענות, מיט בלאַס־בלויע געזיכטער, גייען זיי זיך פּאַמעלעך מיט' אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי געשמיסענע. בעריש פאַרבער שלעפּט זיך אָנגעלענט אויפן אָרעם פון זיין הויך און דאַר ווייב, ער זעט אויס ווי אַ בר־מנן און זיין ווייב זינגט קלאָגנדיק:

— זיי האָבן מיר אים אַוועקגעהרגעט... זיי האָבן מיר אים אַוועקגעקוילעט...

— די הענט האָט מען זיי פאַרבונדן אַרונטער, — גיט מען זיך איבער איינער דעם צווייטן מיט אַזא שטים, ווי די זאַך וואָלט דאַרפן בלייבן בסוד –– זיי אַליין האָט מען צוגעבונדן צוביימער מיטן רוקן צום שטאַם און די פיס — קוים וואָס זיי דירן־אָן מיט די שפּיצפינגער די ערד.

— יאָ, מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, סאַראַ טעם־גן־עדן דאָס איז!

— איר פאַרשטייט? — זאָגט עמיצער גאָר שטיל: איז ביי בעריש פאַרבער אַרויס דאָס געבערכעניש, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט...

— אַי־ווי! — קרעכצט־אָפּ שמואל־וואָלף דער אַלטער.

צו דער אַרבעט.

דער ערשטער פרייטיק נאָכן פאַרנומען ווערן פונם שטעטל דורך די עסטרייכער. בײַטאָג. אין קלאָרן, אַ ביסל פאַרפודערטן הימל הענגט אַ תמוזדיקע רויטלעכע זון איבער דעם פוסטן מאַרק. ס׳איז רויק און שטיל, די קראָמען זענען געשלאָסן: מע וואַגט זיי נאָכנישט צו האַלטן אָפן כסדר. עס גלייבט זיך נישט ס׳זאָל שוין טאַקע האָבן זיך אומגעקערט די רויקע צייט, און ס׳איז אַ שטימונג פון אַן אבל נאָך שבעה ווען ער עפנט דאָס געשעפט מיט גרויסע הפסקות.

זעלטן איילט עמעץ אדורך די גאַס מיט אַ ווייס פּעקל אונטערן אָרעם: יאָגט זיך אין מרחץ אַרײַן. טראַכט אין לויפן וועגן דעם פאַרגעניגן צו ליגן הינטער דעם בײַסנדיק-גלעטנדיק בעזעמל אויף דער ערשטער באַנק און איז באַצײַטנס פון בלויזן געדאַנק אַליין זיס אויפגערעגט. עס ציט אַ היץ פון הינטער דעם האַרץ-לעפּעלע און די פיס טראָגן גיכער.

„נו, טראַכט ער, מע האָט שוין טאַקע אַ לענגערע צייט פון דער באָד קיין הנאה נישט געהאַט, האַלסט אין סאַמע מיטן ברען, דאָס בעזעמל גלעט צווישן די לאָפּאַטקעס מיט אַזאַ דורכ־נעמענדיק זיסע וואַרימקייט, פילסט דער מאַרך פון חוט־השדרה ווערט צעגאַנגען, דאָס האַרץ פאַרגייט פון שמאַכטונג און חלשות, און פּלוצים —

— טוט זיך אָן! די סאָלדאַטן זענען שוין געקומען! איצטער, דאַנקען גאָט, פּטור געוואָרן פון דער צרה! עט מען זיך אַביסל אויסגלייכן די ביינער כאָטש!“

באָד איז פאַרפולט ווי אום ערב ראש־השנה. אַ המון אַנטבלויזטע לייבער: ווייס־רויטלעכע, טונקל־ברוינלעע, בייכן און געפּלדיקן, טשאַדיקן באָד־רוים.

נאָענט צו דער טיר, אויף דער הילצערנער פּאָדלאָגע מיט ריוועלעך, באַדעקט מיט אַ לייכט צעקראָכן־שמוציקע דורכגעפּאַרעטע בלעטלעך און ריטלעך, הינטער וועלכע עס זעען זיך כסדר די אומריינע פאַרזייפטע וואַסערן, — זיצן קופּקעלעך שוין געשמיסענע יידן, פאַרמאַטערט, רויט־צעפּאַרעט און קילן זיך. פון זייערע לייבער מיט די צעפּאַרעטע געבליטן הייבט זיך אויף אַ רויכערדיקער דאַמף, ווי פון אַ זומפּ אין אַ קילן באַגינען. יעדער האַלט זיין שעפּעלע וואַסער, ווער אויפן שויס, ווער צווישן די אויפגעשטעלטע קני און ווישט זיך אָפּ, ווער מיט אַ נאָזטיכל, ווער מיט אַ האַלדזפאַטשיילע. דאָס פייערדיק רויטע פּנים וואָס צערינט אין שווייס. זיי זיפצן, אָטעמען אַלעמאָל אָפּ און שמועסן מיט הפּסקות און הרחבת־הדעת וועגן די נאָענטפאַרלאָפענע געשעענישן און פּאַסירונגען:

— נו, וועט ער זיך כאָטש אַביסל אָפּרוען פאַר אַזאַ לאַנגע צייט. נו, נו, אַ צייט אַביסל!

— דער ערשטער רויקער שבת! וואָס־זשע, מ'האָט דען געוויסט פון אַ מנוחת־שבת צו זאָגן?

— דער ערשטער שבת! זיי זאָלן כאָטש דאָרט, די ווייבער שכל האָבן גוטע קוגלען צו מאַכן! טוט איינער אַ זאָג מיט אַ שמייכל וואָס ווערט אים פאַרשרפּעט אויפן היציקן נעזיכט און אין די ברענענדיקע אויגן.

— וואָס־זשע מיינט איר? — הייבט איינער אויף דעם קאָפּ מיט אַן ערנסטן בליק, לאָזט אים צריק אַראָפּזינקען, ווי ער וואָלט וועלן זיך באַטראַכטן אין וואַסער־שפּיגל פון דעם שעפּעלע, און פאַרענדיקט צו זיך אַליין:

— וואָרן באמת וואָלט דען נישט דאָס גאַנצע שטעטל באַדאַרפט גומל בענטשן?

אַרויף העכער איז אַ גרויסע באַוועגונג. מע גייט אַרויף

און אראָפּ אויף די שוויצבענק באַוואָפנט מיט בעזעמלעך און שעפעלעך וואַסער. טייל ליגן דאָרט אויסגעצויגן, פאַרחלשט, אין די פאַרשיידנסטע פּאָזעס, זיפצן-אָפּ הויך, ווייטיקלעך, הנאהדיק און לאָזן געוועלטיקן איבער זיך אַנדערע. יענע פּראַווען איבער די גימנאַסטישע קונצן, פּאָכען דראָענדיק מיט בעזעמלעך איבער זייערע קעפּ און לאָזן זיי פאַלן איבער זייערע צעוואָר-פּענע לייבער; שטייען מיט האַלבגעברייטע רוקנס און פירן די בעזעמלעך לאַנגזאַם, גלעטנדיק און איבערבעטנדיק.

— אָף אַ שעפעלע! אָף אַ שעפעלע! — הויבן זיך פון דאָרט אַרויף אַלעמאָל האַלבווילדע, האַלבנחתרוחדיקע קולות, מיידן אויס די כלערליי ברודיקע וועשן און שמאַטיקע אָנטועכצן, וואָס הענגען אויף שטאַנגען פאַרשטעקט אין די באַלקנלעכער איבער די שוויצבענק, קויקלען זיך פאַרטויבט הינטער שוואַרצער, פאַר-שוויצטער סטעליע, וואָס דורך אירע ברעטער נעצט דער טיק און שפּאַרן זיך אַרויס ביים נידריקן טירל וואָס פירט אין לאַנגן, ליכטיקן און ווינטיקן קאָרידאָר וווּ דער עולם טוט זיך אויס.

עמעץ גייט צו צום דאַמפנדיקן טון וואַסער וואָס שטייט אין ווינקל נעבן גרויסן היצאויוון, שעפּט פאָרזיכטיק אָן מיטן לאַנגן האַנטשטעקן אַ שעפעלע, און מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, מיטן קאָפּ אויסגעצויגן צום אויוון, מיט געזעצטע קניעס און צו זיך צוגעצויגענע הענט, ווי ער וואָלט זיך גרייטן אַריינשפּרינגען אין אויוון — טוט ער אַ גיס-אויף דאָס וואַסער און אַ שפּרינג-אָפּ כהרף-עין מיט אַ ווילד-פאַרגניגט אויסגעשריי:

— אָ אָ-ה!

דער אָנגעגליטער ציגלהויפן טוט אַ זאָט ווי טויזנט שלאַנ-גען וואָלטן פאַראַמאָל אַ צישע געטון. אַ קנוילדיקע פאַרע-מאַסע טוט אַ זעץ-אַרויס ווי אַ לייכטער, קרייזלדיקער, ווייסגרוילעכער וואָלקן. די לופט ווערט פאַראַמאָל געדיכט און שטיקנדיק. אַלץ ווערט פאַרהילט מיט אַ נעפּל, און די געהעכערטע קולות און געשרייען אויף די שוויצבענק גיסן זיך צוזאַמען אין איין פריי-דיקן, ווילדן געשריי, פול לעבנסציטער און תאוה-שמאַכטונג ווי

דאָס הירזשען פון אַ יונגן ראַסע־לאָשעק.

— אָ—אָ—אָ—אָ—ה!

נעבן היצאויוון, אין סאַמע ווינקל אַרום די הילצערנע פּאַרענטשן פון דער מקוה, שוויבלט פון נאַקעט שטיפעריש קליינוואַרג.

(— אַ קליי־ניקייט, ס׳איז עפּעס אָפּצוזאָגן, אין די וואָכן וואָלגערניש זענען דאָך די קינדער פאַרוואָרלאָזט געוואָרן!)

קליינוואַרג וואַרט איבער ביז אין מקוה געפינט זיך נישט קיין עלטערער. מע כאַפּט זיך אַהין אַריין, מע פּלושקעט זיך, מע שטיפט, און מע מאַכט קולות און קוויטשערייען, גוואַלדן און געוויינען וואָס באַצוונגען די קולות און טומל פון די גרויסע אינדערהויף.

דער בעדער טוט אַ לויף צו, בייגט זיך אַריבער דעם פּאַרענטש און שרייט אַראָפּ:

— אַרויסט שקצים פון מקוה! די מקוה עלן זיי מיר איבערפירן! אַרויסט!

זיי טוען זיך אַ שאָט אַרויס ווי אַ מחנה צעשראָקענע מייזלעך, און צולויפן זיך מיט דיגינקע קוויטשערייען און גע־לעכטערן.

שמשון־אליהס, באָרוואָס אַראָפּ פון דער אויבערשטער באַנק, לאָזט זיך מיטן שעפעלע אין האַנד צו דער מקוה.

— עכברוישים! — טוט ער אַ געשריי מעשה באַלעבאָס אויף די קינדער.

אַן איבערגעשראָקן יאטל טוט אים אַ זעץ נישט ווילנדיק אין עלנבויגן. דאָס שעפעלע טוט אַ פאַל אַרויס, טרעפט שמשונען אויף אַ נאַגניאָטקע. ער טוט אַ שפּרונג הינטער און פאַרקריצט מיט די ציין:

— אַז דערהרגעט זאָל עס ווערן איידער עס דעלעבט גאָר אויסצוּוואַקסן! המ...

און אָפּגייענדיק איז ער מוסיף אין דער וועלט אַריין:

— פרעג וואָס פלאָדיען זיי אַזויפיל?!

פּאַראַמאָל ווערט דער פאַרשטיקטער טומל רויקער, דער געשפּענסטיקער געווימל אייגנגעהאַלטענער, ווי דער המון וואָלט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און דאָס דערשטיקט־טעמפּע טיקטיקן פון דער מאַשין פון יענער זייט וואַנט באַהערשט אַלץ.

מענדל שוסטער, וואָס מאַכט איצט פּאַרע, ווערט פון דער פּלוצלינגער ענדערונג אַרגע פאַרשטיינערט אין זיין אַריינשפּרינ־גענדיקער פּאָזע. דאָס שעפּעלע זודיק וואַסער טוט אים אַ פאַל פון דער האַנט און פאַרעט אָפּ אַ יידן.

דער ייד טוט אַ פייגלעכן געשריי און אין באָד ווערט פּאַראַמאָל אַן איבערגעשראָקענע אויפגערודערטקייט:

— וואָס?

— ווער?

— וועמען?

— ווער זאָגט עס?

— אָט הערט איר דאָך!

— שטילער, אַ רוח אין אייערע טאַטעס אריין! לאָמיר הערן!

— דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן: אין אַ האַלבע שעה מוזן אַלע מאַנסלייט זיין פאַרזאַמלט ביי אים אויפן פּלאַץ.

— אויב מע וועט נישט קומען, וועט ער, — כאַפּט אונ־טער אַ צווייטער, נאָר דער סוף פון זיין פראַזע ווערט פאַר־שלונגען פונ׳ם טומל.

— אַרעסטירן!

— הענגען!

— שיסן! — פאַרענדיקן אַנדערע שוין פון דער אייגענער סברא.

— לאָזן גיין די באַלעבאַטים פריער געוואוירער ווערן!...— שרייט עמעץ פון די בענק אַראָפּ.

— אויף וואָס האָט מען געמאַכט אַ בירגערמייסטער?!

— אַז אַ רוח זאָל אין אייערע טאַטעס אריין! וואָס שרייט איר? ממזרים! מיר ברענען דאָך!

— טוט זיך אָן! לאָמיר אַלע גיין! אַלע!

טוט איינער אַ כאַפּ זיין ברודיק וועש פון שטאַנג איבער די בענק, שלעפּט מיט פון איילעניש דעם שטאַנג גופא, און די גאַנצע מאַסע וועש און אָנטועכצן וואָס אויף אים טוט זיך אַ שיט אויף די מענטשן, בענק און פּאָדלאָגע. ס'ווערט אַן איינגעלויף. יעדער איילט צו כאַפּן דאָס זייניקע איידער עס וועט איינגעטרעטן ווערן. יעדער וואַרפט, שטופּט, שליידערט און שעלט. עס ווערט אַ הוהאַ אומדערבאַרעמדיק:

— ווו זענען די שקאַרפּעטקעס?

— טאַטע, ט'האָסטו די גאַטקעס!

— איציקל, נאַ דיר די זעקלעך!

— פּאַרך איינער, ס'איז דאָך מיין זאָק!

— אַז די כאָליערע זאָל דיך טרעפן מיטן קירה-מאַק!

— וואָס שטופּסטו זיך?

— כ'האָב דיך אין דר'ערד!

— הו—האַ! האָ—הו! הו—הא! הו—אָ!

און אינמיטן דולן רויש רייסן זיך אַריין ליאַרעמדיקע קולות פון ווייבער אין דרויסן, פּאַרטויבט פון די ווענט און פאַרענדערט אינם טומל, אַזוי, אַז מע הערט בפירוש, ווי מע גוואַלדעוועט דאָרט:

— מע שיסט!

— מע שלאָגט!

— מע הענגט!

ווערט דער טומל נאָך טומלדיקער און די באַוועגונג נאָך דולער. די קינדער הייבן אָן קוויטשען און יאָמערן. דערקאָנט אַ מאַמע אינדרויסן איר חיימלס קולעכל, רייסט זי זיך די האָר פון הינטער דעם טשיפּעק אַרויס און רייסט זיך משונהדיקע קולות פון האַלדז אַרויס:

— ווי—יי! ווי צו מיינע יאָר! ווי איז מיר מיין טייער שע—פּע—לע!

אַ יידענע, אַ יוסטע באַלעבאָסטע, לויפט אַריין דורכן קאָרי-

דאָר צו דער בעדערין און צאַפּלט איבער איר:

— חיה קרוין, חיהניו, לויפט אַריין און ראַטעוועטס מיר אַרויס מיין קינד, חיהניו. איר זאָלט מיר האָבן אריכות־ימים.

די בעדערין פאַרגעסט ווי זי האַלט אין דער וועלט, כאַפּט אַרויף איבערן קאָפּ א גרויסע, דיקע שאַל, ווי זי וואָלט אַרויסגע־גאַנגען אום ווינטער אויפן פראָסט, טוט אַ לויף מיט אימפּעט דורכן ווייבערשןביידל אין באָד אַריין, לויפט אום צווישן די נאַקעטע מאַנסלייט מיט אויסגעשפּיצטע בליקן, און רופט מיט אַ שניידנדיק קוויטשעדיק קולעכל:

— מאָשקעלע! מאָשקעלע איטע־חיהס! די מאַמע חלשט!

אינם קאָרידאָר איז אויך דער טומל גרויס, אָבער אָן דער פּאַרטויב־דיקער מטושטשדיקייט וואָס אין באָד. די פיר גרויסע פענסטער גיסן אַריין אַ סאַך זון אין דרויסנפרייקייט און דאָס באַ־רויקט אַ ביסל די געמיטער. אויף די בענק וואָס גאַרטלען אַרום די ווענט טוט זיך דער עולם אָן איילנדיק און דענערווירט. דאָס אָנטועכץ פאַרפלאָנטערט זיך הינטער די הענט. ווי אויף צו להכעיס טרעפט מען אַלעמאָל נישט צו דעם וואָס מע באַדאַרף. עמעץ ברומט אומגעדולדיק אויף אַ שקאַרפּעטקע וואָס לאָזט זיך נישט אַרויפציען, דער צווייטער זייעט אַ קללה דורך די ציין אויף אַ קנעפּל וואָס לאָזט זיך בשום־אופן נישט אַריינשטעקן אין דער פּעטלקע. און בעת־מעשה חקירהט מען דערוויל דורך פאַרסאָ־פּעטן אָטעם:

— וואָס קאָן עס זיין? וואָס קאָן ער פּלוצים דאַרפן האָבן אַלע יידן? און וואָס האָט מען צו טון?

— אפשר זאָל מען זיך לחלוטין נישט ווייסנדיק מאַכן? — מאַכט איינער אַ פאָרשלאַג מיט אַ גמרא־נגון און קוועטשט דערביי אויס די נאַסע באָרד.

— איי, ניין, — זאָגט ברומענדיק, מיט אַן ערנסט, דראָענ־דיק־אָנגעשטעלט פּנים שמשון־אליהס, וועלכער ציט שוין אַרויף דאָס וואַטאָווע האַרצלייבל: — ס׳איז נישט פאַרן רוסישן. דאָ קאָן

דאָס שטעטל גאָר מיאוס אָפּשניידן. איר ווייסט דאָך ביי זיי העגגט מען!

— מע דאַרף גיין, מע דאַרף גיין, — איז מען מסכּים, און דאָס אָנטאָן־זיך הייבט אָן צו גיין מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ.

אין דער שוואַרצער לאָך פונם קעלער־הייזל, וווּ עס הייצט זיך דער קעסל, בלייכט זיך דאָס שמוציקע לייוונטענע העמד פון ריץ דעם שבת־ און באָד־גוי. אַ רויטלעכע שיין פונם פייער פּאַלט אויף זיין ליסע מיט די עטלעכע נאַסע שי־טערע הערעלעך און שפּיגלט זיך אין זיין פאַרשוויצטן פּנים. ער פּיפּקעט לאַנגזאַם דאָס ליולקעלע און קוקט זיך פלעגמאַטיש צו צו דעם יידישן האַוועניש. לסוף שפּייט ער אויס מיט אַ קללה:

— אַ נעכאַי טשאָרט איך פּאָבראַוו טיך ניעמצעוו!

צענויפגעוויקלט דאָס וועש און אַריינגעשטופּט עס אין אַן אַרבל פון ברודיקן העמד, טוט עס שמשון־אליהס אַ כאַפּ אַרונ־טער אונטערן אָרעם און לאָזט זיך צו דער דרויסנטיר. אויף דער שוועל בלייבט ער שטיין, דרייט־אויס דעם קאָפּ אינעווייניק אַריין און צעבייזערט זיך:

— וואָס געדויערט עס ביי אייך אַזוי לאַנג? רירט זיך שוין אַמאָל!

און שוין פון יענער זייט טיר באַפעלט ער:

— קומט אַלע אונטער! קיין איינער זאָל נישט פעלן!

אַרויסגעטרעטן פונם באָדגעסל, כאַפּט אליה־שמשונס אַ בליק אויף צוריק. צו די ווייבער קוקן אים נישט נאָך און פאַר־נעמט זיך מיט גויעשע הינטערגעסלעך אַהיים. ווי אַ מעשה קאָן זיך מאַכן, טראַכט ער, אפשר אַ קאָנטריבוציע צי־וואָס, וועט מען דאָך מיך אַרויסשטעלן צום ערשטן. ער פּילט זיך אָבער שולדיק, וואָס ער, אַ שטאָט־באַלעבאָס, רוקט זיך איצט אַרויס און לאָזט איבער די שטאָט אַליין. ווערט ער אויפגע־רעגט (נישט אויף זיך, נאָר אויף דער שטאָט) און טראַכט ווי־טער ברומענדיק: שגיידערוקעס! שוסטערוקעס!... אַז ער

האָט זיי אַריינגעפּירט אַ פּורל מעל און האָט געראַטעוועט דאָס שטעטל, ס'אָל חלילה, נישט פאַרבלייבן אָן חלה אויף שבת, האָט מען אים נאָך דערצו פאַרשאָלטן! באשר־בכן — ער האָט געלייזט פיר רובל דעם פוד. ווי די הינט האָרכט ער זיי אָט־אָ־די... הינט!

אָן אויפגעצרייצטער קומט ער צו צום הינטערשטן טויער פון זיין איינפאָרהויז, כאַפּט זיך אַריין דורך דער קיך, טוט אַ וואָרף די וועש אויף דער פּאָדלאָגע און ווענדט זיך צום ווייב:

— די קינדער זענען דאָ? יאָ? נו, צוגעשלאָסן די טיר פון דרויסן אין קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן די נאָז אַרויסצו־שטעלן פאַרן טויער!

ער גייט אַריין אין פּאָדערשטוב, שטעלט זיך ביי אַ פענצ־טער און קוקט דורך אַ שפּאַרונע פונם פאָרהאַנגל אויפן שאָסיי, וו עס קלייבן זיך שוין יידן, גיבן איבער די ברודיקע קלו־מיקלאָך וועש, ווער דעם ווייב, ווער אַ קינד, און לאָזן זיך מיטן שאָסיי צום הויף, וו ס'קוואַרטירט דער קאָמענדאַנט.

אויפן געדיכט־באַשטויבטן שאָסיי, פאַרן אָפּגעגעם שטאַכעטן־טויער פונם הויפישן סאָד, וו אַ סטעזשקע באַשאָטן מיט ווייסן זאמד צווישן צוויי שורות גלייכאונטערגעשוירענע קוסטעס פירט צום פּריצישן שלאָס, — שטייט אַ צעשאָטענע מחנה יידן אין דערוואַרטונג, עמעצער זאָל שוין פון דאָרט צו זיי אַרויסקומען זייערע קערפּערס, נאָכנישט אָפּגעקילט פון דער שוויצבאָד, בראָטן זיך אונטער דער זון. מ'איז אומגעדולדיק. אָבער דאָרט אינעווייניק אינם שלאָס, וועלכער ווייסלט־דורך מיט זיינע ווענט באַוואָקסענע ביז צום דאַך מיט פלעכטפלאַנצונגען, האָט מען אפּנים צייט. דער עולם שמועסט זיך דערווייל אַדורך. מע קוקט זיך אַרום ווער עס פעלט, ווער ס'איז אינגאַנצן אַהער נישט געגאַנגען, און ווער יאָ, אָבער האָט זיך אויפן וועג אָוועקגעגנבעט.

— זעט נאָר, — כאַפּט זיך איינער פאַרוווּנדערט: און ווו איז שמשון־אליהס? ער איז דאָך געגאַנגען דער ערשטער!

— שוטה! — קריגט ער געענטפערט מיט שפּאָטיקער תּרעומות: ער איז קלוגער פון דיר. טאַקע, וואָס דאַרף ער שטיין און פאַרען זיך אויף דער ברענענדיקער זון! אַבי ער האָט דעם עולם־גולם אַהער אַוועקגעמשלחט — דאַרף ער נאָך אַליין אויך גיין! ער...

— וואָס־זשע, — שלאָגט אַ דריטער איבער: גלייבט מיר, אַז ער זיצט זיך שוין איצטער איבער אַ גוטן טעלער פיש מיט קיכלעך.

— טאַקע, — פאַרביטערט זיך אַ פערטער: אַ שיעכטע וואָך האָט ער היינטיקע געהאַט? פיר רובל אַ פוּד מעל! אַזאַ גרויסער ביין זאָל זיך אים שטעלן אין גרגרת!

מישט זיך אַריין אַ הינטערגעצונדענער יהודה סאַפּירשטיין, שמשון־אליהס שותּף צו דער מעל:

— דו האָסט שוין טאַקע פון מער נישט וואָס צו רעדן, אַ? וואַרט־צו, גוטערברודער, וועסט באַלד זען וואָס דאָ וועט זיין. וועסט נאָך באַלד לויפן נאָך שמשון־אליהס, ער זאָל דיר פאַרבינדן די מי... שוואַ... איינער!

אייניקע צעלאַכן זיך, די איבעריקע שמייכלען, אָבער דער ערנסט פון די געזיכטער ווערט נישט אָפּגעווישט. אַדרבא, יהודהס ווערטער דערמאָנען דעם עולם נאָך שטאַרקער אַז עפּעס שטייט מען דאָ און מע וואַרט און מע ווייסט אַליין נישט צו־װאָס און אויף וואָס.

פּאַראַמאָל ווערט מען אויפמערקזאַם. פון שלאָס קומט ארויס עפּעס אַ פּריצל, בלייבט שטיין דאָרט אויפן גאַניק, קוקט זיך אַרום פאַרשנדיק, און לאָזט זיך צו זיי.

— ווער איז עס עפּעס דער „לעשטש“ אין ציווילן אָנ־טועכץ? — טוט עמעץ אַ פרעג פאַרחדושט.

— וויל—קאָח—סקי? — פרעגט אַ צווייטער זיך שטאַרק איינקוקנדיק, און דערקלערט באַלד: יאָ, געווען אַ שרייבער

ביים אָקאָמען פונם הויף.

דאָס שרייבערל דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט. אַלע אויגן זענען געווענדעט צו זיין עשודיק־רויט פּנים הינטער אַן אָפּגעבליאַקעוועט ברוין קאַפּעליושל מיט אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן. צוגעקומען, ווענדעט ער זיך באַפעלעריש צו די יידן אויף פּויליש, נישט קוקנדיק זיי דאָבי גלייך אין די אויגן אריין:

— אויסשטעלן זיך אין צוויי גלייכע רייען!

קוקן אים לכתחילה די יידן פאַרוואונדערט אָן, און קוקן זיך איבער צווישן זיך, ס'הייסט: ווי קומט ער עפּעס אַהער צו צו זאָגן אַ דעה! וואָלט ער כאָטש געווען אַ דייטש..

דאָך שטעלט מען זיך באַלד אויס אין צוויי שורות איינער צום צווייטן, צוגעשטעלט אַ פוס צו אַ פוס מיט אַזאַ באַהיטזאַמקייט, ווי מע שטעלט זיך שמונה־עשרה און ימים־נוראים. (מסתם אַז ער באַפעלט, האָט ער דאָך עפּעס כּוח).

באַלד קומט אַרויס פון שלאָס איינער אַ הויכער און דיקער, באַגלייט אין די זייטן פון צוויי דינע און שלאַנקע. ווען זיי קומען הינטער דער שיין פון דער זון, טוט זילבערדיק אַ גלאַנץ אַ הוילער שאַרבן און ס'טוט אַ שימער מיט גאָלדענע קנעפּ און עפּאָלעטן.

— יאַשני וויעלמאָזשני פאַן קאָמענדאַנט אידזיע! — איז מודיע דאָס פּריצל אין דער וועלט אַריין און ציט באַצייטנס אַראָפּ דאָס קאַפּעלושל.

די דריי דערנענטערן זיך מיט אַרויסגעשטאַרצטע ביוסטן, ווי איינער זאָגט: ווען עמעץ זאָל נאָר זען, וואָס עס טוט זיך דאָ ביי אונדז אונטער די שינדלען — נו—ו!

— די היטלען! — טוט יהודה סאַפּירשטיין אַ קאָמאַנדעווע.

ווי אַ מחנה שטומע, שוואַרצע קראָען טוען זיך פאַראַמאָל אַ הויב איבער די יידישע קעפּ זייערע קליינע היטלעך, און פאַרשווונדן אונטער זייערע לענדן.

דאָס פּריצל מאַכט דרך־ארצדיק ערנסט עטלעכע טריט הינטערווייַלעכס אויף צוריק.

דער קאָמענדאַנט ענטפערט נישט אויף דער יידישער באַ־גריסונג. ער בלייבט שטיין וואַגיק, אָבער נישט פעסט ווי אַ פולע פאַס אויפן בויך, אַזוי אַז אפילו ווען ער שטייט שוין, הערט זיך נאָך אַלץ ווי ס׳גרילט די זאַמד הינטער זיינע פיס. ער קוקט אויף זיי ערנסט־אָנגעכמורעט, ווי אַ ריכטער אויפן באַשולדיקטן פאַרן אַרויסטראָגן דעם שטרענגן אורטייל. ביי זיינע באַגלייטער אין די אויגן שפּילט חוזקדיקע נייגעריקייט. און ווי אַ הינטל קוקט זייטיק דאָס פּריצל מיט זיינע גרוי־גרינלעכע אויגן אָנגעצונדן פון בייזפרייד. און שאַרף פון שלויקייט, דורך די שפּעלטלעך פון די אויפגעשוואָלענע, געקאָרטשעטע, אָנברעמיקע וויעס ווי פלייש־זעקעלעך.

דער קאָמענדאַנט ציט אַרויס אַ דיקן גאָלדענעם טאַשן־זייגער, קוקט זיך אין אים פאַרנסט איין, רעדט שטיל בעת־מעשה צו זיינע באַגלייטער, טוט אַ וואָרטשע, און ווענדעט זיך צו די יידן:

— זי ווערדן מיט צוויי טאַאוזענד קראָנע קאָנטריבוציאָן בעשטראַפט. זי זינד ניכט געהאָרכזאַם. ניך! זי...

די יידן קאָנען זיך נישט איינהאַלטן, און פּרווון זיך אָנהייבן פאַרענטפערן, אים איבערשלאָגנדיק. טוט ער אומגע־דולדיק בייז און באַפעלעריש אַ מאַך מיט דער האַנט, ס׳הייסט, מע זאָל אַנטשוויגן ווערן. און רופט צו מיט אַ ווונק דאָס פּריצל.

ער רעדט צו אים שטילערהייט, אָבער פון די אַ נציקע אויפגעכאַפּטע קלאַנגען ווערט מען געוואָר — ער רעדט דאָך מיט אים פויליש. שושקעט מען זיך שטיל איבער און עס ווערט אַלץ פאַרענטפערט און קלאָר: די אָפיצירן זענען פּאָליאַקן; מסתם האָט שוין דאָ אַ חלק דער כלב, דער קשאָנדז אויך; און דערפאַר איז דאָ דאָס פּריצל אַזאַ „כל־ולך”

דאָס פּריצל רוקט זיך צוריק אויף זיין אָרט מיט אַ מינע פון גרייטן זיך צו זאָגן עפּעס יויכטיקס, קוקט ער אויפן קאָמענ־דאַנטס גלאַנצעדיקן פליך מיט אַזאַ שאַרפן בליק ווי ער וואָלט

ציילן די טראָפּנס שווייס וואָס זענען אויף אים אַרויסגעטרעטן, און הייבט אָן מיט מורא:

— זשידזי! דערפאַר וואָס איר זענט נישט געקומען פּינקט-לעך, ווי ס'איז געווען דער באַפעל, פּראָשען פּאַנסטוואַ, ווערט איר באַשטראָפט, פּראָשען פּאַנסטוואַ, מיט צוויי טויזנט קראָן קאָנ-טריבוציע, פּראָשען פּאַנסטוואַ, און — פּראָשען פּאַנסטוואַ, דאָס מוז ווערן אַריינגעטראָגן ביז מאָרגן אינדערפרי, זייגער ניין צום שפּעטסטן, פּראָשען פּאַנסטוואַ, אויב נישט...

אָבער אַזוי-ווי. ווען ער האַלט ביי די ווערטער גייען שוין די אָפיצירן צוריק צום שלאָס, שלאָגט אים יהודה סאַפּירשטיין איבער און פאַרענדיקט זיין פּראזע אויף יידיש:

— אויב נישט... וועט ער אונדז קראַצן אין פּיאַטע, פּראָשען פּאַנאַ!

עמעצער האַלט זיך נישט איין און לאַכט-אויס. דאָס פּריצל קומט אין פאַרלעגנהייט, בלייבט שטעקן אינמיטן, און די יידן באַקומען די מעגלעכקייט זיך אויסצוזעענהען:

— סטייטש, פּריץ, וואָס זענען מיר שולדיק, אַז מיר זענען געווען אין באָד! קוים באַוויזן דאָס ברודיקע וועש אַהיים צו שיקן און געלאָפן אַהער, און דאָ — קאָנטריבוציע!

דאַביי קוועטשן עטלעכע יידן די פּאות און דרייען זיי, ווי צו באַווייזן, אַז אָט זענען זיי איצטער נאָך אַפילו נאַס.

— און וויפל, פּריץ, שטייען מיר שוין אָט-אַזוי-אַ און וואַרטן? אַ? — כאַפּט זיך עמעצער שוין גאָר מיט אַ טענה: וואָס האָט מען אונדז באַדאַרפט אַזוי לאַנג לאָזן ברענען אויף דער גליענדיקער זון?

דאָס פּריצל פּילט זיך נישט הענטיק און פּינטלט מיט די פליישיקע וויעס.

— פּשעפּראַשאַם פּאַנסטוואַ, — הייבט ער אָן שטאַמלען, וואַרפנדיק ליפנדיקע בליקן אויף די יידן און תיכף זיי צוכאַפּנ-דיק, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט: איך בין דאָ, פּראָשען פּאַנ-סטוואַ, גאָרנישט שולדיק, וואָס דער פּאַן קאָמענדאַנט באַפעלט,

דאָס זאָג איך, פּראָשען פּאַנסטווא.

ער דרייט זיך אויס און גייט-אָפּ.

— אַזויפיל פּרישטשעס זאָלן זיך דיר שטעלן אויפן טריפה׳נעם צונג, וויפל לשון-הרע דו האָסט שוין אָנגעבילט פאַר זיי אויף יידן! — זאָגס אים נאָך ראובן-בנימין פון דער מיל.

— ווער עס קאָן אים נישט דעם הונט, — בייזערט זיך דודל בערעזע, דער קרעמער פונ׳ם הויף: האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, אַז איך שטיי דאָ... אָ, איך קאָן אים, שטענדיק געווען אַ שונא-ישראל, אַזאַ גאָרנישט!

— נו, דאָס איז עס אינגאַנצן? — טוט זיך יהודה סאַפּיר-שטיין אַ קרייזל די וואָנצן מיט אַ נאָכזיענקענדיקער מינע: קאָן מען שוין אפשר גיין?

ווי אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע, באַווייזן זיך פּאַראַמאַל פון הינטער די הויפישע שייערן אַ צענדליק רייטער אין רויטע פּעסקעס, גאַלאָפּירן צו און רינגלען זיי אַרום:

— פאָרווערטס!

די יודן קוקן זיך אַרום האַלב נישט פאַרשטייענדיק האַלב דערשראָקן:

— ווער זענען די שלעק עפּעס?

— דאָס זענען עסטרייכישע קאָזאַקן, — ווייסט שוין עמעצער צו דערקלערן: ביי זיי זענען אויך דאָ קאָזאַקן.

— פאָרוועטס! — טוט ער נאָכאַמאָל אַ הילך שוין מיט אַ ביייזברומענדיקן צוזינג. (צי האָט זיך עס אויסגעדאַכט? עטלעכע נאַהייקעס האָבן אַ שלעגגל געטאָן אין דער לופט). די יידן קוקן דערשראָקן אויף די רייטער — רויטאָנגעצונדענע בעזיכטער, רוצחיש-קאָזאַקישע פלאַמענדיקע אויגן. זיי רוקן זיך נענטער, געדיכטער איינער צום אַנדערן און טוען זיך אַ באַוועג.

— פאָרווערטס!

טוען אַ צאַפּל יידישע הערצער, טוען אַ ציטער לאַנגע בערד אויף ברוסטן, בייגן זיך קניען, ווערן אַרויסגעשטאַרצט

אויגן, און אַ צענויפגעדרענגטע מחנה טוט זיך אַ לאָז פאָראויס. ס'איז אַ מורא זיך אומצוקוקן אויף צוריק, און יעדער באַמיט זיך, אַריינצוכאַפּן זיך אין סאַמע מיטן, כדי צו זיין וואָס ווייטער פון די קאָזאַקן. יענע רייטן אין די זייטן, הינטן און טרייבן צו גיין שנעלער. מע פילט הינטער זיך דאָס אָטעמען פון די פערד, און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט פאָרן זיי אויף דיר אַרויף.

אָפּגעגאַנגען און הינטערגעלאָפן אויף אזא שטייגער אַ וויאָרסט צוויי, באַקומט מען אַ באַפעל:

— שטיין בלייבן!

בלייבט מען שטיין פאַרסאַפּעט און מע קוקט זיך אַרום. די פעלדער אין איבערגעוואָקסענער האָריקער תבואה, שפּרייטן זיך ווי איינגעטוליעט אין גרוי פעלזן מיטן פוטער אַרויף. די זאַנגענע האָר זענען דורכגעלויכטן פון זונשיין מיט לייכטער שאַטירונג פון ראָזלעכן גלאַנץ: אַ ווייטער אָנזאָג פון זונאונטערגאַנג. דער מרחק איז אומעטיק, ליידיק און אַנטשטומט. און אַ רגע דערפילט מען זיך אַליין — אַ שטיק פון דידאָזיקע הפקרדיקע פעלדער אין דעם שטומען וועלט־חלל.

די רייטער דרייען זיך אויס מיט די געזיכטער אין דער ריכטונג צום הויף, דערוואַרטנדיק עפּעס פון דאָרטן.

עמעץ טיילט־מיט:

— איצע דער אַלטער האָט נעבעך באַקומען אַ גוטן זעץ אין פּוס; ער איז שיעור אויף אים ניט אַרויף מיטן פערד.

מע זוכט אַרום מיט די אויגן איצע דעם אַלטן, און מע זיפצט־אָפּ, ווען מע דערזעט, אַז ער שלעפּט זיך נאָך פון הינטן און הינקט־צו. מע זעצט זיך צו אויפן גראָז.

— וואָס־זשע פאַרט וויל מען דאָ פון אונדז?

— לאָמיר זיצן כל־זמן מע לאָזט אונדז צוקוקן צום גרייטן, — עצהט עמעצער מיט הכנעהדיקן געדולד.

באַלד טוט אַ פאָר־אָן מיט גערויש און אייזנבראַזג אַ פור און שטעלט זיך אָפּ און זיי באַקומען אַ באַפעל:

-- נעמען די סערפּעס פונם וואָגן און שניידן די תּבואה!
קוקט מען זיך איבער, ס'הייסט: צו דעם האָט מען עס געמאכט אַזעלכע הכנות! מ'האָט געקאָנט מיינען — ווייס־איך־וואָס!

די שטימונג ווערט פּאַראַמאָל הייטערער. יעדער נעמט אַ סערפּ פון וואָגן, דרייט אים נישט־געשיקט אין דער האַנט נישט ווויסנדיק ווי מע דאַרף אים האַלטן אַפילו, קוקט זיך אי־בער פאַרשעמט־חוזקדיק מיט אַ צווייטן, און כיכיקעט צו זיך אין אַרבל אָדער אין בוזים אַריין.

זיי אַרבעטן אין די פאַרשידנסטע אומגעשיקטסטע פּאָזעס: בחורים, יונגעלייט שטייען מיט געבויגענע רוקנס איבער די זאַנגען און שניידן הין־און־צוריק, ווי זיי וואָלטן נישט שטרוי געשניטן, נאָר האָלץ געזעגט; מיטליעריקע שטייען אויף די קני, פאַרפּלאָנטערן זיך מיט די בערד און די זאַנגענוואָנצעס, און שניידן טעמפּ, אַרויסרייסנדיק די שטרוי מיט די וואָרצלען; און די עטלעכע אַלטע זיצן פּשוט אויף דר'ערד און קראַצן אומבאַהאָלפן מיט די שפּיץ סערפּעס סתּם אין דער וועלט אַריין.

לויטן אָנשטעל זעט עס אויס, ווי די אַרבעט וואָלט גע־ברענט אונטער די הענט. באַזונדערס אַרבעטן מעשים די פּאָר יידן תּבואה־הענדלער, וואָס ווייסן ווי מע דאַרף אַרומגיין מיט אַ סערפּ און ווי מען דאַרף בינדן סנאָפּעס. זיי לויפן־איבער, פאַרשמייעט קלאָמפּערשט, פון איינעם צום צווייטן מיט דער שטאָלצער מינע פון אַ מענטשן וואָס האָט זיך אַליין גענומען אַ כבוד מיטן פולן באַוווסטזיין אַז ער קומט אים, מיט אַ זייטיק אונטערלעקנדיק בליקל צו די קאָזאַקן און ווייזן ווי מע דאַרף אַרבעטן.

די קאָזאַקן קוקן־צו עטלעכע רגעס, שמועסן עפּעס צווישן זיך, באַפעלן עפּעס אומפאַרשטענדלעך, אָנטייטנדיק מיט די פינ־גער אויפן פעלד און דעם מערבֿ־האָריזאָנט, משמעות, אַז אַזוי־פיל, און אַזוי־פיל זאָל מען ביז דער שקיעה אָפּאַרבעטן, און זיי רייטן אַוועק צום הויף.

ס'ווערט פריילעך. מע לאַכט און מע וויצלט זיך:
— קירה-מאַקס איינפאַל! איין ריץ דער שבת-גוי וואָלט דאָך אים אָפּגעאַרבעט מער, ווי אַלע יידן אינאיינעם!

די זון הייבט זיך אָן זעצן. קיינער קומט מער נישט פונם הויף. מע קאָן זיך נישט דערוואַרטן.
— סע שפּעט! סע שפּעט! — צאַפּלט איצע דער אַל־טער: שוין באַלד צייט ליכט-בענטשן.
— אָבער מע מעג דען אַוועקגיין איידער מע הייסט! — צווייפלט מען.
— קומט! — זאָגט אַנטשלאָסן יהודה סאַפּירשטיין: לאָזט אַוועק די סערפּעס אויפן וואָגן — ס'וועט זיי קיינער נישט צו־גנבענען — און קומט!
דער עולם פאָלגט און מע לאָזט זיך געאיילט צום טראַקט וואָס פירט אין שטעטל.
איצע דער אַלטער בלייבט אַלע ווײַלע הינטערשטעליק צוליבן ווייטיק אין דעם צעקלאַפּטן פוס, אויקעט כסדר: אוי, וואָרטס-צו אויף מיר, וואָרטס! און טרייבט זיך אַליין הינטער: עך, סע שפּעט! שפּעט!
ער שטעלט זיך אָפּ אַ רגע, מאַכט פון דלאָניע אַ דעכל איבער די אויגן און קוקט מיט טרויעריקע אויגן צום שטעטל, וואָס ליגט אין טאָל, דערטרונקען אין דער שקיעה. אַ יונגער־מאַן נעבן אים טוט אים מעכאַניש נאָך, און זיין שאַרפער בליק שטייכט-אָן אין אַ באַוועגלעכן פלעק, וואָס שווימט אַרויס פון דער שקיעה-שיין. זיינע געזיכטס-שטריכן טוען זיך אַ שלענגל, און ער טוט אַ זאָג דערשראָקן-פאַרחידושט:
— וואָס איז דאָס!
— וואָס איז? — שטעלט זיך דער עולם אָפּ.
— איר זעט, טייט דער יונגערמאַן מיטן טייט-פינגער דאָרט אויפן שאָסיי קומט אונדז אַנטקעגן פון שטעטל עפּעס אַ גאַנצע מחנה.

— אפשר די קאָזאַקן, — דערשרעקט מען זיך.
— אָט וועט איר זעען, — טרייסט עמעצער אויפגעלעבט:
מע קומט אונדז שוין רופן אַהיים, מ'האָט אונדז שוין אויסגעבעטן.
— שמשון-אליהס אַודאי, — שפּאָט עמעץ מיט ביטערער
איראָניע.

— סיי-ווי-סיי, — דערלאָזט נישט יהודה סאַפּירשטיין
פאַרברייטערן דעם שמועס מכּח זייז מעל-שותּף; און מאַכט קוּ-
ראַזש: לאָמיר גיין, קומט:

וואָס נענטער מע קומט, אַלץ חדושלעכער ווערט די זאַך.
דער שאָסיי וואָס שלענגלט זיך באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ, דער-
לאָזט נישט דעם אויג אויפצוכאַפּן דעם פּלעק געגנט, און די
שקיעה-רויטקייט פינצטערט די אויגן. ווי זי וואָלט אין זיי בלוט
געגאָסן. איצט זעט עס אויס ווי מע וואָלט עפּעס געטראָגן.

— איך וואָלט געשוווירן, — בלייבט איינער שטיין אי-
בערגעשראָקן פון דעם וואָס ער וויל זאָגן: א לויה!

— וואָס הייסט? — פרעגט מען זיך איבער: ס'איז
חלילה עמעצער געשטאָרבן?

— ניין, — פאַרזיכערט שטאָלץ משה רופא: ס'זענען
גאָר אַזעלכע חולאים אין שטעטל נישט געווען. פון די צרות
איז עפּעס דער עולם געזונטער געוואָרן.

— איז סיידן, — שטיצט זיך עמעצער אויף זיינע רייד:
אַז אונטער דער צייט וואָס מיר האָבן דאָ געאַרבעט, איז אין
שטעטל, חלילה, אַן אומגליק געשען.

פאַראַמאָל פאַרשווינדט דער פּלעק אונטער דער שורה
שייערן. דער עולם גייט שנעלער. און באַלד בלייבן זיי
שטיין אויפן שאָסיי — ארויפשטייג פּנים-אל-פּנים מיט אַזא בילד.

שמשון-אליה'ס אַ שבתדיקער, אין דער אַטלאַסענער קאַ-
פּאָטע, פאַרשטופּט דעם קאָפּ צווישן די אַקסל, דאָס פּנים פאַר-
שעמט און ברוגז, די אויגן אַריינגעשטאָכן אין דרערד; און ריץ
דער שבת-גוי מיטן שפּרינגענדיקן ליולקעלע אין סלינעדיקן
מויל-ווינקל, מיט לויכטנדיקע אייגעלעך און בייאַנדערן הנאה-

אויסדרוק אויפן פנים — פון פאָרנט; און שמשון-אליהס בכור מיט אַן אָגעדראָלענער נאָז, ווי ער וואָלט נאָר-וואָס געוויינט, אין דער ג שבתדיקער אויפגעקנעפּלטער קאַפּאָטע ? און לעווקי „דער המן-טאַש" — פון הינטן; די יידן אין די היטלען און די גוים אָן די היטלען, — טראָגן אַ שמאַטיקן בר-מינן אויף דער יידישער שטאנגען-מיטה. דערנעבן מיט דער ביקס אין דער האַנט שפּאַנט אַן עסטרייכישער זעלנער און טאָרקעט שמשונען כסדר מיט דער קאָלבע:

— סאַקראַמענטאַ!

דער עולם טוס זיך שנעל אַ רוק אָפּ פאַרן זעלנער הינ־טער די שייערן. אָבער דאָ ווערן זיי אויפגעשווידערט פון נאָך אַן אומדערוואַרטעטערן און שרעקלעכערן בילד:

ביילע, שמשון-אליהס ווייב, אַ צעשויבערטע און צעכראַס־טעטע, שלאָגט מיטן קאָפּ אין שייער-וואַנט און רייסט זיך דעם קאָלירטן שבתריקן טשיפּעק פונם קאָפּ:

— אַ קלאָג צו מיר! — סאַמע צו קבלת-שבת האָבן זיי מיר אים מיטן קינד צוגענומען — מיין שמשון זאָל אַ פּגר פאַרשלעפּן!

— אַ! דערמאָנט זיך משה רופא: טאַקע, דער קלויסטער־שמש איז געפּגרט; נעכטן אים געהאַקטע באַנקעס געשטעלט.

דער עולם שטייט ערנסט, צוליב דער יידענע, און בלויז אויף די יונגע בחורשע פּנימער לויפן פאַרביי, ווי ליכט ווערים־לעך, קליינינקע נקמה און פרייד-שמייכעלעך. די שקיעה איבערן שטעטל איז שוין אויסגעלאָשן, און פון די לעצטע הייזלעך ווינ־קען שבת-פייערלעך.

— ביילע! — באַפעלט יהודה סאַפירשטיין גוטפריינט־שאַפטלעך: גייט אַהיים ליכט בענטשן.

דער עולם וואַרפט נאָך אַ לעצטן בליק צו די מאַהילקעס, וווהין עס גייט שוין אַריין די יידיש-גוישע לויה, און לאָזט זיך באַפרידיקט, ווי אַ באַצאָלטער טאָג-אַרבעטער, אַהיים.

אויפֿן חורבן.

מיטן בעליה פלעגט זיך דאָס שטעטל אויסליידיקן פון די יידישע איינוווינער (קיין אַנדערע זענען דאָך נישט געווען; אויף אַ רפואה סיידן). עס פלעגט אָנהייבן רודערן אַרום און אַרום שטעטל. אין די אָפּגעלייגטע גויאישע געסלעך צעפּראַלטע שטיבלעך, איבערגעשטאַנען־פאַרעלטערטע גערטנער און איבערגעוואָקסענע פעלדער מיט בערדיק־צעשויבערטע זאַנגען יידן האָבן אויסגערוימט דעם פאַרבליבענעם הפקר נאָך די גוים, וואָס זענען, ווי טיף־פאַרוואָרצלטע ביימער דורך אַ ריזיקן שטורעם־ווינט, אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער אַלטגעזעסנקייט דורך דעם אויפגעבלאָזענעם פחד פאַרן שונא:

— די ציגנער שניידן זיי אויס די פאַרשאָלטענע רייטשן!

די יידן האָבן געלאַכט פון דער גויאישער לייכטגלויביקייט. אדרבה, און איצטער זאַמלענדיק די ירושה וואָס יענע האָבן פאַר זיי נישטווילנדיק געלאָזן, האָבן זיי האַלב באַדויערנדיק האַלב מיט בייזפרייד געשאָקלט מיט די קעפּ:

— ווען עשו וואָלט זיך געווען רעכטן אויף אַזאַ סוף

לכתחילה האָט זיך עס אָנגעהויבן מחמת דעם שטייגנדיקן יקרות און דוחק אין שפּייז־פּראָדוקטן. שפּעטער האָט זיך עס געהמשכט ווי דער פועל־יוצא פון דער זאָרג: וואָס וועט זיין שפּעטער? און צולעצט איז דאָס שוין אָנגעגאַנגען מיט אַ שטאַרקן ברען בלויז מחמת גיריקייט זיך לייכט אָנצושטאָפּן מיט פרעמדער פראַצע, מיט פרעמדן האָב־און־גוטס. פריער האָט מען גענומען וואָס ס'איז בויטיק געווען דעם טאָג, די וואָך איבערצוקומען; שפּעטער — וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, גאַנצע

פּורן אַפילו. לויט די כּוחות און די צאָל פון אַ געזונט, אָבער בלויז — עסנוואַרג און שפּייז; און צולעצט — אַלץ און אומעטום: אַפילו מעבל, אַפילו שויבן, אַפילו שרייב־מכשירים פון די אַלגעמיינע דאָרפס־שולן, אַפילו ראַמען פון הייליקע קלויסטערבילדער.

ווי אַן עפּידעמישע גיריקייט וואָלט אַרומגעכאַפּט אַלעמען פון גרויס ביז קליין. און דער טאָג איז קיין טאָג נישט געווען אין וועלכן מ׳האָט נישט מיט עפּעס אַנזעוודיקס אָנגעפילט די אייגענע שטוב. געציילטע נעזינדן. וואָס זענען צום אָנהייב אָפּגעשטאַנען פון דערדאָזיקער אַרבעט צוליב אינערלעכן און אויסערלעכן שעם־געפיל:

— פאַר אונדז פּאַסט עס נישט! און מיט וועמען מען קאָן זיך עס דאָרט באַגעגענען! —

זענען ביסלעכווייז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם אזארד. און, הגם אָפּגעהיטער, שעמעוודיקער, טוען זיי דאָך דאָס אייגענע וואָס אַלע. אדרבה. שטילערהייד טוט באַנג אויף דער צייט וואָס מ׳האָט דורכגעלאָזט אומזיסט, איז ביינאַכט אויפן געלעגער שמוסט מען זיך דורך מיטן ווייב:

— וואָס־זשע? די גוים וועלן דאָך שוין צוריק נישט קומען... פאַרפאַלן! אַז דייטש נעמט איין, איז איינגענומען... דאַרף ער ירשענען? שוין גלייכער אַ ייד...

בלויז איין געזינט האַלט זיך נאָך היז היינטיקן טאָג ווייט פון דעם גאַנצן גערודער. און קוקט בלויז צו צו דעם וואָס ס׳קומט פאָר. דעם רבס געזינט.

און כאָטש דעם רב׳ס פּרנסה איז דער יידישער הייוון־מאָנאָפּאָל, און קיין הייוון איז איצט נישט מעגלעך פון ערגעץ אַריינצופירן, פונדעסטוועגן ענטפערט דער רב כּסדר אויף דער האַרבער שאלה פון דער רביצן מיט די קינדער:

— סטייטש, אַז מען וועט זיך נישט פאַרגרייטן, וועט מען דאָך שפּעטער, חלילה, פון הונגער אויסגיין:

— מען דאַרף האָבן בטחון! אַ ייד באַדאַרף האָבן בטחון!

דעם רב׳ס ווערטל איז אָנגעקומען צו די בעלי־בתּים. האָבן זיי געשמייכלט און צוגעשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ. און ווען איינמאָל פרייטיק איז אַ פּאָרל אומגעגאַנגען מיט אַ זאַק, זאַמלען חלה און ברויט פאַר אַ חשוב געזינדל ווער, האָט נישט איינעם דער שטאָטישער לץ איינגערוימט אין אויער:

— איר ווייסט, ווען מיר וועלן הונגערן, וועט מען ביים רבּ׳ן קאָכן כּטחון הינטער דער ייִיך!..

גוטע פריינט בעלי־בתּים האָבן געפּרוּווט דעם רב איבער־רעדן, אָבער אומזיסט.

— וואַרט צו, — פלעגט ער זיי מיט נביאישער זיכערקייט ענטפערן; איר וועט נאָך זען צו וואָס דאָס וועט דערפירן. ס׳וועט דערפון קיין גוטס נישט אַרויסקומען!

און זיין נביאות איז ווירקלעך מקוים געוואָרן. אויף אַזוי חיים האָט ער זיך אַליין נישט געריכט, דער רב. און ער האָט זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דער יאַרמלקע, ווען מ׳האָט אים שבת בייטאָג אַריינגעטראָגן צוזאַמען מיטן קוגל די ידיעה:

— דער עולם טראָגט דאָך איצטער סנאָפּעס פון די שייערן!

— איום עבח! — האָט דער רב אַ קרעכץ געטון און בלאַס געוואָרן. ער האָט געפינטלט מיט די לאַנגע שוואַרצע ברעמען. באַלד האָט זיך זיין פּנים רויט אָנגעצונדן אין דער שוואַרצער רעם פון באָרד און פאות, און קעגן דער שיין פון קנאותדיק־פלאַמענדיקע אויגן, ווי שויבן קעגן אַ שריפה, האָבן געציטערט ליפּן הינטער געל־פאַרדויכערטע וואָנסעס דורכגע־לאָזט אַ ק׳לה:

— גאָט זאָל ווי נישט שווייגן, די מחללי־שבת! נאָך אויף דער וועלט זאָל עס זיי באַצאָלט ווערן!

און פאַרנאַכט צו מנחה האָט דער שמש אין בית־מדרש אויסגערופן:

— בפקודת הרב שליטא ווערט גערופן אַן איסור חמור, צו ראַבעווען פון די גויאישע שטיבער, גערטנער און פעלדער!

אַן אומאויפהערלעך-באַוועגלעכער, גרוי-דורכגעלייכטעגער פּאַרמעט-פּאַס, ווי אַ שמאָלע יריעה, ציט זיך דורך דער אָדן-שפּאַרונג פון דעם רבס שלאָפחדר, ברעכט זיך איבער אין דער קוואָרט נעגלוואַסער וואָס שטייט צופוסנס פון רבס געלעגער. און בלייבט דאָרט שווימען ווי אַ גרוי-טונקל לייוונט-שמאַטקעלע. דער פּאַס בלאָנדזשעט צו נענטער צום בעט, ווערט ווי צעצויגענע וואַטע פאַרפּלאָנטערט אין רבס באָרד און פּאות און פאַרגנבעט זיך אין זיין ברוסט-האָריקייט אַריין. דער רב דרייט זיך שווער און מיד איבער אויפן געלעגער. די וואַטע פאַרטשעפּעט אים די ברעמען, די וויעס טוען אַ צוק, און ער רייסט זיך אויף מיט אַ טיפן קרעכץ:

— עשרת ימי תשובה! אוי-וויי!

ער זאָגט מודה אני, בייגט זיך אַריבער צופוסנס און גיסט זיך אָפּ די ווייס-איידעלע פינגער-שפּיצן. די לאָדן עפענען זיך און דאָס חדר ווערט פאַרשלונגען אין דעם ליכטיקן, פיר-קאַנטיקן אויג פון דעם טאָג-פענצטער. אין זאַל קלינגט דער זייגער ניין.

דער רב טוט זיך געאיילט אָן, מאַכט הכנות. און אין דריי פערטל שעה אַרום, נאָך נעלבלעכער טיי-מיט-מילך, שפּרייזט ער פאַרטראַכט און אָנגעשטרענגט איבערן בית-דין-שטיבל, און פון מויל פאַלן אים אַרויס, ווי פון זיך אַליין די קרבנות פון איזהו מקומן.

דער שטוב-חלל זשומט נעדיכט מיטן שלעפעריקן ברום פון אויסגעפּאַשעטע פוילע פליגן, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן פאַלן מיט געשוואָלענע ווייס-שוואַרץ-געשטרייפטע בייכלעך אין די ווינקעלעך פון די שויבן. צווישן דעמדאָזיקן געזשום פאַרבט זיך אַרויס דעם ברודערס מתיקותדיקער גמרא-נגון אין זאַל. אין געהירן צעצינדט זיך דידאָזיקע פאַרב, און לעבט זיך אָבער באַ׳ד אויס, ווי אַ פייערווערק:

...און זיי, די קינדער, נפתלי און גבריאל, קוקן דאָך שוין קיין יידיש וואָרט נישט אָן פאַר די אויגן!.. אפשר...

אפשר, חלילה, גייט מען אָן מיין וויסן ראַבעווען אויך... עפּעס זעט מען זיי נישט גאַנצע טעג... אוי־ווײ!.. הפקר, רחמנא לצלן!.. אודאי האָט דער טאַטע, עליו השלום, אַ גרעסערע זכיה געהאַט...

ער גייט אַריין אין זאַל, דרייט זיך דאַוונענדיק אַרום טיש, און הערט זיך צו צום ענין וואָס דער ברודער לערנט. ער בלייבט אַ רגע שטיין נעבן ברודער, באַטראַכט אים דורכדרינגענדיק אָבער מילד, כמעט מיט אַ שמייכל, און טוט אים גוטהאַרציק אַ פרעג:

— האָסט שוין כאַטש געגעסן איבערבייס, משה־דוד?

נאָר איידער משה־דוד רייסט אַרויס די שטראַליק־איינגע־וואָרצלטע אויגן פון די ערדיק־שוואַרצע אותיותלעך, כדי אים צו ענטפערן, שפּרייזט ער שוין ווידער אַרום טיש און איז מקריב קרבנות מיט די לעפצן.

אָפּגעדאַוונט, פון פאָרנט גייט דער רב צו צום פענצטער. זוכט אַ פאַרבייגייער מיט די אויגן, און באַדויערט מיט קאָפּ־שאָקל:

— מען זאָל עס זען אַ יידן מיט אַ טלית־זאַק אונטער דער האַנט!

ער נעמט דעם טלית־זאַק און גייט אַליין. אין בית־מדרש איז קיינער נישטאָ. אין חיים דעם געלן כאַמערקט ער באַלד אין הרובע־ווינקל ווי ער שאָקלט זיך איבערגעדעקט מיטן טלית. אויף דער ווייבערשול דאַוונט אַ יידענע מיט אַ ניגון, ווי זי וואָלט געלייענט צאינה־וראינה.

...עשרת ימי תשובה, — טראַכט דער רב פאַרביטערט: און צען אַ זייגער איז שוין אין בית־מדרש קיין מנין נישטאָ!.. אַמאָל...

ער לייגט טלית און תפילין, און נעמט דאַוונען פרום, בכוונה. אָבער די מחשבות זענען אים מבלבל. ער כאַפּט זיך אַ־עמאָל, אַז ער האָט געזאָגט אָן דער כונה פון די פירוש המלות. ער ווערט אויפגערעגט, חזרט־איבער אַ פּסוק פריער, קנייטשט דעם שטערן ווי מיט אַ צוואַנג, און זיפצט פּלוצים

אָפּ אויף יידיש:

— אַ חורבן! אַ חורבן קומט דאָ פאַר די אייגן

ער קרייזט אַרום, שפּרייזנדיק ברייט, דעם באַלעמער און בלייבט שטיין נעבן דעם רויטן ספרים־אַלמער. דער אַלמער איז צעפּראַלט, ליידיק און פאַרוועבט אינעווייניק מיט פאַרשטויבטן שפּינוועבס.

...פון זינט מ'האָט זיי, די ספרים, — טראַכט דער רב, אַראָפּגעטראָגן אין קעלער (ערשט ווען אין בית־מדרש האָט זיך איינגעקוואַרטירט די שטאַב־קאַנצעלאַריע האָט ער עס קוים געפועלט), ליגן זיי נאָך אַלץ דאָרטן!.. ווער דאַרף זיי האָבן!.. זיי קאָנען דאָרט פאַרפוילט ווערן אפילו, רחמנא לצלן!..

ער טוט זיך האַסטיק אַ דריי אויס, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּרונגען, שפּרייזט ווידער מיט דערשלאָגענע טריט אַ קרייז, און מחשבהט אַריין אין דאַוועגען:

...רבן יוחנן האָט געבעטן, מע זאָל אים יבנה איבערלאָזן

...דער איצטיקער חורבן איז שרעקלעכער... ט'איז געבליבן באין תורה ובאין מעשים טובים, השם ישמרנו!..

עס ברויזט אין אים אויף אַ צאָרן, ווי אַ היציקער בלאָזזאַק, בלאָזט־אויף גליענדיקע קוילן הינטערן האַרץ, און דאָס האַרץ הייבט אָן אָפּטריפן א בלוט־טראָפּן נאָך בלוט־טראָפּן:

...אַלץ, אַלץ גייט־אונטער!.. נישט קיין יידישקייט!.. נישט קיין נקאַם־שמים און יראת־חטא!.. נישט קיין תורה, און נישט קיין דרך־ארץ!.. לער און חרוב דאָס מקום־קדוש!.. מען לערנט נישט און מען דאַוונט נישט אין דעם!.. און פאַרנאַכט, ווען מען קומט זיך שוין יאָ צוזאַמען — אַ יריד איז דאָך עס! אַ בערזשע, רחמנא לצלן!..

פון דעם לעצטן געדאַנק ווערט זיין קערפּער אויפגעטרייסלט. ער כאַפּט זיך מיט דער רעכטער האַנד פאַרן האַרצן, מיט דער לינקער — פאַרן של־ראש, און פאַרהוסט זיך מיט אַ קייכנדיקן הוסט. זיין רוקן בייגט זיך איין, און זעט אויס ווי אַ שפּרינגעדיקע האַלבע רייף. דער טלית פאַלדעוועט זיך איין און פאַלדע־

ווערט זיך אויס, ווי געלע שלאַנגען וואַלגערן זיך אַרום אים געקנוילט.

— אוי! – טוט ער אַ קרעכץ, און ווען ער גלייכט זיך אויס אין ספּאַזמאַטישן נאָכשווידער, גלאַנצן אים די אויגן פון אַרויסגעדריקטע טרערן.

פון אַ פענסטערל פון דער ווייבערשול שטעקט אַרויס ראַציע־חיהס צעקרימט פּנים פון מיטגעפיל, הינטער אַ ווייס פאַטשיילע־דעכלע, און שטעכט דעם רב פון איבער ברילן־רעמלעך מיט פינטלדיקע שאַרפע גראָע אויגן:

.. הוסט, נעבעך, אַזוי! וואָס? דער הייִנטיקער נחת פון די קינדער?... זיינע זענען דען בעסער פון מיינעם?!.

דער רב לייגט־אָפּ רש״יס תפילין און דעם טלית. פאַרגייט אַרויס מאַכן הכנות, און קומט צוריק. אין פּאָליש ביי דער טיר שלאָגט ער זיך אָן אָן חיים דעם געלן, וואָס לאָזט זיך שוין מיטן טלית־זאַק הינטערן אָרעם אַ היים. חיים דער געלער בלייבט שטיין, פאַרשטעלנדיק דעם אריינגאַנג. פינטלט מיט די אַנגעגנהאָריקע ברעמען און צוקט מיט אַ וויע, ווי ער וואָלט זיך גרייטן עפּעס זאָגן.

— נו? – פרעגט אים דער רב.

חיימס פּנים ווערט אָנגעצונדן רויט ווי זיין באָרד און גיסט זיך מיט איר צוזאַמען אין איין שטיק פלאַקער. און ווי די ווערטער האַלטן זיך אָפּגעסמאַליעט, שטאַמלט ער:

— כ'וויל פרעגן... הם... וואָס טוט מען? די קינדער האָבן... אַריינגעבראַכט... דער רב פאַרשטייט? די קינדער... און דאָ — דער איסור!... וואָס־זשע זאָל איך טון?... איך גופא וואָלט נישט געקוקט... אָפּטראָגן איז אָפּטראָגן!... נאָר זי... אין שטוב... וועלן זיי מיר דאָך, אונדזערע שונאים, דעם טויט מאַכן!...

דער רב אויפנרייצט פון זיינע כסדרדיקע מחשבות, טראַכט עת־מעשה מיט אומצופרידנקייט און כעס:

... און אַז איך וועל אים הייסן אָפּטראָגן, וועט ער

א ברירה, אָפּטראָגן! (איז דאָך שוין: מוטב שיהיו שוגגין ולא יהיו מזידין). אַנישט ווייס איך נישט, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן אָנשטעל פון „וצדקתך״!...

און אַז חיים בלייבט שטיין אין דערוואַרטונג אויף אַ תשובה, רונצלט זיך ביים רב דער שטערן. אַ טיף שוואַרץ שטריכל טוט זין אים אַ שלענגל איבער דער נאָז, און ער טוט אַן ענטפער, פאַרקוקט אין דער זייט, בייז ברומענדיק:

— פריער ראַבעוועט עס, און דערנאָך גייט עס צום רב גאָך אַ היתר!

חיים דער גלעזער ווערט צעמישט, קוקט איבער גלעזערנע אויגן, רוקט זיך אָפּ פונם אָרט און שטאַמלט:

— וואָס הייסט, רב?... אדרבה... איך זאָג דאָך...

דעם רבס הקפדה ווערט אויפגעקאָכט מחמת דעם לייכטן ווידערשטאַנד. ער טוט האַסטיק אַן עפן די טיר, בלייבט שטיין אויף דער שוועל און גיסט חיימען אָפּ שיפנדיקן גיפטיקן האַס.

— דו זאָגסט!... דו זאָגסט!... איך ווייס — איר זענט אַלע מחללי־שבתניקעס!... כאַביזשניקעס!... פון שטענדיק אָן זענט איר אַזוי!...

און ער קלאַפּט צו די טיר אונטער חיים דעם גלעזנס אָנגעצונדענעם פּנים מיט דער פּאָכעדיקער נאָז. חיים ציט צוריק דעם אויסגעצויגענעם האַלדז, און בלייבט שטיין ווי עמעץ וואָלט אים אומגעריכט אַראָפּגעלאָזט צוויי פלאַמענדיקע פּעטש. ער פאַרט אריין מיט דער לינקער האַנט אין דער פייערדיקער באָרד אַריין, און קראַצט אָן רחמנות הינטער דער גאָמבע, ווי ער וואָלט וועלן פון דאָרט אַרויסשאַרן קוילן. צולעצט פאַררייסט ער דעם קאָפּ מיט פאַרגלאָצטע אויגן צו דער סטעליע, און ציט אַרויף די אַקסל:

— איך פאַרשטיי נישט... איך זאָל אַזוי פון קיין צער נישט וויסן!...

ער קוקט אַזוי אייניקע סעקונדן, לאָזט אַראָפּ די אויגן אויף דער צוגעמאַכטער טיר, און טוט פאַראַמאָל יאושדיק

אַ מאַך מיט דער האַנט:

— נאַ דיר! איז ער גאָר אין כּעס געוואָרן!

און ער לאָזט זיך פאַרטראַכטערהייט אַהיים.

דער רב לייגט רבינו תּמס תּפילין. ער דאַוונט איינ-געדרעגט און קרייזט אַרום באַלעמער, ווי אַ וויכער. פאַר-אַמאָל שטעלט זיך אים אַוועק, ווי אַ דראָנג פאַר די אויגן די מחשבה:

— און אפשר פאָרט האָט ער עס מיט אַן אמת געמיינט?!..

ער הייבט אָן גיין לאַנגזאַמער, און דער ספק גייט איבער אין אַ ודאי, וואָרן:

... אל חדין את חברך לכף חוב...

ער האָט חרטה, דער רב, אויף זיין האַנדלונג. די חרטה פאַרשאַפט דער. אָבער דער צעגייט זך באַלד, ווי ביטער-זאַלץ אין דער פריילעכער מחשבה:

... איז דאָך נאָך טאַקע — עוד לא אלמן ישראל... גע-פונט זיך נאָך אַן ערלעכער ייד אויך!... כאָטש אַ פּראָסטער פונם המון...

אַריינגעלייגט טלית און תּפילין אין טלית-זאַק. איז שוין דער רב באַרויקט, און ער קלעפּט מיט הנאה אַ דיקן ציגאַר פאַררויכערט, לאָזט ער זיך פּאַמעלעך, פאַרמחשבהט אַרו'סגיין.

דער געדיכטער, בלאָלעכער ציגאַר-רויך פאַרהאַלט זיך הינטער די ראַנדן פון זיין פלושענעם קאַפּעלוש, שלייערט זיך אַרום געזיכט. קריכט אין זיין האָרבאַוואָקסנקייט, נעפּלט אים פאַר די או'גן, און שלענגלט זיך אַרויס הינטער די אויערן.

ראַציע-חיה, אַ נידריק, אויסגעדאַרט, רוחניותדיק יידענעלע מיט אַ דיקן קרבן-מנחה הינטערן אָרעם, וואַרט אָפּ דעם רב אויפן לעצטן טרעפּל פון דער ווייבער-שול. איינגעבויגן דאָס גופל, דאָס קעפּל אַרויסגעשטעקט פון דער וואַנט, קוקט זי מיט גראָע, שאַרפע אויגן, ווי אַ קאַץ וואָס שפּירט אויס צערייצט-געדולדיק ביי אַ נאָרע. זי דערזעט דעם רב, און יאָגט אים נאָך מיט דראָבנע, שאַרנדיקע טריטעלעך. איבערגעלאָפן אים,

בלייבט זי שטיין אָפּוואַרטנדיק-נכנעדיק. זי פאַרריכט און ציט אַראָפּ איבער די אויגן דאָס ווייסע קאָפּ-טיכל, פּינטלט מיט די ווייסלעכע ברעמען און ציט צוזאַמען די דינע, בלאַסע און בייזע ליפּעלעך.

דער רב פאַרזונקען אינעם געדיכטן רויך און מחשבות, דערשפּירט פּלוצים אַ שאָטן פאַר די אויגן, און בלייבט שטיין. דערזעענדיק ראַציע-חיהן, טוט ער איר געכאַפּט אַ פרעג:

— אַ שאלה?

— שוין לאַנג סאַקע קיין שאלה ניט געהאַט... — איז ער מוסיף, באַאומרויקט פון אַ געוויסן חשד: — נו, פרעגט.

— ניין, רב, — צעשנירעוועט ראַציע-חיה די ליפּעלעך: כ'האָב געוואָלט דעם רב פרעגן: וואָס טוט מען? מיין בעריש האָט ראָך שוין אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען!

זי קוקט אויפן רב, מיט שפּיזיק-דורכדרינגענדיקע בליקן, און איז גרייט צו יעדער רגע, ווי נאָר ער וועט אויף איר אַ קוק טון, צו פאַרגלאָצן די אויגן צום הימל. הינטערן טשיפּעק וועבט זיך פאַרבאָרגן אַ מחשבה, וואָס סרייסט איר:

... און וואָס איז דען מיט מיינע?... מיינע זענען דען בעסער?...

דער רב קוקט פאַרווייטיקט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, זיפצט אָפּ, און, ווי געלייענט אירע פאַרבאָרגענע מחשבות, רעדט ער צו זיך אַליין:

— וואָס קאָן מען טון? וואָס קאָן איך עמעצן פּצה'ן? אוראי ווען דער טאַטע איז דאָ — ווען מאָטיע איז דאָ — אַ טאַטע — אפשר וואָלט אַנדערש געווען. און וואָס טו איך אַליין ירען? מיינע זענען דען בעסער! ס'איז שלעכט!

ראַציע-חיה שטעלט אָן אַ רחמנות-פּנים, ווי עס וואָלט איר באמת אַרן וואָס מיינע קינדער זענען אויך ווי אירער. זי מאַכט צורעכט די דינע ליפּעלעך און פּישטשעט אַרויס מיט אַ טאָן פון חניפה אַ פּרייסט-וואָרט דעם רב:

— מילא, איז באַרן רב דאָ כאָטש משה-דוד.

— נו אַודאי, משה־דוד, — זאָגט דער רב מיט אַ ברייטקייט, וואָס דערף באַטייטן, אַז משה־דוד דאַרף דאָ לגמרי נישט געגומען ווערן אין חשבון — משה־דוד איז עפּעס אַנדערש.

ראַציע־חיה, דערפילנדיק, אַז מיט אירע לעצטע ווערטער האָט דער רב באַקומען די אויבערהאַנט, סטאַרעט זיך עס צו פאַרווישן, און זי הייבט די דאַרע אַקסעלעך:

— וואָס-זשע וועט דאָ ווערן? סע וועט דאָך, חלילה, אויסגעלאָשן ווערן דאָס ליכטיקייט פון דער תורה, רחמנא לצלן!..

— נישט... גוט... נישט... גו... וט! — פאַרקייכט זיך פאַראַמאָל דער רב, פייפנדיק פון גרגרת דורך בלעזלענדיקן לחות, וואָס איז אים שטעקן געבליבן אין האַלדז.

זעט ראַציע־חיה, אַז ווייטער קאָן מען שוין נישט רעדן דרייט זי זיך אויס אַוועקצוגיין, און שאָקלט צו פרום מיטן קאָפּ:

— אַ גוטן טאָג רב! אַ גוטן טאָג!

דער רב האַלט אינמיטן אויסכראַקען, קאָן איר נישט ענטפערן, און שאָקלט איר בלויז נאָך מיט הסכמה. ערשט ווען זי איז שוין ווייט אַפּגעגאַנגען, רעדט ער צו זיך אַליין, קוקנדיק מיט די אויגן צו דר׳ערד:

— אַ גוטן טאָג! אַ גוט יאָר!

שווער סאַפּנדיק גייט ער ווייטער, און אין רעיון פאָרט מיט לייכטע דורכזיכטיקע פליגל אַ ליכטיקע מחשבה:

... גצפּונט זיך נאָך אַ מאַמע, וואָס קלאָגט מחמת איר קינד גייט אַוועק פון תורה, פון יידישקייט...

אַריינגעקומען אַן אויפגעלייגטער אַהיים, לייגט ער אַוועק דעם טלית־זאַק אויף דעם אָנגעוואָרפענעם הויפן ספרים — אויפן טיש, נעמט אַרויס פון שאפע אַ שאגת־אריה, און לאָזט זיך אריין אין אַ שאלה־ותשובה אין אַן ענין פון סוכה.

... איצטער וועל איך מיך קאָנען פאַרטיפן, — טראַכט ער.

די עלנבויגן געשמידט צום טיש, שטייט ער געבויגן איבערן ספר, און ווייסט נישט און פילט נישט וואָס אַרום אים. ווי ער וואָלט איינגעאַבצן געווען געליימט, און בלויז די געהירן

אי„געגאַסן אין רוים אריין, ווי אַ שטראָמעלע קוועקזילבער, קלען זיך נישט־אָפּשטעלנדיק, אָן ציל און אָן אַ סוף, און אַכן אויסטערליש־משונהדיקע קרייזן.

מע גרייט צום טיש, אָבער ער זעט נישט און הערט עס נישט. שוין עטלעכע מאָל האָט אים די רביצן געמינטערט:

— שוין צייט צו עסן... שוין האַלב צוויי דער זייגער;

— באַלד, באַלד, — פּטרט ער איר אָפּ אומגעדולדיק.

ערשט ווען אויפן טיש שטייט שוין אַ טעלערל רעטעך מיט אייל און אַ שיסעלע קאַרטאָפליעס אין חעמדלעך נאָר וואָס פונם זאָט, טוט זיין נאָז אַ ציטער פון דער ביטערקייט פונם רעטעך, און דער מאָגן טוט אַ מאָן דאָס וואַרעמקייט פון די קאַרטאָפליעס. ער פאַרבייגט עטלעכע דפים, און גייט זיך וואַשן צום עסן.

עס קומען אריין עטלעכע אָפּטע שטוב־איינגייער, און עס פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך מכוח שטאָט־נייעס.

— איר הערט, רבי? — ווענדעט זיך איינער צום רב'ס קאָפּ איבער דער שיסל: מע זאָגט — ביי שואל־דודן האָט מען אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר היינטיקן שבת! פאַר די זשאַנדאַרן וועגן...

— המם, — ברומט דער רב און עסט ווייטער, ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס מ'האָט אים דאָ אין דער שיסל אַריינגערעדט. אָבער פאַרבאָרגן ווערט אין אים דאָס בלוט איבערגעקאָכט, און ער לאָזט אַלעמאָל אַרויס אַ שווערן קרעכץ.

... ער אַליין איז אויך נישט בעסער, — טראַכט ער פאַרביטערט וועגן דעם דערציילער: וויל זיך אויסשפּייען, דער צדיק מיינער...

— טאַטע, אַ דעלעגאַציע גייט צו אונדז! — לויפט אריין נפתלי מיט אַ בשורה און גוזמאדיקן געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי!

אַלע דרייען אויס די געזיכטער צו דער אָפּגעלאָזענער טיר. אין צימער איז שטיל, און ס'הערט זיך בלויז שטאַרקער

דאָס סאַפּען, דעם רבס, און זיין דערקייען דעם ביסן, וואָס איז
אים שטעקנגעבליבן אין מויל.

אויף דער שוועל באַווייזט זיך אין אַ באַיענעם ברוינעם
שפּענצער, און ווייס=ברודיקע לייוונטענע הויזן און פאַרשטויבטע
שטיוול פאַרשטעקט, מיטן היטל אין האַנט — לעווקי דער
„המן=טאַש”. זיין פּנים, ברוין ווי פאַרעלטערטע וועלשענע נוס=
שאָלעכץ, הינטער אַ הויכער געלבלעכער ליסע ווי פון וואַקס,
פאַרענדיקט פון פאָרנט מיט אַ שניי=ווייס בערדל און פון הינטן
מיט אַ קיילעכיק=אַרומגעשוירענע טשופּרינע — איז פייערלעך=
ערנסט, ווי דעמאָלס ווען ער טראָגט דעם צלם פאַר אַ פגר.

— גוט=מאָרגן, ראַבין! — באַגריסט ער אויף יידיש, ווי
יעדן שושן=פּורים ווען ער קלייבט לויט זיין מנהג המן=טאַשן
איבער די יידישע הייזער.

— גוט=מאָרגן, גוט יאָר! — טוט דער רב אַ שאָקל
מיטן קאָפּ און פאַרריכט זיך צעמישט דעם קאַפּעלוש.

לעווקי דערנענטערט זיך. הינטער אים קומט מיט גרויס
דרך=ארץ ריץ דער שבת=גוי מיט דער געלער שטרויענער הוט
אין דער האַנט. זיינע באָרוויסע שמוציקע פּיס קלאַפּן האַרט
אויף דער פּאָדלאָגע, ווי זיי וואָלטן געווען הינטערגעבייט מיט
לעדערנע זוילן. זיין אויסגעטרוקנטער גוף, הענט און פּיס,
טרייסלען זיך אים אין דעם לייוונטענעם ברודיקן אָנטועכץ
ווי פלעקער. פון פאָרנט ביי די גלעזערנע רויטע קנעפּלען
איז די פּאזוכע צעשפּילעט, און ס׳קוקט פון דאָרט אַרויס אַ ברוי=
איינגעטריקנט ברוסטברעטל. זיין אויסגעקראָכענער שאַרבן, באַ=
דעקט מיט אַ ביסל קעמל=האָריקן מאָך שוויצט. ער מרוזשעט
די אויגן און פייערלעך ברענען זרגעץ טיף אין זיי.

— דיען דאָברי! — זאָגט ער, און וואַרט נישט אויף
קיין ענטפער פון קיינעם, שוין זייענדיק צוגעווייגט דערצו.

אונטער אים רוקט זיך, ווי נישט אויף די פּיס געגאַנגען
אַנדריי דער גנב. אַ נידריק גויעלע אין מעשטשאַנסקע אָנטו=
עכץ, אַ רויט פּנים, ווי אַ קאַלבאַס, מיט פינטלדיקע אויגן,

שלייפֿע. דאָס קעפּל פֿאַרזעצט אין די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן און ביידע הענט אַן אָפּגענוצט היטל מיט לאַקירטן דאַשעק. די פֿיס פֿאַרוויקלט אין אַ סך שמאַטעס איבערגעצויגן מיט ברייטע וואָלענקעס. דיקע ווי צוויי ביר-טעסעלעך.

— גוט מאָרגן, טאַטעניו! — באַגריסט ער מיט זיין יידישן לצים-לשון און דאָס דויטע פּנים לאַכט אידיאָטיש. ער שאָקלט זיך.

זיי בלייבן אַזוי שטיין איינער אונטער דעם אַנדערן אין אַ גענדזן-שורה.

— נו — ? — פֿרעגט דער רב מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן אויף דעם געזונטל.

לעווקי טוט אַ דריבנע טרוקן הוסטעלע, ריכט זיך אויפֿן אָרט, קוקט אַריין דעם רב אין די אויגן און פֿאָרט אַרויס מיט זיין יידיש-לשון:

— ראַבין ניעט האָבן פּאַריבל... ראַבין ווייסט איך בישט פֿיינט יידן... שישי-פּורים איך נעם אָמע-טאַשן... דאַנק.. גוט... היינט — פֿע!.. נחקע באַלעגאָלעס טאָכטער... סוקינאַ דאָטשקאַ!.. ווינט מיין גאַס... איך זע... נייט קינדער שיכעלעך... ראַבין ווייסט וואָס?!

עס פֿאַרכאַפּט אים דער אָטעם. ער שטעלט זיך אָפּ. דאָס פּנים פֿלאַקערט, און די אויגן שפּריצן מיט פֿונקען.

— נו—ו? — מונטערט אים דער רב און קנייטשט מיט די פּלייצעס.

— געגאַנגען קלויסטער, — רעדט לעווקי ווייטער און סאָפּעט מיט חיץ: — נעראַבעוועט גלחס רייז... גאָלד זילבער אויסגענייט... צעשניטן, צעריסן... גענאַכט שיכעלעך קינדער... פּגרן זאָלן זיי!..

אויסגעשאָסן די לעצטע קללה, ווערט ער אָפּגעקילטער, און פֿאַרענדיקט ווייכער:

— איך זאָג... בית-מדרש הייליג... טאַקע... אַבער קלויס-

טער אויף הייליק... ראַבין, גלח — אַלץ איינס... הייליק...

דער עולם אַרום שטייט מיט צעעפנטע אויגן און מיילער. און כאָטש דאָס גאַנצע בילד און די סיטואַציע איז קאָמיש פילט מען אָבער עפּעס אַן אינערלעכע טראַגיק אין דער לאַגע פון די איבערגעבליבענע, אויף פאַרשידענע אופנים פאַריידישטע ערלים, וואָס קומען באַשיצן די הפקר-געוואָרענע פראַוואָסלאַוונע קירך פאַר דער יידישער דעמאָראַליזאַציע. ריץ דער שבת-גוי און אַנדריי דער גנב שאָקלען-צו די גאַנצע צייט הסכמהדיק מיט די קעפּ צו לעווקיס ווערטער.

— יעי באָגו, פּראַוודאַ, — פינטלט ריץ מיט די אויגן, כאָטש זיין פאַרשטאָפּטער מח פאַרשטייט נישט קיין וואָרט יידיש.

— רבילע, פּריצל, טאַטעניו, — רוקט זיך אַרויס אַנדריי דער גנב אויף זיינע ביר-פּעסלעך: — נחקע גנב... איך אויך געווען גנב... רבילע זעט... (ער ווייזט אויף די פּיס) מיר גאָט געשטראָפט... באַגנבעט קלויסטער... גוים געכאַפּט, געהרגעט געבראָכן ביינער... געצונדן שטרוי... מיר געוואָרפן פייער.. שיר פאַרברענט... די פיס אַדאַיאָם קראַנק... ראַנעס... יאַטערט.. רינט... גאָט געשטראָפט... גאָט נחקע גנב אויך שטראָפן...

— יעי באָגו, פּראַוודאַ, — פינטלט ריץ מיט די אויגן.

דער רב שפּרייזט אַרום צערודערט איבערן חדר און ברומט אריין אין זיך:

— כ'האָב זיי געזאָגט: סע וועט צו קיין גוטס נישט דערפירן!

— וואָס-זשע קאָן איך טון? — בלייבט ער שטיין נעבן לעווקין מיט צענומענע העזנט פון אומבאַהאָלפנקייט: גייטס צום קאָמענדאַנט. לאָז מען זיי הענגען — אַזעלכע יידן! איך וועל נישט גיין בעטן פאַר זיי.

לעווקי שאָקלט אָבער אומצופרידן מיטן קאָפּ. זיין פּנים ווערט פינסטער, דראָענדיק, ווי כמאַרע:

— נישט גוט זיין, ראַבין... נישט גוט זיין!.. קומען אונדזערע... גוים... איך אַליין דערציילן... וויין פּאָגראָם... קישיניאָוו

בלוט אין די גאַסן...

— נישט גוט זיין, טאַטעניו, אמת, רבילע, ווי איך בין א גוי, ערל, שטאָפטע קאָפּ! — שמייכלט אידיאָטיש אַנדריי דער גנב.

— יעי באָגו, פּראַוודאַ, — שאָקלט צו רייץ
דער רב ווערט בלאַס. די ליפּן צוקן:

— זענען געפרעכט די ערלים. פּאַסן דאַרף מען פון זיי שניידן!

ביים טיש בלייבט ער שטיין, און טוט מיט צאָרן א זעץ אָן טיש:

— אַלע, אַלע זענט איר אַזוי! איינער נישט בעסער פונם אַנדערן!..

ער שפּרייזט ווייטער, ווי אַ בערע איבערן צימער, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, פאַרהוסט זיך, און דורכן הוסט רייסט זיך אים מיט אַ קוויטש אַ שניידיקן און ווילדן:

— חרם!

— יאָ, יאָ, — כאַפּט זיך אָן לעווקי באַפרידיקט: דאָברע, גוט... כערעם... שוואַרצע לעכט... יידן מורא... פּאַכעט... כערעם...

— שטאַרבן...

— היי, רבילע, פּריצל, גוט, — שפּרינגט אַזש אונטער אַנדריי אויף די ביר-פּעסעלעך: כערעם — מאַכן שטאַרבעלע... געהערט, ווייס... עובעכערעם — רויס געדערעם!.. נחקע גנב בראָך אין קעפּעלע...

— יעי באָגו, פּראַוודאַ, — איז ווידער מספּים רייץ, נאָר שוין מיט אַן הוספה: — יאק כערעם, טאָ כערעם!

— יאָ, יאָ, — פאַרזיכערט זיי דער רב, און ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון שטערן: איך וועל היינט רופן אַ חרם איר קאָנט שוין גיין אַהיים.

און פאַרנאַכט האָט טאַקע דער שמש געררופן אַ חרם אין בית-מדרש בפקודת הרב אויף די וואָס וועלן ראַבעווען דאָס האָב און גוטס פון די גוים, און האָט פאַרענדיקט שטרענג,

לויט דער רב האָט אים געלערנט:

— וכל הפורץ גדר, ישכנו נחש!

ערב יום־כפור. דער פחד פאַר דעם יום־הדין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל און געבליבן הענגען מיט שווערע דראָענדיקע פליגל. אין בית־מדרש שטייט שוין פון אינדערפרי אָן דער ערנסט פון באַלדיקן שטעלן זיך פאַרן כסא־המשפט. בייטאָג באַגעגענען זיך יידענעס מיט וועקסענע ליכט אין די הענט, רעדן צווישן זיך גאָטספאָרכטיג און מענטשנפריינטלעך, און ווינטשעווען זיך צו אַ גוט יאָר.

— און דער עיקר, גאָט זאָל שוין טאַקע געבן פרידן אויף דער וועלט!

— הלואי, טאַטע לעכטיקער!

צו מנחה איז דער בית־מדרש געפּאַקט. קערפּער שאָקלען זיך, פויסטן שלאָגן אָן ברוסטן, קעפּ פאַררייסן זיך אַרויף, אויגן פאַרגלאָצן, און פון הערצער רייסט זיך אַרויס:

— אוי, אוי, רבונו של עולם! על חטא שחטאנו לפניך...

די צדקה־פּושקעס מיט די געשטובעטע אותיות ביי דער טיר, קלאַפּן טרוקן הינטער די אַריינגעוואָרפענע מטבעות.

פאַרנאַכט, ווען אויפן בלוטיקן טייך פונם הימלראַנד אין מערב טרינקט זיך פחדימדיק דאָס זון־שיפל, קוקן די הייזער אַרויס מיט ליכט־פלעמלעך און יאָמערן, ווי מע באַקלאָגט אַ בר־מנן אין דער מינוט ווען מע טראָגט אים פון שטוב אַרויס. מאַנסלייט אין די זאָקן, מיט טליתים אונטער די אָרעמס. אַנדערע שוין אין טליתים, לאָזן זיך חשבון־הנפשדיק אין בית־מדרש אַריין. ווייבער קומען אַרויס פון די הייזער מיט געיאָמער און פירן אים אַרויף אויף דער ווייבערשול. יונגוואַרג טראָגט טישלעך און בענקלעך, און וואַגט אָבער נישט אַ שטיף צו טון.

די לופט אין בית־מדרש איז ווי אַלע יאָר, יום־כפורדיק. אַ געמיש פון די פאַרשידנסטע ריחות: דער פעטער בר־מנניח פון שמעלצנדיקע, קנאַקנדיקע וואַקס־ליכט; דער טרוקע־

רייצנדיקער ריח פון אויפשטויב; דער איבלדיקער ריח פון ענגשאַפט און שווייסיק, צעפריעט מענטשן־לייב; און וועל־כולם דער זומפיקער ריח פון געטרוקנטער לעפעכע, מיט וועלכע ס'איז געשפּרייט די פּאָדלאָגע. און קוים זיך אַנידערגעזעצט, זאַפּט עס דער גוף אַלץ אַריין אין זיך, דער אויער ווערט איינגעשלונגען: פון דעם געיאָמער אויף דער ווייבערשול, פון דעם תחנונימדיקן געזשום און געזיפץ פון דער מאַנסבילשער תפילה־זכה, און ווערט יום־כפּורדיק.

ווען דער רב צווישן צוויי חשובי־עיר, ספרי־תורות אין די הענט, זאָגט־אָפּ דריי מאָל מיט דבקותדיקן פחד, מיט אומע־טיקן, באַדויערנדיקן נגון:

— על דעת המקום ועל דעת הקהל...

דערשפּירט ער, דער רב, אַז ער האָט געזינדיקט קעגן קהל:

... יידן זענען טאַקע פאָרט יידן!..

און איידער ער גיט אָפּ דאָס ספר־תורה, דריקט ער עס צו צום האַרצן און בעט האַרציק אויף יידיש לשון:

... סאָל, חלילה, קיינער נישט פאַרקרענקט ווערן... מע זאָל נישט דאַרפן קומען נאָך קיין היתר... דעם הייליקן תענית צו פאַרשטערן...

הייליק־פייערלעך שלייכט דורך דער אָוונט. די לופט ווערט הייסער. שטיקנדיקער, די ליכט טריפן געלע טרערן און זיפצן, און דער עולם דאַוונט, שרייט, קרעכצט, וואַרפט זיך און הערט זיך איין פאַרגליווערט צום חזנס געזאַנג מיט די משוררים.

ס'איז דער יום־הדין!

קומט דער פרימאָרגן — ווייטער דאָס אייגענע.

ציט זיך דער טאָג — ווייטער דאָס אייגענע.

ס'איז דער יום־הדין!

און די האַלב נישט־פאַרשטענדלעכע לשון־קודשדיקע און מחזורדיקע תפילות, טייטשט דער עולם אַריין יידיש־לשונדיקע מחשבות:

... זאָל מען שוין מער די שרעקן נישט איבערלעבן...
זאָל שוין אַן עק און אַ סוף נעמען צו די יידישע צרות...
זאָל שוין מער קיין מענטשן-בלוט נישט דורכווייקן די ערד...
זאָל שוין קומען שלום און רו אויף דער וועלט... טאַטע-פאָטער!

און ווען עס ציטערט, ווי דער גלאַנץ פון אַן אָוועקגעשווינדלטן פליגל, אַ גאָלדענער שטראַל אין בית-מדרש, ווערן די ווענט צעשפּרונגען:

— פּתח לנו שער בעת נעילת שער!

דער עולם איילט אַהיים.

דער רב איז שוין פאַרמאַטערט פון שאָקלען דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן און יעדן אָפּענטפערן:

— אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר!

ער איז פול מיט שמחה און מיט ליבע צו די שטעטל-יידן, און ווען דער בית-מדרש איז שוין אויסגעליידיקט, שאָקלט ער נאָך אַלעמאָל מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און איז מפסיק אין מיטן אדון עולם:

— אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר!

מיט אַ גרינג האַרץ און גרינגען גוף שפּרינגט ער קעגן דער לבנה:

— כשם שאני רוקד כנגדך...

מלא-חדוה זיצט ער ביים טיש, נעמט אַ גלעזעלע נאָך אַ גלעזעלע, און זאָגט אַרויס בקול-רם זיין פרייד:

— אַ דאַנק השם יתברך: יידן האָבן תשובה געטון!

אונטערגעלענט דאָס האַרץ, דערוואַרימט פונם בראָנפן, גייט דער רב אַרויס אין דרויסן, עפנט דעם פליגל פון דער סוכּה און קריכט אויפן לייטער, כדי אַריבערצולעגן אַ פּאָר דרענגלעך היגטערן סכך, ווי זיין מנהג איז. ער קוקט זיך אַרום פון דער הייך, זעט דאָס שטעטל שמייכלט איינגעטוליעט און רויק מיט ליכטיקע פענסטערלעך, און זיין האַרץ און געזיכט קוועלט פאר נחת.

אַרויפגעקומען גאָר אין דער הייך, בלייבט זיין בליק

הענגען איבעראַשט און פאַרשנדיק אין יענער זייט שטעטל, ווו עס שטייען די שייערן. טונקעלע געבויגענע מענטשן־סילועטן שוויבלען דאָרט אויפן פרייען פלאַץ הין און צוריק, און אויף זייערע פלייצעס גלאַנצט קעגן דער לבנה עפּעס געלבלעכס־ווייס.

און באַלד ווערט אים קלאָר, און ס'טוט אַ ריס אין האַרץ.
... דאָס טראָגט מען דאָך סנאָפּעס פון די שייערן!..
ס'ווערט אים פינסטער אין די אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרום דעם לייטער, וואָס אויף זיין שפּיץ שטייט דער רב מיטן פאָדערשטן האַלבן קערפּער אַריבערגעפאַלן אויף דער סוכּה, שטייט אַן אָנגעלאָפן געזעמל פון שכנים און שכנות, שטייען די שטוב־מענטשן מיט לאָמפּן און ליכט אין די הענט, מיט דערשראָקענע גלאָציקע אויגן, און אַלע קוקן אַרויף מיט אָפענע איבערגעשראָקענע מיילער.

דעם רבס קערפּער טרייסלט זיך קאָנוווּלסיוו און טרייסלט מיט דעם לייטער. אין דעם סכך וואַרגט זיך אַ היסטעריש כליפּעריי.

— מע דאַרף אים אַראָפּנעמען אין דער נידער... פון דער הייך קאָן מען פאַלן... באַמערקט עמעץ עפּעס אַזוי פּשוט, אָבער איצטער זעט עס אויס צו זיין זייער טיפזיניק, און אַלע קוקן זיך אויף אים אום.

ס'ווערט אַ באַוועגונג.

חשובהטעס.

דאָס שטעטל איז מיד אײַנגעשלאָפֿן אין האַרבסטיקער בלאָטיקייט, אין שווייס פֿון שמוציקער צוואַנג־אַרבעט בײַ קאַרטאָפֿל אויפֿגראָבן. אויפֿגעכאַפּט האָט זיך עס אומגעריכט אין בלאַנקענדיקער. ווייסער זילבערקייט, וואָס דרינגט אַריין טיף אין נפֿש אַריין, און זויבערט און כּשרט דעם גוף, אַז די וואָלסט זיך דאַכט זיך נישט געשעמט צו גיין אַ נאַקעטער אין דרויסן. אַ יינגער, לייכטער שניי ליגט אויסגעשפּרייט אויף באָדן און דעכער. און קלעפּט אויף יעדער אַרויסשטאַרצונג פֿון הייזער, געביידן און בלויטן. הימל הענגט לויטער און קאַלט. זון שײַנט.

די שטעטל־לײַט אָטעמען מונטער און פֿריי:

— אַ דאַנק גאָט! פּטור! פּטור פֿון דער עבֿודת־פּרך בײַ די קאַרטאָפֿל.

עס גייען טעג נאָך טעג, וואָס ווייטער אַלץ קלענערע, ביז צום סוף וועט דער לעצטער קאַרליק־טאָג בלײַבן שטיין אויף דער לאַנגער ווינטערדיקער נאַכט, ווי אַ הייפֿטל קרויט פֿאַרגעסן אויף דער כּאַשנייטער גאָרטן־בייט. מע זעט נישט קיין זשענדאַר אין גאַס, ווי דער שניי וואָלט ווי ערגעץ פֿאַרשיט. מע באַלעבאַטעוועט בײַ זיך אין די שטיבער. מע שטעלט אַריין די טאָפּל־פֿענצטער. מע פֿאַרריכט די טירן. אויפֿן אָוונט קומט אַריין אַ שכן צו אַ שכן. מע רעדט אַרום די לאַגע:

— מילא מיט עסן האָט מען זיך יוי־נישט־ווי אַביסל פֿאַרגרייט, אָבער וואָס וועט זײַן מיט האָלץ?

— אַך! וויפל שטויסן האָלץ ס'פלעגט שוין איצטער ליגן אָנגעלייגט ביי יעדן באַלעבאָס! מע פלעגט זיך דאָך פאַרגרייטן באַצייטנס, זומער, אַבי דער פויער האָט זיך נאָר אַביסל אַרומגעפּאָרעט אין פעלד...

— דו קרעכץ נישט אויף יענע צייטן. יענע צייטן זענען שוין לאַנג אַוועק, און וועלן זיך נישט אומקערן. גיב בעסער אַן עצה וואָט טוט מען איצטער!

— אַ? איך האָב! און שייערן טויגן אויף קיין האָלץ נישט? פריער האָט מען אַרויסגעפירט פון זיי, איצט וועט מען אַוועקפירן זיי אַ־יין!

— אָט הערסטו, ס'איז אַן איינפאַל, מע דאַרף מאָרגן איבערעדן מיט נאָך עטלעכע פאַרשוין...

אין שטעטל גייט אָן, פון טונקעלן פאַרנאַכט ביז אין גרויען טאָג אַריין, אַ „וואָזקע" פון האָלץ. מיט פערד און שליטן, און מיט האַנטשליטלעך אַליין אין זיי געשפאַנט. די ווענט פון שייערן ווערן אַרויסגענומען, עס בלייבן פון זיי שטיין בלויז די סלופּעס מיט די שטרויענע דעכער, און דאָס גרויע אויג פון באַגינען דערזעט שוין „צעבראָכענע לאַמטערנס" און „חופּות" פאַר שדים. אָבער אינגיכן קוקט זיך די קאָמענדאַנטור אום אויף דעם נישט־געהערטן רויבעריי: די שייערן וועלן דאָך נויטיק זיין אויף בריקן צו לייגן! און עס הייבט זיך אָן אַ געיעג נאָך האָלץ־רויבער־באַנדעס מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון אַרעסטן און געלט־שטראָפן.

געפונט עולם אַן אַנדער וועג: מע קאָן דאָך גאָר פּשוט פאָרן אינמיטן העלן טאָג אין וואַלד אַריין. אין וואָסער וואַלד דו זאָלסט נישט טרעפן, צי פון קאזנא, צי פון אַ פּריוואַטן סוחר — הפקר! ווער וועט דיר דען אַ קרום וואָרט זאָגן? האָבן זיי נישט געקערט אַנטלויפן די רייכע וואַלד־סוחרים! אָבער די מאַכט שטערט דאָס אויך: וואָס ס'איז טויגלעך אויף בוי־מאַטעריאַל וועט מען אָפּפירן קיין דייטשלאַנד. און דאָס ברענהאָלץ וועט גיין אויף קוילן.

— אַלעס מוז בעשרענקט זיין!

פאַרנאַכט הענגט אויף דער בית־מדרש־טיר אַ מעלדונג אין נאָמען פון דעם קאָמענדאַנט, לייטנאַנט פּאָטאָצקי, געשריבן אויף יידיש מיט דער קאַליגראַפישער שריפט פון יאַנטשיק דעם מיליציאַנט, אַז ווער עס דאַרף האַלטן זאָל זיך ווענדן צו אים פּערזענלעך, צום קאָמענדאַנט, נאָך אַ באַשייניגונג.

אויף מאָרגן ווערט דאָס שמאָלע שטיקל שאָסיי, וואָס פירט צו דער קאָמענדאַנטור אין הויף, אויסגעטרעטן ווי פון אַ יריד. מע איילט זיך צו באַקומען באַשייניגונגען אויף האַלטן. אין דעם לאַנגן־שמאָלן קאָרידאָר איז הייס פון מענטשן־ענגשאַפט. און דערווייל שמועסט מען וועגן דעם ענין:

— איר ווייסט, נישט יעדערן נעמט ער אויף אַלצאיינס. אַנדערע זעגען עפּעס גאָרנישט נושא־חן ביי אים, אָט האָט ער דאָך ליפּע־גרשונס אינגאַנצן אָפּגעזאָגט:

— מסתם האָט אים אַ מיליציאַנט אַ טובה געטון. אונדזערע יידעלעך!

— און פון די ווייבער האָט ער נאָכנישט אָפּגעזאָגט אַפילו קיין איינע. וויפל פורן מע בעט...

— נו, גיי שיק אים דיין ווייב.

— אַז דו וועסט אים שיקן דיין מיידל.

ביי טאָג ווייסן שוין אַלע פון דעם סוד: דער „גראַף פּאָטאָצקי" האָט זיך ליב אַ שפּיל צו טון. די זאַך איז פּריקרע, נאָר וואָס זאָל מען טון! און טאַקע ווידער דאָס אייגענע:

— קעלט, דאַרפט איר וויסן, איז ערגער פון הונגער חלילה!

און:

— ער וועט דאָך אַלע נישט „מיינע שונאים זיין"!

ווייבלעך און מיידלעך קימען אַהיים מיט די באַשייניגונגען שעמעוודיק־פאַרויטלט, כלומרשט־פריילעך, און מען אָדער מאַמע קוקט אָנגעשטרענגט און שפּיזיק פון חשד. מ'איז אין פאַרלעגנהייט און מע סטאַרעט זיך צו פאַררעדן:

— אַ דאַנק באָט! וועט כאַטש זיין וואָרים אין שטוב.

אָבער גלייך נאָך דער פּראַזע ווערט שטיל, שווער און עס שפּירט זיך, אַז עפּעס איז נישט דערעדט געוואָרן, און אַז פון דעם עפּעס קאָן אַרויסוואַקסן בייזס און שווער-מזלדיקס.

פאַרנאַכט אין בית-מדרש רעדן די מאַנסלייט וועגן דעם „ענין-נשים". מע דערציילט — פאַרשטייט זיך נישט וועגן איי־גענע, נאָר — וועגן ווייבלעך און מיידלעך פון אַנדערע. דערביי כאַפּט דער דערציילער אַ פאַרשנדיקן בליק אַרום זיך, צי שטייט נישט אַמאָל יענער מאַן אָדער טאַטע הינטערן פּלייצע. עס פאַלן ציניש, פעטע ווערטלעך און שפּיציקע געלעכטערלעך. פּלוצים האַקט איינער אָפּ אינמיטן געלעכטערל, און בלייבט שטיין ערנסט מיט בלינדע אויסגעשפּיצטע בליקן. ער קוקט אין זיך אַריין. ער דערמאָנט זיך:

... באַסיעלע... זי איז דאָך אַ קינד נאָך... האָט געזאָגט... אַזאַ פאַרויטלטע... אפשר פון דער קעלט... אַזאַ פריילעכע... אפשר ווייל זי האָט געפּועלט: הערסטו, טאַטע, אַז מע וועט דאַרפן וועל איך קאָנען גיין נאָך אַמאָל...

זיין מחשבה דרינגט אַריין אין די מוחות פון די איבערי־קע, און רופט אַרויס ענלעכע מחשבות זיי שטייען אומבאַוועגט און שטום. די שטומקייט דריקט. ווי אַ נידריקער סופיט איבערן קאָפּ. יעדער האָט אינסטינקטיוו מורא, דער צווייטער זאָל אים נישט פאַרקריכן הינטערן שאַרבן און אַ שקראַבל טון די געהירן. עטלעכע טוען אַ זאָג מיט בטול פאַראַמאָל, ווי זיי וואָלטן זיך פון עפּעס אָפּגעריסן:

— פוסטע מעשות ׳ שוין צייט אַ היים צו גיין

— יאָ, שוין טאַקע צייט, — איז מען מסכים

אינדרויסן. ווייל יעדער פילט זיין אייגענע שולד און ווייל זי פאַרדעקן, לאָזט מען אויס רעם צאָרן צו די וואָס זייער שולד איז שוין אַ בפרסיה-זאַך:

— עך, נישט געדאַכט זאָגן זיי ווערן, די חשובטעס מיט די קנייפּעלעך!

— גאַ דיר שמעון־יידלס מיט אַ קנייפעלע, מיט אַ מויד!

— ששש! אָט גייט ער טאַקע.

שמעון - יידלס גייט איבער דעם שאָסיי, איינגעבויגן, איינגעגנורעט דעם קאָפּ אין דעם פוטער־קאָלנער, ווי ער וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן פאַר בושה.

— אַ צדיק אין פעלץ!... — באַגלייט אים אַ רוגזדיק ווערטל.

— נו, זעסטו. אַנישט האָט די מויד זיינע פריער נישט געשפּילט מיט בחורים אין „אום צו גראָד" אין דער פאַזוכע!...

ראַציע־היה די וווילקענעוודיקע און חנה־ענציע די סופּרטע, צוויי אַלטע, קליינינקע, דאַרע יידענעלעך, איינגעטוליעט מיט די דיקע סדורים אין די שאַלן, גייען אַראָפּ דורכגעפרוירענע מיט דורכזיכטיק־בלאַסע נעזלעך פון דער קאַלטער ווייבערשול. אויפן לעצטן טרעפּל באַגעגענען זיי אָן פייגע דעם גארבערס, די מלחמה־אלמנה, אַ ווייבל פון בערך אַכטאונדרייסיק יאָר, וועלכער מ'האָט די לעצטע צייט געגעבן אַ צונאָמען: פייגעניו די משוגע־נע. נאָכדעם ווי זי האָט דערהאַלטן די ידיעה, אַז איר דוד איז געהרגעט געוואָרן, איז זי משונהדיק פרום געוואָרן.

— אַ גוטמאָרגן! — באַגריסט פייגע זיס־פרום, ווי לאַק־ריץ, און איר איידל־שטאלטנע פיגור בייגט זיך איין מיט הכנעה פאַר די פרומע זקנות.

— אַ גוטמאָרגן, אַ גוטיאָר! - שאָקלען זיך איר אַנטקעגן ביידע יידענעלעך און בלייבן שטיין, כדי זיך צו דערוואַרעמען מיט אַ שמועס נאָכן געפרוירענעם דאַוונען: וואָס־זשע הערט זיך עפּעס נייעס, פייע - לעבן?

— וואָס זאָל זיך הערן? — פּאַרציט פייגע עטלעכע מאָל די דינע חלפים־ליפּעלעך, ווי זי וואָלט זיי אָנגעשאַרפט: וואָס זאָל זיך הערן? אָט כאַפּט מען אַריין אַ רגעלע אַרויפצוכאַפּן זיך אין שול און טון עפּעס פאַר דער נשמה אויך, פאַר דער

זינדיקער. די קינדערלעך, זאָלן מיר געזונט און שטאַרק זיין, איך זאָל די זכיה האָבן, נעמען דאָך צו דאָס גאַנצע ביסל צייט. און דער טאָג איז שוין אַזוי קליין, קוים עס קלעקט מיר צייט צו לויפן אויפן אוהל דעם נר־תּמיד־לאָמפּ דערגיסן.

— יאָ, כ'האָב שוין געהערט, — שאָקלט ראַציע־חיה פרום מיטן קאָפּ און טוט אַ גלאָץ מיט די אויגן: דאָסט אַ גרויסע מצוה אויסגעכאַפּט. אַ צדקות אַ גרויס. גאָר אַ קליי־ניקייט — ס'נר־תּמיד אויפן מגידס אוהל! ווער סע געדענקט נישט...

— האָט נישט קיין פאַראיבל, ראַציע־חיה, וואָס איך שלאָג אייך איבער די רייד, — איז איר פייגע מפסיק מיט אַן אויפגע־שיינט פּנים: זאָל שוין טאַקע ביי אַלע יידן זיין פרייד און ליכ־טיקייט! דער מגיד, זכרונו צדיק לברכה, האָט נאָך פאַרדינט ביים שטעטל זיין נר־תּמיד זאָל, חלילה, נישט אויסגעלאָשן ווערן. וואָרן — הערט וואָס איך זאָג אייך — ווען נישט ער, וואָלט שוין לאַנג פון דעם שטעטל קיין שטיין אויף קיין שטיין נישט פאַרבליבן!

חנה־ענציע די סופרטע שאָקלט מיטן קאָפּ, און איז מסכים:

— טאַקע אַזוי. וואָס מיינט איר? אַזאַ מלחמה, אַזאַ פייער..

— אָט־הערט. — גליט פייגע ווייטער: אַנומלטן זאָגט ...ר לעווקי, אַ גוי להבדיל, די כפּרה זאָל ער ווערן פאַר אַ יידן: אַ נס, זאָגט ער, אייער סטאַרי ראַבין ליגט דאָ, אַנישט, זאָגט ער, איר הערט? בזה הלשון: אַלע ווערן נעהרגעט! אַלע! יעי באָהו.

— אַ קלוגער גוי, דער לעווקי, — איז זי משלים די ...ר ייד,

— ווער־זשע גיט דיר געלט אויף נאַפט אין אַזאַ יקרות, ...אָלסט מיר געזונט זיין? — פרעגט ראַציע־חיה.

— ווי הייסט? — ציט פייגע צוזאַמען די ברעמען, איר שאַרפער בליק ווערט געשאַרפטער, די קלייען־פּליאַמעס — רויט, און זי זאָגט מיט פאַרדרוס: פון מיין אייגענער קעשענע. וואָס־זשע, איך בין עפּעס, חלילה, אַ גאַבעטע אויף פרעמדס?

— אַזוי?... וווּנדערט זיך די סופּרטע און זיפצט: הייני־טיקע צייטן... קיין פּרנסה איז נישטאָ... דאָס גאַרבערייַ שטייט דאָך... אַן אַלמנה מיט פינעף קינדערלעך, אָן עין־הרע!... אַליין...

— אַליין! — טוט זיך פייגע אַ כאַפּ, ווי ס'וואָלט איר אַ ביס געטאָן: איך בין אַ דאַנק גאָט נישט אַליין!... ווו איז עפּעס גאָט!...

— און איך בין אפילו נישט ווערט זיין ליבן נאָ־מען צו דערמאָנען! — פאַרפּרומט זיך ראַציע־חיה, דערפילנדיק אין פייגען אַ קאָנקורענטקע, און פאַרפירט אומגעריכט דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדער וועג: און אין שול איז אַזוי קאַלט, אַז סע נעמט דורך די ביינער. דער הויך פרירט הינטער דער נאָז. ביי די מאַנסלייט קומט זיך כאָטש צוזאַמען אַ מנין איז אַ ביסל, „זאַטישנער". אָבער ביי אונדז — אַ פּוסטקע!

— אַז מ'האָט שמחת־תורה קיין גבאי נישט געקליבן (מע זאָל שוין מער קיין פאַרשטערטע ימים־טובים נישט האָבן!), ווער־זשע זאָל זיך זאָרגן פאַר דער ווייבערשול! — דערקלערט חנה־ענציע די סופּרטע.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, — שטעכט פייגע איר בליק ווי צוויי צוועקעס אין דער בית־מדרש־וואַנט: ווען איך ווייס, אַז ס'איז נישט קיין זינד, חלילה, וואָלט איך אַליין גע־גאַנגען צום „גראַף פּאָטאָצקי" בעטן אַ באַשייניגונג אויף האָלץ פאַרן בית־המדרש.

— אַדרבה! אַבי דו האָסט נאָר דאָס לשון צו רעדן מיט אַ פּריץ! — ווערט ראַציע־חיה אויפגעלייגט ביי דעם רעיון, אַז אין שול וועט שוין ווערן וואַרימער, און ווישט זיך אָפּ מיט פאַרגעניגן אַ טראָפּן פון דער נאָז: וואָס איז שייך... שלוחי־מצוה... אַ גרויסע זאַך... ווען מיר שוין גיין סופּרטע?

די יידענעלעך טוליען זיך אַריין אין די שאַלן, און זיפצן אָפּ:

— אַ גוטן טאָג! אַ גוטן טאָג!

— אַ גוט יאָר! גייט געזונטערהייט. מע זאָל זיך שוין ביי בעסערע אופנים באַגעגענען, — ווינטשעוועט זיך פייגע, און כאַפּט די לעצטע רגע נאָכאַמאָל ישוב׳ וואָס־זשע זאָגט איר, זאָל איך טאַקע גיין צו אים?

— גיי, גיי. און זיי מצליח!... ווינטשעוועט איר ראַציע־היה שוין פונוויטן.

פאַרנאַכט־צו. ביי פייגען אין שטוב, וואָס האָט אין די מלחמה־יאָרן אַראָפּגעזונקען ביז דער העלפט אין דר׳ערד, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני ביים שאָסיי־ראַנד, כדי מיט די פענסטער־אויגן באַטראַכטן די פאַרשטויבטע שטיוול פון די פאַרביימאַרשירנדיקע זעלנער־פּולקן, — איז שוין שטאַרק טונקל. אַלעמאָל בייטן זיך פאַרביי די פענסטער אַ פּאָר פיס פון אַ פאַרבייגייער, ווי די שפּיצעס פון אַ וואָגן־ראָד. דער עולם גייט שוין צו מנחה־מעריב.

פייגע שטייט ביים טיש אינמיטן חדר, שניידט מוציאס ברויט און טיילט, צוגעלייגט אַ האַנט־הויפן בארלעך, צווישן די קינדער. די קינדער, וואָס האָבן שטענדיק מורא פאַר דער פאַרביטערטער מאַמעס אַ קניפּ אָדער אַ שטורך, נעמען שטיל וואָס מע גיט זיי, מאַכן אַ ברכה און עסן. ווער־ווער טוט קוים אַ ברומל אויפן קנאַפּן הלק וואָס אים איז אָנגעקומען. פייגע, אַן אויפגערייצטע און אומגעדולדיקע, מאַכט איצט מיט זיי נישט קיין מחזקות, און וואַרפט־צו דעם, יענעם נאָך אַ באַרל. זי איילט זיך אַוועקצוגיין, חיהלע, דאָס עלטסטע מיידל אירס, ווישט אויס איבערן טיש דאָס גלעזל, צינדט אָן אַ שוועבעלע און דער לאָמפּ טוט אַ צאַפּל מיט אַ רויטער וויע. די קינדער פאַרשמורען די אייגעלען. זיי זענען אָבער נישט מפסיק דאָס גיריקע קייען.

— נאַ, אָט האָסטו דיין חלק, — ווייזט איר די מאַמע אויפן טיש. אָבער חיהלע קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון דער ציטער־שפּילקע וואָס צעגיסט זיך אין דעם טאָלעכל פון

דער מאַמעס אויפגעבערגלטן פאַרוק, און פאַרשטייט באין־אופן נישט, צו וואָס האָט זיך די מאַמע אַזוי געזייפט און פאַרפּוצט צום גיין אויפן אוהל, און וואָס איז זי געווען אַזוי צערודערט דעם גאַנצן טאָג.

— הערט־זשע, קינדער, איר זאָלט דאָ שטיל זיין ביז כ׳וועל קומען. און דו, חיהלע, זאָלסט, למען־השם נישט אַרויס־טרעטן מפתח־בית, הערסט? דעם לאָמפּ זאָלסטו פאַרדרייען. די טיר איגעווייניק פאַרקייטלען: ס׳זאָל אַ וועלכן ס׳איז שוואַרצ־יאָר, אַ זשענדאַר אָדער אַ זעלנער, נישט אָנטראָגן. דו הערסט וואָס איך זאָג דיר אָן, חיהלע!

חיהלע הערט, און טראַכט פאַרנעפּלט, אַז הלואי וואָלט דוקא עמיצער יאָ אַרייַנגעקומען. דער אָוונט איז אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג!..

פייגע שלעפּט אַרויף דעם לאַנגען פלושענעם סאַק, וואַרפט אַריבערן קאָפּ די שאַל, נעמט די פלאַש נאַפט פונם ווינקל ביי דער טיר, און גייט אַרויס.

זי גייט צום אוהל. הינטער איר, ווי אַ קעצל אויף גע־יעג, גייט פאָרזיכטיק נאָך חיהלע. זי האָט נישט געקאָנט באַ־צווונגען דעם בייגז׳ר, און עס טרייבט איר ווייטער עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַרלאַנג. זי האַלט זיך ציטריק אויפן שאָטן־קאָפּ פון דער מאַמעס לאַנג־אויסגעצויגענעם סילועט. פאַר זיי שפּרייזט זיי פאָרויס די לבנה.

פייגע גייט אַריין אין אוהל. חיהלע קוקט זיך אַרום מיט שרעק אויפן בית־עולם, וואָס פלעקט־אַרויס פון שניי מיט מצבות און נאַקעטע ביימער, שטעלט זיך צוגעטוליעט צו דער דיקער מויער־וואַנט פונם אוהל, און דרייט אויס דעם קאָפּ צום פענצ־טער מיט די קראַטעס־קעסטעלעך, פון וואַנען עס בלייכט־אַרויס אַן אומעטיק־טויטלעכע שיין, און ווו עס געפונט זיך די מאַמע.

פייגע גייט־צו מיט שטילע טריט צום גרויסן ציון־טיש וואָס שטייט איבערן מגידס קבר. זי פאַרגלאָצט די אויגן צום אַריינגעדרייטן נר־תמיד־לאָמפּ, און אירע דינע ליפּן הייבן אָן

צוקן, ווי צעהאַקטע ווערים. פון אירע פיס ציט זיך אַ לאַנ־גער שאָטן, וואָס ברעכט זיך אין דרייען, פון דער פּאָדלאָגע אויף דער וואַנט, פון דער וואַנט אויף דער סטעליע. זי הייבט זיך אָן שאָקלען, און דער שאָטן וואַרפט זיך ווי פון חולה־נופלימדיקס. פייגע אימפּראָוויזירט אַ תפילה:

— הייליקער מגיד! איך בין ווידער געקומען, איך דיין דינסט, אויסגיסן פאַר דיר מיין אלמנהש פאַרשניטן האַרץ. ווייסט דאָך, מיין מאַן, דער טאַטע פון מיינע קינדער, איז געפאַלן אין דער מלחמה, ווי אַ ריגד אין דעם שעכטהויז. איך ווייס נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. צו וועמען זאָל רעדן מיין האַרץ? קיין טויטע הערן נישט און ענטפערן נישט פון דער וויסטער גרוב אַרויס. אָבער דו, הייליקער צדיק, וואָס דו לעבסט נאָך דער פטירה, פאַר דיר גיס איך אויס מיין האַרץ און מיין פאַרביטערטע גאַל. באַשיץ און באַשירעם די אלמנה מיט די יתומים פון די נויטן און די שרעקן פון דער צייט!

זי בלייבט שטיין, פינטלט מיט די טרוקענע וויעס, און בעט ווייטער:

הייליקער מגיד! אין צייט פון פאַרדאָרבנקייט און זנות, פאַרהיט מיר מיין קינד, וואָס האָט פאַרלוירן דעם טאַטן דעם היטער, עס זאָל נישט געפאַנגען ווערן אין דער אויסגעשפּריי־טער נעץ פון זינד. זי איז דאָך מיינע, דער זינדיקערס אַ טאָכטער... עס שרעקט זיך דער מאַמעס האַרץ...

זי קלאַפּט זיך אויף אַ קול מיט אַ פויסט אין האַרץ, און שטום מאַכט עס איר נאָך דער שאָטן

— אָשמנו! בגדנו! גזלנו!

— הייליקער צדיק! — רעדט זי ווייטער מיט אַ פאַר־שטיינערטער שטים: חיהלע שלאָפט אומרויק ביינאַכט... און איך האָב שוין געזען טומאה־פלעקן אויף איר לייליך... זי איז שוין אַן אשה געוואָרן...

זי שטרעקט אַרויס די האַנט פון דער שאַל, נעמט אַראָפּ דעם לאָמפּ, און גיסט־אונטער נאַפט. איר שאָטן קנוילט זיך,

וואַרפט זיך, דרייט זיך, ווערט צעשפּרונגען אויף שטיקלעך, און ווערט ווידער לעבעדיק אויפגעהאָנגען דעם לאָמפּ. ווערט זי ווידער אומבאַוועגלעך. און זאָגט מיט אַ טאָן ווי מען גיט אָפּ אַ באַריכט:

— הייליקער צדיק! איך גיי צום „גראַף" בעטן האָלץ פאַרן מקום־קדוש. איך האָב מיך פאַרפּוצט, כּדי איך זאָל אין זיינע אויגן חן געפינען. אָבער דער אויבערשטער מוז מיר דאָס מוחל זיין — דו ווייסט דאָך, אַז מיינע געדאַנקען זע־נען ריין פון טמא כּוונות. זאָל מיר דער זכות פון אסתּר־המלכּה ביישטיין! בעט איך דיך, רבּי, מיין באַמיִונג זאָל נישט אומזיסט זיין און ב׳זאָל ביי דעם ערל פועלן. אַלטע ווייבער ווערן דאָך, נעבעך, אין שול געפּרוּווירן.

זי גייט אַרויס. איר שאָטן שלייכט זיך נאָך איר — זי לאָזט זיך מיטן פעלד־וועגל אין הויף אַריין צום קאָמענדאַנט. אונטן טרעט־נאָך חיהלע אויף איר שאָטן, געפּרוּווירן און ציטער־דיק פון פּחד. דאָס אוהל־פענצטערל קוקט זיי נאָך מיט אַן אויסגעקעסטלטן בעלמע־אויג.

אין דעם לאַנגן־שמאָלן פינסטערן קאָרידאָר, וווּ עס שניידט זיך אַריין אַ שיין־חלף פון דעם קאָמענדאַנטס צימער, טוט פייגע שטיל אויס די שאַל אין דער זאַק, הענגט זיי אויף, גייט צו דרייסט צו דער טיר און קלאַפּט אָן.

— הערייַן!

די טיר מאַכט זיך צו. חיהלע כאַפּט זיך שטיל אַריין אין קאָרידאָר, און קלעפּט זיך צו דער וואַנט אין ווינקל ביי דער טיר.

מיט וואָס קאָן איך דינען, גנעדיקע פראַאו! — פרעגט דער קאָמענדאַנט אַ ביסל איבעראַשט, דערזעענדיק פאַר זיך אַן אויסגעפּוצטע דאַמע מיט אַ שימערירנדיקע שפּילקע אין פּאַרוק און לאַנגע זיך־באַמבלענדיקע אוירינגלעך, אינגאַנצן אין שוואַרצן. זיינע גרויע, חזירשע אייגלעך צעגיסן זיך ווי פעטס־פלעקן איבער איר פיגור פון הינטן ביז אַרויף (לייטנאַנט פּאָטאָצקי קוקט

9:

שטענדיק אויף פרויען פון הינטן אַרויף), און בלייבן שטיין אויף איר פּנים מיט דער מחשבה:

... שאָן ניכט יונג... אַבער... די אַאוגען — פויער!

— ביט-שען, נעמען זי פּלאַטץ! — לעגט ער גלייך פאָר.

— איך דאַנק דעם גוטן האַר... איך בין געקומען צום האַר „גראַף"...

דעם קאָמענדאַנטס אַ פאַרוואונדערטער בליק האָט איר אי‑בער. מחמת ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צום נאָ‑מען „גראַף" מיט וועלכן די שטעטלדיקע יידן באַטיטלען אים אָפּט. אָבער באַלד כאַפּט ער זיך און שמייכלט.

פייגע באַקומט מוט און חזרט-איבער:

— איך בין געקומען צום האַר ביטן, זאָ-ווי דער בית-מדרש...

— דער בעטמעטרעש? — שלאָגט לייטנאַנט פּאָטאָצקי איבער, און פאַרזשמורעט די אייגלעך פאַרוואונדערט: וואָס זאָל דאָס בעדויטן?

— מיין האַר, — הייבט פייגע אָן איבערנייס: זאָ-ווי די סינאַגאָגע...

— אַך, די סינאַגאָגע... אַלזאָ... — טוט זיך לייטנאַנט פּאָטאָצקי שווער אַ הייב פון פּאָטעל, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנ‑בויגנס אויף די זייטנפּאָרענטשעס, און שטרעקט אויס אַ שמאַל‑ציקע ווייסע האַנט צו פייגען. אָבער פייגע רוקט זיך הינטערווייל‑עכס צוריק, גלייכט זיך אויס מאַיעסטעטיש, שאַרפּט די חלפים-ליפּן, שפּיזט די בליקן און זאָגט האַרב:

— האַר גראַף! מיין מאַן איז אין שלאַכט געפאַלן. איך בין אַן ערלעכע פרוי. איך האָב פינף קינדער... זינדיקן זי נישט זאָפּיל!

לייטנאַנטס אויגן לעקן, ווי הינטישע צינגער, איר שטאָלץ שטרענג געשטאַלט, ער לאָזט אַראָפּהענגען די הינטערשטע סלי‑נעדיק-גלאַנצעדיקע ליפּ, און זעצט זיך רעזיגנירט ווידער פעסט איין אין ווייכן פּאָטעל.

— אַלזאָ? פרעגט ער.

— זאָ־ווי די סינאַגאָגע שטייט אָן האָלץ, און די גאָטבעטער קאָנען נישט דאָס געבעט מאַכן, בין איך געקומען בעטן דעם גוטן האַר „גראַף”, זי זאָלן מיר אַ באַשייניגונג געבן.

לייטנאַנט פּאָטאָצקי ברומט הינטער דיקער, רויט־בלוי־אָדער־דיקער נאָז:

— שיינט איינע פּאָרנעמע, גאָטספּירכטיגע פּראַאו צו זיין... זעהר אָריגינעל...

פייגע פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, און שטייט נישט־באַוועגלעך, ווי אַ סטאַטוע, אין אָפּוואַרטונג. דאָס פּנים פלאַמט און גיסט שיין דורך די אויגן, די ליפּן טרוקענען. דער קאָמענדאַנט שרייבט אַ צעטל, הויבט זיך שווער אַרויס פון פאָטעל, אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס, ווי אַ חזיר אויף די פאָדערשטע פיס פון אַ בלאָטע אַרויס. און דערלאַנגט עס איר מיט דרך־ארץ:

— האַבן זי'ס, גנעדיגע פראַאו.

— אין נאָמען פון דער געמיינדע דאַנק־שען! — נעמט עס פייגע צו, נויגט לייכט דעם קאָפּ און לאָזט זיך אַרויסגיין.

— וואַרטן זי, ביטע. האַבן זי קיין אַנגסט, — זאָגט דער קאָמענדאַנט, נעמט דעם לאָמפּ פון טיש, און באַגלייט איר אַרויס אין קאָרידאָר אַריין.

פייגע טוט זיך שנעל אָן, דורכגעלויכטן פון צופרידנקייט און לאָמפּ־שיין וואָס בלענדט איר די אויגן.

— קאָממען זי, מאַדאַם, מאַנכמאַל, ווען זי דאַס נעטיג האַבן.

— דאַנק. גוטע נאַכט!

די דרויסן־טיר פאַרמאַכט זיך. לייטנאַנט פּאָטאָצקי גייט צוריק צו זיך אין צימער. פאַראַמאָל טוען אים אַ בליץ צוויי גרויסע אויגן, ווי די וואָס ער האָט נאָרוואָס געזען ביי דער „געהיימניספולער” פרוי. ער בלייבט שטיין איבעראַשט. דער לאָמפּ ציטערט, ווי אַ שווער געוויכט, מיט זיין האַנט. פאר זיינע פיס טוט זיך שטום אַ גליטש אויס אַ יינגע, שטאַלטנע

בלאַסע מיידל. ער שמעלט אַראָפּ דעם לאָמפּ, און הייבט זי מיט גרויס מי אויף. ער סאַפּעט ווי אַ דאַמפּ־מאַשין און טראָגט זי צו זיך אין צימער. אַן איידל מיידלש גופל צאַפּלט אויף פליישיקער ברוסט, ווי אַ העכטל אין נעץ אויף דער יבשה אַרויסגעצויגן...

* *

די זון שמעלצט גאָלדיקן בוימייל אויפן זויבערן נישט־גערירטן שניי פון לערן מאַרק־פּלאַץ. שמאָלע סטעזשקעלעך פּאַסעווען אים ערטערווייז דורך, ציען זיך ווי לאַנגע כּרודיקע האַנטוכער, און פאַרשלעפּן ווען־ווען אַ באַשאַלטע יידענע צו די קראָמען.

בײַ דער טיר פון שלמה מאַס קרעמל שטייט אַ גרופּעלע ווייבער און הערט־אויס פּייגע דעם גאַרבערס, וואָס שטייט מיט אַ פּלעשל נאַפט אין דער האַנט שוין צום אַוועקגיין:

— וואָס־זשע. פאַר זיך גיי איך, חלילה, בעטן! כ'האָב געזען, דער בית־מדרש שטייט אָן אַ שייטל האָלץ, בין איך געגאַנגען. וואָס דען. די באַלעבאַטים איז דאָך עס אַ סך אָנגענעמער: אַבי פאַר זיך אַליין האָט זיך עס פאַרגרייט מיט אַלע הייטיקן, שונאי־ישראל! וואָס, סע פעלט זיי עפּעס, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד! און אַז סע קומט אַזוי אַ ייד מיט אַ צרה, זאָל איך אים נישט גיין ראַטעווען? וואָס?

זי טיילט זיך אויס פון דער גרופּקע, אין שוין אַוועקגייענדיק איז זי מוסיף:

און איר זאָלט עס וויסן, סאַראַ גאָלדענער מענטש ער איז, דער „גראַף פּאָטאָצקי”!

— יאָ, — קומט שלמה מאַס אַרויס אויף דער שוועל: — ער האָט נישט פיינט קיין וווייבלעך דער „גראַף פּאָטאָצקי”! ווי האָניג־לעקעך, האַ? האָבן מיר שוין טאַקע אַ פריש־געבאַ־

קענע חשובהטע, האַ?

— און נאָך וואָס פאַר אַ חשובה! אַלץ פועלט זי ביי אים, פייגעניו די משוגענע.

— וואָס־זשע, זי קאָן נישט די מלאכה, האַ? און דערווייל וועט דאָס טעכטערל אונטערוואַקסן, האַ?

אַן עלטערע יידענע מיט שלעכטע אויגן שאַרפט אָן דאָס צינגל אויף די אַריינגעפאַלענע ליפעלעך, און טיילט מיט:

— ווער ס׳האָט איר נישט געקאָנט מוידוויז, דער הור!

גזירת־הבהמות.

נפתּלי, וועלכער האָט אָנגעהויבּן צו די כּחות צו קומען נאָך אַן עטלעכוואָכנדיקע אויסמאַטערנדיקע קראַנקייט, דרייט זיך איבּער אין שלאָף פון דער וואַנט אין חדר אַריין. אַ ליכ־טיקער, וואַרימער ווינטערפרימאָרגן זאַפּט אים איין. ווי אַ שטראַלן־שוואָם, אין זיין ליכטיקייט אַריין, און גיסט זיך אַריין אין זיין מוח און האַרצן דורך די נאָכגעשלאָסענע דינע וויעס. זיי רייסן זיך אויף מיט צעצאַפּלטע ברעמען, ווי פענדזעלעך וואָס טרייסלען אָפּ פון זיך גאָלדענעם פאַרבּ־שטויבּ. נפתּלי דערזעט אויף דער פאָדלאָגע צוויי גאָלדיקע אויסגעשפּועטע שייַן פענצטער, ווי אָנגעגלעזטע מיט שויבּן פון דורכזיכטיקן געלן וואַקס. עס ווערט אים לייכט און פריילעך אויפן געמיט, ווי עמעץ וואָלט אויסגעהאַקט צוויי ליכטיקע פענצטער אין זיין נשמה, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אין דער לאַנגער קראַנקייט. ער גיט זיך איבּער אין רשות פון דער שטילקייט און מנוחה וואָס הערשט אין זיין אָפּגעזונדערטן חדר, און חלומט וועגן זיין פולקאָמען געזונט ווערן.

אַ יאָמערלעכער געשריי פון אַ פרוי שטעכט זיך פּלוצים אַריין אין דער ווייכער שטילקייט, ווי אַ שפּיציקער שטיין אין אויפגעאַקערט־ווייכער ערד, און צעבּרעקלט זיך, דערנענטערנ־דיק, אין אַ האַרציקן געוויין.

... לויפט אין בּית־מדרש אַריין, — טראַכט נפתּלי, און לאָזט אַריין דאָס געהער אין דעם דרויסן, ווי אַ פאַרבּאָרגענע נעץ, אויפצוכאַפּן אַ וואָרט, אַ נאָמען, כּדי צו שטילן דעם

אַנוואַקסנדיקן נייגיר: — ווער קאָן עס זיין?

אָבער וואָס נענטער באַהעפט זיך צום ווייבערשן וויינען נאָך עטלעכע קינדערשע געוויינען. און דאָס געהער נעמט עס איף, ווי אַ קרענצל קלאַנג־פאַרביקע בלומען אויף אַ קאַנווע פון רוישיקער באַוועגונג און דייטלעכן געלויף פון אַ גרעסערער צאָל מענטשן.

... ניין. דאָ מוז עפּעס אַנדערש זיין! — שרעקט נפתלין איבער דער רעיון, און שוידערט־אויף זיין האַרץ.

ער טוט אַ וואָרף פון זיך די איבערבעט. קוקט נישט אויף דעם קאַלטן, פייכטן ליילעך אין וועלכן עס טוט אַ וויקל איין זיין פאַרשווייסיקטן גוף די קאַלפּע לופט פון דעם נישט־געהייצטן חדר, און לויפט צו אַ באָרוויסער צום פענסטער. ער דערזעט אַזאַ בילד:

פּרעסאייזן דער מיליציאַנט פירט אַ קו פּאַר אַ שטריק, באַגלייט פון אַ דינסטלעך־באַוואָפנטן זשאַנדאַר. הינטער אים גייט נאָך יעגנטע־פּייסיס מיט דריבנע טריטעלעך, ווי זי וואָלט געלאָפן. אירע הענט, פאַרבראָכן פינגער אין פינגער צום האַרצן, שטעקן אַרויס מיט די עלנבויגן ווי צוויי דרייעקן, איבער וועלכע עס הענגט אַ דיקע, שוואַרצע שאַל און מאַכט איר גראָב ווי אַ פאַס. פון הינטער דער שאַל אויפן קאָפּ רייסט זיך אַרויס דאָס געוויין מיט אַ בינטל צעשויבערטע האָר איבער די אויגן. נעבן איר גייט איר בערל, אויסגעדאַרט ווי אַ שפּאָן. אין בלויזן ברעזענטענעם כאַלאַטל, דער קאָפּ שווער אַראָפּגעלאָזט און ציטערט. פון הינטן לויפן נאָך מיט אַ געוויין די קינדער. יעגנטע דרייט זיך טיילמאָל אויס, און לאָזט אויס צו זיי דעם צאָרן:

— אַז אַ בראָך, אַ שוואַרץ יאָר זאָל איך שוין האָבן! נאָך אייך מימן קירה אינאיינעם! וואָס לויפט איר נאָך אַ היים גייט!

די קינדערלעך בלייבן שטיין, טופען יאָמערדיק דעם פייכט־גלאַנצנדיקן ווייכן שניי, וואָס באַקומט גלייך דעם געלן קאָליר

פון פערדנקויט, און לויפן ווידער נאָך ווי נאָר די מאַמע דרייט פון זיי אַוועק דאָס פנים.

נפתּלי טוט זיך שנעל אָן און לויפט אַרויס אין דרויסן. ער טרעפט אָן אויסטערלישע באַוועגונג. מענטשן לויפן מיט קי פּאַר די שטריקלעך, קוקן זיך אַרום מיט דערשראָקענע בליקן ווי זיי וואָלטן געפירט דעם טריפהנעמסטן שמוגל, און פרעגן אָפטער פאַרסאָפּעט:

— וווּ גייען זיי?

— וווּ זענען זיי איצטער?

אויפן שאָסיי שטייען רעדלעך מענטשן. דער ענין ווערט היציק באַהאַנדלט:

— וואָס הייסט עס?

— וואָס זאָל עס באַטייטן?

— וואָס הייסט עפּעס צונעמען? ראַבעויען?

— ס'איז דאָך, דאַכט זיך שוין אָן אָרדנונג!

— גייט דיר פון שטאַל צו שטאַל, זאָלסט זאָגן איינעם צו פאַרפעלן!

— אַז די מיליציאַנטן ווייזן אַליין אָן!

— זענען נישט בעסער פון זיי!

— זיי האָבן מורא פאַר זיך אַליין -- פּרווט איינער מלמד-זכות זיין.

— פאָלגט מיך, -- שלאָגט אים איינער אָפּ: ס'איז מסתּם אַ געשעפט פון געלט, ס'איז יד ייד באמצע...

— איך זאָל עס האָבן די הונדערטער רייניש, — נוצט דערווייל אַ ייד אויס דעם אַלגעמיינעם אומגליק כּדי זיך אַליין א ווייזיקייט צו מיך · — וויפל קי מע באַהאַלט זיי אויס הינטער די נעז, די מעק!

אַ ייד לויפט אָן אויפן שאָסיי קעגן אַ צווייטן מיט אַ קו פאַרן שטריקל, דאָס ווייב טרייבט אונטער מיט אַן אויסגעריבענעם בעזעם, און בלייבט שטיין מיט פּחדים-אויגן אַ פאַרסאָפּעטער:

— מענדל, וואָס טוט מען? ווי טוט מען זיך מיט איר אהין?

מענדל מיט זיין ווייב און זיין קו שטעלן מיט זיך פאַר דאָס אייגענע בילד, נאָר ער האָט שוין אַפּנים אַן ערטל ווי די קו צו פאַרשטופן, האָט מורא יענער זאָל אים דאָס באַהעלטעניש נישט איבערפירן, צינדט ער זיך אָן און שיסט אויס:

— וואָס דרייט ער דאָרט אַ ספּאָדיק, וואָס? באַהאַלט זי אין קעשענע, באַהאַלט זי!

און מענדלס ווייב איז מוסיף:

— איצטער האָט יעדערער מיט זיך אַליין צו טון!

די צווייטע יידענע טוט צאָרנדיק אַ טרייב די קו, פאָרט אריין מיטן אויסגעריבענעם בעזעם צו דער קו אין ווידל. און בטלט אויס צון איר:

— דאָקטוירים, שלעק און אַלערליי פורעניות זאָלן שוין האָבן מיט איר צו טון, טאַטע אין הימל!

— די דערבייאיקע שטוב, פּראַים-דוד רייזלס, רייסט זיך מיט משונהדיקע קולות: גוואַלדן, קללות, געוויינען פון קינדער אינאיינעם צוזאַמענגעמישט, ווי אַ גיהנום-טומל. די לייט פון דעם רעדל טוען זיך אַ באַוועג אריינצוגיין אהין.

— ווייס איך, פּראַים דער דולער פּאַטשט שוין דאָרט דאָס ווייב, — איז זיך עמעץ משער מיט בטול.

די השערה איז ווארשיינלעך דאָס רעדל בלייבט שטיין אויפן אָרט. אָבער נפתלי, וואס דער נייגיר צום דרויסן און פרעמדע מענטשן איז ביי אים אָנגעוואַקסן מיט יעדן טאָג וואָס די קראַנקייט האָט אים צוגעשמידט צום בעט, קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן און גייט אריין.

פּראַים, מיט דולע רויטע אויגן, ווי חלפים איינגעטונקען אין בלוט, לייגט-אויס הענדום-פּענדום ברעטער אין דעם אָפענעם קעלער אריין ווי אַ פּאַלכסונדיקע בריק.

— איך וועל זיך אַ מעשה אָנטון; דער ייד איז פון זינען אַראָפּ, טאַטע אין הימל! — געוואַלדעוועט דאָס ווייב;

וואָס ווילסטו טון?

— איך וועל דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן, אַז דו וועסט מיך נישט צורו לאָזן! — פּיקעט פּראַים דורך שוים ביי די ווינקל ליפּן.

אַ חברה קליינוואַרג, וועלכעס אויפן טיש, וועלכעס אויף דער פּאָדלאָגע, יאָמערן דערשראָקן, און פּראַים טוט אַלע־מאָל אויף זיי אַ טופּ, אַז זיי ווערן פאַרשטיינערט:

— פאַרשטומט זאָלט איר ווערן, ממזרים!

פּראַים לויפט אַרויס און פירט אַריין אַ מאָגער, אויסגע־לינעט פערדל. ער פירט עס ביים ציימל גלייך צום קעלער. דאָס פערדל קוקט אַראָפּ אין דער שוואַרצער קעלער־לאָך, טוט אַ שמעק מיט די נאָזלעכער, און רוקט זיך מיט נישט גערנדי־קייט צוריק. פּראַים טוט דעם אַ זעץ מיט אַ שטיוול־נאָז אין בויך. דאָס פערדל שוידערט־אָפּ פון זיך דעם קלאַפּ, דערנענ־טערט זיך און דריגעט ווידער אָפּ צוריק.

דאָס ווייב לויפט צו מיט צעשפּרייטע הענט:

— משוגענער! משוגענער! דו וועסט זיך דאָך אומגליק־לעך מאַכן! וועסט עס צעממיתן!

פּראַים טוט איר אַ וואָרף פון זיך:

— אַוועק! מיר ברענען!

דאָס ווייב יאָמערט הילפלאָז פונוויטן, און רייסט זיך די האָר פון הינטערן טשיפּעק:

— אָבער אַז מע זוכט גאָר נישט קיין פערד! קי זוכט מען. רבונו־של־ע לם! רבונו־של־עולם!

נאָר פּראַים איז דול און טויב. ער פירט אָפּ דאָס פערדל. דרייט עס אויס מיטן הינטער־חלק צום קעלער, און טוט עס הינטערווייל'עכס אַ פיר דאָס פערדל טרעט אַרויף מיט די הינטערשטע פיס אויף די ברעטער, וואָס סקריפּען און בעבן זיך אונטער, דערשפּירט די סכנה, און טוט זיך אַ ריס אויף צוריק. אָבער ס'איז שוין שפּעט. די הינטערשטע פיס טוען זיך אַ גליטש און דער גאַנצער גוף אַ וואַליע אַנידער.

די ברעטער הילכן-איף מיט אַ געבערעכעריי.

– גוואַלד! – טוט זיך ערשט פּראַים אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ. און די היטל דעקט אָפּ אַראָפּפאַלנדיק אַ דול-צעשויבערטן ווייסלעכן קאָפּ האָר.

– גוואַלד! – טוט אַן עקבער די סטעליע דאָס ווייב.

– גוואַלד! גוואַלד! – שרייען די קינדער איבער איינס דאָס אַנדערע.

עס לויפן אָן מענטשן. מע נעמט אַרויפשלעפן דאָס פערדל. אָבער עס קאָן זיך פון אָרט נישט רירן. עס הויבט בלויז אויף דעם קאָפּ אַ רגע און לאָזט אים צוריקפאַלן מיט אַ צעשפּרייטער גריווע אויף דער פּאָדלאָגע. סע שוויצט און סאַפּעט שווער, ווי ס'וואָלט געקרעכצט. מע באַראַט זיך וואָס צו טון. פּראַים שפּרייזט אַרום מיטן בלויזן קאָפּ, ברעכט די הענט, און שוימט אין די וואָנסעס אַריין. דאָס ווייב און קינדער שטייען אַרום קעלער פאַרצאַפּלטע, ווי אַרום אַן אָפענעם קבר און יאָמערן. פון קעלער זעצט אַ פּאַרע. דאָס פערדל דריגעט דאָרט מיט די פיס, פאַרמוטשעט זיך, און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ צו דער סטעליע מיט גרויסע פאַרגלאָצטע אויגן, וואָס בעטן זיך, מע זאָל רחמנות האָבן, ראַטעווען.

נפתּלי קאָן שוין מער נישט צוקוקן דעם שטומען צער פון דעם פערדלס אויגן: צער-בעלי-חיים! צער-בעלי-חיים!.. און קאָן אָבער דעם בליק נישט אַוועקרייסן אויך. ער טוט זיך פאַראַמאָל אַ ריס פון אָרט און גייט אַרויס.

אין ו'רויסן אויפן שאָסיי שטויסט ער זיך אָן אויף טאַטע-מאַמע. זיי לויפן פון ערגעץ אַהיים פאַרבלויט פון קעלט און פאַרסאָפּעט. ו'אָ דערמאָנט זיך ערשט נפתּלי: זיי האָבן דאָך אַ'ך אַ קו! די מאַמע ברעכט די הענט:

ווי' צו מיר! ווי צו מיר! וואָס טוט מען זיך פאַר אַן עצה, אַז קיינער וויל גאָר קיין גוט וואָרט נישט זאָגן!

דערזען אים, נפתּלין, כאַפּט זי' זיך פאַר די באַקן:

– וואָס האָסטו געטון, גזלן איינער? ערשט פון דער

קרענק אין דרויסן אַרויס! אָן דער פּאַלטאָ, אָן די קאַלאָשן...
אָבער גלייך פאַרגעסט זי אָן אים, און ווענדט זיך צום טאַטן:

— זאָג נאָר, און וואָס האָט שואל-הערשס געטון?

— נו, טאַקע, — ברומט דער טאַטע פאַרכמאַרעט: גלייך זיך צו יענעם! יענער האָט אָן-עין-הרע קינדער! גלייב מיר, זיין מענדל איז שוין איצטער מיט ביידע שטיקלעך אונטער די הרי-חושך!

ער טוט אַ בייזן בליק אויף נפתלין. נפתלי דערפילט זיך שולדיק און נישט הענטיק פאַר דעם וואָס ער איז נישט, אזוי ווי מענדל, אונטער די הרי-חושך. ער וויל מיטן גאַנצן נפש געפונען עפּעס אַן עצה. כאָטש אַן עצה! ער קנייטשט דעם שטערן און גייט נאָך טיף פאַרחושט. אָבער אויפהויבנדיק דעם קאָפּ אַריינצוגיין אין שטוב, זעט ער, אַז ער האָט אייגנטלעך גאָרנישט נישט געטראַכט. ווי זיין שאַרבן וואָלט געווען אויסגעליידיקט פון געהירן.

אין שטוב לויפט מען אום צעמישט און אומבאַהאָלפן, ווי מע וואָלט זיך זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר באַנדיטן. נפתלי פאַרציט ווידער דעם שטערן; מע מוז דאָך פאָרט געפונען אַן עצה! אָבער די געהירן ליידיקן זיך ווידער אויס אין אַ פינסטערער גאָרנישטדיקייט אַריין, און דער בליק פאַרגראָבט זיך אָן אַ זין הינטערן קופערט מיט די רעדלעך, ווי דאָרט אַהינצו וואָלט ער געחשבונט צו פאַרשטופן די קו. דערווייל לויפט אַריין דער טאַטע און שלעפּט די קו פאַר די הערנער. די מאַמע נוקעק-צו און רעדט אין דער וועלט אַריין:

— אַבי ס'זאָל נאָר דער משוגענער נישט אָנטראָגן, איז עס דאָס בעסטע באַהעלטעניש. ווען מען וועט עס איינפאַלן צו גיין זוכן די קו ביי איר אין קבר. גאָט זאָל נאָר העלפן די קו אַליין זאָל נישט קיין מרוקע טון. דאָס האַרץ וועט אַרויספאַלן!

נפתלי גייט זיי נאָך צו דער משוגענער אין חדר. אַריינגעקומען, כאַפּט מען זיך, אַז מ'האָט פריער שלעכט דערזען: אין טונ-

קעלן ווינקל ווו דאָס פענסטער איז אָנשטאָט שויבן באַשלאָגן מיט ברעטלעך און טאָוול, ליגט די משוגענע אויפן צעוואָרפענעם, צעלעכערטן שטרויזאַק מיטן בויך אַראָפּ, מיט די דאַרע הענט, ווי שטעקנס, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און קוקט מיט בלוטיקע גרויסע אויגן צו דער סטעליע, ווי אַ געשוונדענער אָקסנקאָפּ אין יאַטקע.

דערזעען, אַז מ׳האָט איבערגעטרעטן איר רשות, טוט די משוגענע אַ שפּרונג־אויף, און יאָמערט־אַרויס מיט אַ משונהדיק קול, ווי דאָס געביל פון הונט קעגן דער לבנה:

— דער מלכה־שבא זענט איר געקומען שטערן די רו! פאַרשאָלטענע! פאַרשאָלטענע! אַ קו האָט איר געבראַכט — איך האָב פון איר מילך נישט פאַרזוכט. די ליפּן זענען מיר טרוקן ווי לעדער. פאַרשאָלטענע! אַ קו ווילט איר מקריב זיין פאַר אייער בלוטיקן גאָט. פאַרשאָלטן זאָלט איר זיין! אַוועק פון מיין מזבח! אַרויס! וואָ־אָ־אָן!!

טאַטע־מאַמע און נפתלי בלייבן שטיין צעמישט.

פאַראַמאָל טוט עס באַפּעלעריש אַ קלאַפּ אין טיר פון דרויסן:

— צאַופּמאַכן! זאָפּאָרט!

— ווי! דער אומגליק שטייט שוין הינטער דער טיר! דער מלאך־המות! — שרייט די מאַמע אויף.

דער טאַטע כאַפּט אַרום די קו מיטביידע הענט, ווי ער וואָלט זי וועלן אויפהייבן אויף די הענט און אַרויסטראָגן. ער שטופּט זי מיט דער ברוסט צו דער טיר. אַ האָרן פאַרטשעפּעט די טיר, זי מאַכט זיך צו, און די קו שפּאַרט זיך צו צון איר מיט אַן עקשנותדיקן האַרטן שטערן. מע שטייט פאַרשפּאַרט, פון אָרט זיך נישט צו רירן. דער משוגענער גצפּעלט עס און זי צעלאַכט זיך ווילד אויף אַ קול. דאָס קלאַפּן גייט איבער אין אַ ווילד געהאַקעריי. ס׳הערט זיך די שטים פון פּרעסאייזן דעם מיליציאַנט:

— עפנט, וואָרן ער וועט מיט דער קאָלבע די טיר אויסברעכן.

— דאָנערוועטער! — דונערט אים נאָך אַ דייטש.

נפתלי קייטלט־אויף. אין דער טיר־רעב... שטיין

אַ זשענדאַר מיט אַ רציחהדיק פּנים. איבער זיין אקסל, דאָס פּנים צעטיילט דורך דער שטיק אויף צווייען, קוקט אַריבער פּרעסאייזן. די משוגענע שיסט אויס ווילד:

— גוואַ–אַלד! טיטוס הרשע איז געקומען! ער וועט מיר דאָס בית־המקדש פאַרברענען!

— רו–ע! — ברומט דער זשענדאַר, ווי אַ הונט איידער ער צעהאַווקעט זיך, און באַווייזט דעם מיליציאַנט אויף דער קו:

— וועגפירן!

— האָב איך שוין נישט פאַר מיין קראַנקן קינד קיין ביסל מילך, — צעוויינט זיך די מאַמע אומבאַהאָלפן, טוט אַ פאַל צו באַלכסון צו דער וואַנט, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און בלייבט פאַרשטיינערט מיט פאַרגלאָצטע האַלב־אָפענע אויגן.

נפתלי צינדט זיך פאַראַמאָל אָן. דערפילט ווי אַ מאַשין וואָלט זיך אין זיין גוף צעלאָזט מיט רויש און געקלאַפּעריי. און פון צופיל אָנגעשטרענגטקייט ווערט אים פינסטער אין די אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט זיצט די מאַמע ביי נפתלי'ס בעט, בייט די קאָמפּרעסן אויף זיין היצנדיקן שטערן שוויצט מחמת דער היץ וואָס הייבט זיך אויף פון זיין געלענער. און הערט זיך איין וואָס דאָס ק י נ ד פּלוידערט אַזוי אומפאַרשטענדלעכס:

— ... אויגן, אויגן... אויגן... פּחדים־אויגן... וולף אויגן... ווילדע אויגן... גלעזערנע אויגן... בעטנדיקע אויגן... אויגן פון קו־בעלי־בתים... פּראיס דעם דולנס אויגן... דער משוגענערס אויגן... דער מאמעס אויגן... מאַמע!

— וואָס איז, מיין טייער קינד? — פרעגט די מאַמע, און וואַרט אפשר וועט שוין זיין אַ קלאָרער ענטפער. אָבער נפתלי פּלוידערט ווייטער:

— אויגן, אויגן, אויגן... טויטע אויגן... אויגן פון אַן אָקס נאָך דער שחיטה... בעטנדיקע אויגן... דעם פערדס אויגן... ממעמקים — פון דער טיפעניש... מאין יבא עזרי — פון וואַ-נען וועט קומען מיין הילף?.. אויגן, אויגן, אויגן...

אַ שווערע טרער קייקלט זיך בײַ דער מאַמען אויף די ברעמען, און זי צעוויינט זיך שטיל:

— די אויגן וועל איך מיר אויסקוקן אויף אַ ביסל מילך פון רייניקטוועגן,

ביי גאָט אין דער האנט.

ווינטן טראָגן זיך פאַרביי, און לאָזן איבער הינטער זיך נאָכקלאַנג פון געיאָמער.

ווינטער גוססעט. זיין רויער שטערן גרויט הינטער דער יאַרמלקע פון בידריק=הענגענדיקן כמאַרע=הימל. פון זיינע האַלב=געשלאָסענע וויעס קוקן אַפויר טריבע, פאַרנעפּלטע אויגן. זיינע ווייסע שניי=בגדים ליגן צעדרילעוועט איבער די בלאָטיקע, פאַר די ווינטן הפקרדיקע פעלדער-שטחים. געפרוירן=בלוי ליגן צעוואָרפן זיינע לאָזגדיקע טייכן=גלידער. און ווי שוין אין זיין גסיסה אָפּגעפאַלענע שטיק פון זיין לייב, וואַלגערן זיך די וועגן שוואַרץ און צעקראָכן.

די געגנט איז וויסט און אָפּגעשטאָרבן: קיין אָבאָזן ציען שוין נישט פאַרביי, און דער שמוגל האָט זיך שוין אויך, טאַקע צוליב די טיפע, געדיכטע בלאָטעס, אָפּגעשטעלט.

נאָך פורים=צייט. האַלבע נאַכט. איבער דעם וואָלינסקער צערינעוועטן זומפיקן טראָקט שלעפּט זיך אַן איינציקער וואָגן, ווי אַ בלאָנדזשענדיקער פלעק אין דער גרוי=שוואַרצער פינצטערניש. דער וואָגן זינקט הינטער דער משא ביז האַלבע רעדער אין שיטערער אויסגעקנעטענער בלאָטע, ווי ראָשטשינע. טיילמאָל טוט ער אַ סקריפּ, אַ צעטרייסל=זיך, ווי ער וואָלט אויסגלייכן די איינגעקאָרטשעטע, פאַרמאַטערטע גלידער. די רעדער דרייען זיך קוים איבער, סמאָקן די בלאָטע, און רייסן זיך פון איר שווער אָפּ, ווי פעסט=צוגעשטאַנענע באַנקעס צום לייב.

עס זיפּט אַ רעגנדל.

ביים וועג=ראַנד, האַלטנדיק אָנגעשטייפּט די לייצעס, גייט פּאַמעלעך נאָך גברילטשיק נחקע בעל=עגלהס, אָנגעפּעלצט מיטן טאַטנס פּילטשענער בורקע און שפּיציקער קוטשמע, אַראָפּגעצויגן פון אונטן איבער די אויערן ביז צום אַקן.

... העַר נאָר, מע זעט דאָך היינט קיין הונט נישט אין דרויסן! — מעלה-גרהט ער אָן אויפהער אַ מחשבה, וואָס דאַרף דערפירן צון א געוויסן אויספיר, אָבער די מחשבה, ווען זי קומט ביז אַהער, טוט זיך פאַראַמאָל א צי אויף צוריק, ווי אַ פאָדים גרה=סלינע, און הייבט זיך אָן פאַמעלעך איבער=חזרן.

הינטער גברילטשיקן שלעפּט זיך נאָך א דינערער און וייכערער סילועט. דאָס איז יאָסע דעם רבס איידעם. ער שלאָגט זיך ממש אַרויס פון די כוחות, פּאַטשנדיק אַזוי אין דער בלאָטע=ראָשטשינע אַ שטיוול אַריין אַ שטיוול אַרויס, סאַפּעט און קאָרטשעט זיך פון נאַסער קעלט, און נורעט זיך אין דעם אויפגעשטעלטן סאַמעטענעם קאָלנערל פון זיין פּאַרגעלבטער ווינטער=פּאַלטאָ, די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל.

ס'איז ביי יאָסען דער ערשטער שמוגל היינט: קהל האָט אים מזכה געווען מיטן מאָנאָפּאָל אויפן פסחדיקן צוקער.

פאַרשטעקט די רעכטע האַנט אין לינקן אַרבל, טאַפּט ער דאָרט מיט דער דלאָניע אויף דער בוזים-קעשענע, ווו עס ליגט דער פאַסירשיין מיט דער דערלויבניש אַריינצוברענגען דעם צוקער, און נעמט=אויף דאָס האַרץ-קלאַפּן פאַר פחד: טאָמער... טאָמער... וועט מען, חלילה, איבערנעמען!.. אָבער לאָזט אים נאָך אַ ביסל דער פחד, מאַכט ער אַלץ דעם חשבון, וואָס פאַר א ריוח עס קאָנען אים איינטראָגן די צוויי „טריפה" קעסטלעך ראָם, וואָס ליגן דאָ פאַרפּאַקט הינטער דעם „כשרן" צוקער. נאָר אַז דער חשבון איז שוין געננוי אַרויסגעפירט ביז פּרוטה=חד, על=פי חשבון תשבורת אַפילו, טוט אים אויף להכעיס דער פחד אַ זעץ אין האַרצן מיט אַ טעמפּן האַמערקלאַפּ, און הינטערן שאַרבן כוואַליעט=אויף אַ געדיכטע, וואַרימע פינצטערניש,

ווי אַ קראָכמאָל דער שטערן פּאַרעס־אויף אַ שווייס, קילט אויף דער לופט. און רופט אַרויף אין זכרון די ישיבה, ווו ער פלעגט צולייגן דעם הייסן שטערן צו דער פאַרשוויצטער קאַל־טער שויב, כדי אויפצופרישן דעם פאַרמאַטערטן מוח.

ס'איז אים אַ פחד אַרויסצונעמען די הענט פון אַרבל, בייגט ער צו דעם אַרבל צום שטערן און טוט מיט אים אַ וויש דעם אָפּגעקילטן שווייס אַהין־און־צוריק. ער טוט אַ שוידער.

... שלוחי מצוה אינן ניזוקין, – קלינגט אים אין די אויערן אַ מאמר חז״ל, און ער פאַרטייטשט עס אין קאָפּ מיט אַ גמרא־נגון: ווער עס גייט אין שליחות פאַר אַ דבר־מצוה קאָן נישט געניזוקט ווערן... כשרן צוקער אויף פסח...

אָבער עס באַרויקט אים נישט:

אַ? – טראַכט ער ווייטער: ס'איז דאָך – אין שליח לדבר עברה!... ראָם פאַר עובדי־כוכבים ווענן... אַ? הייסט ראָם – יין?... ווען ער האָט דאָ דעם שווער, וואָלט ער זיך מיט אים ווענן דעם ענין אַדורכגעשמועסט...

ער קוקט זיך ארום און זוכט אַן ענטפער אויף זיין שאלה. זיין שווערער בליק פאַלט ווי אַ שטיין אין שוואַרצן וואסער פון איין זייט ציט זיך אַוועק דער שוואַרצער פעלד־שטח פאַר־קרעציקט מיט ווייסע שניי־פלעקן, און גיסט זיך צוזאַמען מיטן פינצטערן הימל־זוים: אין דער צווייטער זייט פאַרענדיקט ער זיך מיט א שוואַרצן צעשוומענעם קלעק – ס'איז דער וואַלד וואָס רוישט פונווייטן אומבאַשטימט און טרויקן; פונפאַרנט ציט זיך די בלאָטיקע טראַקט־ליענטע, וואָס ווערט זיך, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט ענדיקן: און פון אונטן — — האָט ער מורא דעם קאָפּ אויסצודרייען. עס שרעקן אים די אייגענע טריט, עס דאַכט זיך אים, אַז מע פאַרפאָלגט אים.

דורכן וואַלד־פלעק האָט עפּעס טאָפּל־שטראַליק אַ בליץ געטון. יאָסע האָט אויפגעציטערט: אַ וואָלף אַוודאי! נאָר באַלד האָט דער ערד־באָדן אויפגעשוידערט, ווי מע וואָלט היג־טער אים אַ קעסל אונטערגעהייצט, און ווי אַן אייזערנע חיה

איז אויפן נאָענטן פּלאַנט אָנגעלאָפן אַ צוג מיט אַן אייזערנעם געפּילדער, מיט אַ סאָפּען פון אייזערנע לונגען. האָט אויף זיי אַ בייזן בליק געטון מיט די גרויסע לאָקאָמאָטיוו־אויגן. הענדום־פּענדום פאַרשווונדן און איבערגעלאָזט אַ טשאַדיק־פאַרויכערטע נאָך־טיפערע פינצטערקייט און שטילקייט.

דער וואָגן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ארויסשטאַרץ, האָט זיך צעשאָקלט און זיך אַ ריק געטון אויף צוריק. גבריל־טשיק האָט אַ שלענגל געטון מיט דער בייטש:

— וויאָ! הייטאַ! אך טי כאָליעראַ!

— גבריִלטשיק, — בעט זיך יאָסע שעפּטשנדיק: זאָל זיין שטילער. איך קאָן דאָך נאָך, חלילה, אומגליקלעך ווערן!

גבריִלטשיק בלייבט שטיין. ווי ער וואָלט באַטראַכט יאָסעס ווערטער, און טוט באַלד אַ ברום צו זיך אַליין:

— וואָס דרייט ער דאָרט אַ שלייער! קיין הונט וועט מען אין אזאַ נאַכט נישט אָנזעען!

און פאַרענדיקט ווי אויף צו להכעיס מיט אַ מונטערער שטים:

— היי, וויאָ! הייטאַ!

יאָסע קאָרטשעט זיך נאָך מער צוזאַמען, גייט נאָך יאוש־דיק־אונטערטעניק, און פילט זיין גורל, נישט ביי גאָט ברוך־הוא נאָר ביי גבריִלטשיקן אין דער האַנט.

אַרום צוויי אַ זייגער קומען זיי אָרויף אויף דער גרעב־ליע. די פערד, דערמונטערט פון דערלייכטערונג און נאָענטער אָפּרו אין שטאַל, טוען זיך שנעלער אַ לאָז. יאָסע קאָן קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן, נישט וועלנדיק בלייבן הינטערשטעליק. די ברוקשטיינער קנאַלן הינטער די פערדישע קאָפּיטעס און רעדער און הילכן האָמעטנע אָפּ אין זיין האַרץ.

מע דערנענטערט זיך צו דער בריק. ווו עס געפינט זיך אַ וואַכפּאָסטן. יאָסע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ איבער איינגעזעצ־טער ברוסט, באַקומט פון דעם הילכן פון די שאָסיי־שטיינער

דעם איינדרוק, ווי מע וואָלט אים מיט זיי פאַרשטיינט, און ס'ווערט אים פינצטער אין שאַרבן. ער לויפט אָן אויף גבריִלטשיקן און כאַפּט אים אָן. גאָר אין דער האַנט האַלט ער נישט מער ווי אַ זשמעניע פּילטשענע בורקע. ער וויל זיך אָבער דערטאַפּן צון אַ שטיקל גבריִלטשיס גופא, טויטשעט ער זיך דאַריבער ווייטער אין דער בורקע, ווי אַ קעלבל אין דער מאַמעס אייטער.

— וואָס ווילט איר, רב יאָסע? טפּררר! — כאַפּט זיך גבריִלטשיק אויף, ווי ער וואָלט ביז איצט געשלאָפן גייענדיק.

— גבריִלטשיק, — ציטערט יאָסע פון קעלט און שרעק: איך בעט דיך — טו אַ טובה, פאָר פּאַמעלעך, ס'האַרץ פאַלט דאָך אַרויס... דאַכט זיך, מ'איז שוין באַלד ביי דער בריק?.

— וויִאָ! — טוט גבריִלטשיק מיט אַ בטול-זשעסט אַ קנאַל מיט דער בייטש, דרייט-אויס, שוין שפּאַנענדיק ווייטער, דעם קאָפּ און איז מוסיף האָפּערדיק:

— נישט געזאָרגט, רב יאָסע, סע וועט גוט זיין!

זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ שטח פון מילכיקן נעפּל. עס האָט זיך געלאָזט הערן אין דער נידער פונם שאָסיי דאָס פּלאַצן פון דעם דינעם ברעג-אייז פונם אויסגעשפּרייטן טייך. די שניי-פלעקן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן נעפּל. די שוואַרצע פלעקן פון בוים און קוסט זענען רייטלעכער, אָבער צעשווומענער, ווי טינט-פלעקן אין מילך.

גבריִלטשיק האָט אָנגעהויבן פאָרן גאָר לאַנגזאַם. געבויגן זיך אויף צוריק, איינצוהאַלטן דעם וואָגן:

... לאָז ער נישט מיינען, ער האָט דאָ שרעקעדיקע געגנדן...

יאָסע האָט זיך געהאַלטן נעבן גבריִלטשיקן און געקלונגען מיט די ציין. מ'איז אַרויף אויף דער בריק. אַ וויגט האָט זיך נעריסן פון דעם טייך-סטעפּ, און מיטגעבראַכט דאָס פּלאַצן פון דיקער קרע. פון הינטער דער בריק האָט זיך געהערט אַ בולבען און קוועלן פון וואַסער. צייטנווייז — אַ פּליעסק פון אַ פיש.

צוגעפאָרן צו דער וואַך־בודקע, וואָס האָט זיך מיט אַ דרייקאַנטיקייט אַריינגעהאָרבעט אינם געפּל, האָט גבריאלטשיק מיט אַן אויסגעצויגענעם געצאַקטן און געצוקטן: טפררר! אָפּ־געשטעלט די פערד. באַלד האָט די בודקע אַ קוק געטון מיט אַ טריבן שייבל־אויג, און דאָס אויג פון אינעווייניק האָט זיך כמעט אויסגעפּילט מיט אַ צוגעקוועטשטן פליישיקן פּנים־פלעצל. דאָס האָט אַ רגע געשטאַרט אַזוי, און פּאַראַמאָל צוזאַמען מיטן שייבל־אויג זיך אויסגעלאָשן. די בודקע האָט אויף אַ קול פון בויך אַרויס אַ גענעץ געטון און שטום געוואָרן.

— אָט־באַלד וועט ער דיר אַרויסגיין דער פּוילער מאָק מיט די קרייקעס אין אַזאַ נאַכט! — האָט פויל אַרויסגעברומט פון גבריאלטשיקס בורקע, און אַ סמאָטשקעדיקער וויאָ האָט אונ־טערגעחשקט די פערד פון אָרט צו רירן.

— גיכער! גיכער! — האָט אים, צאַפּלענדיק פון איבער־געקומענער שרעק און דערלעבטער פרייד, געמינטערט יאָסע דעם רבס.

— עך, איר פאַרשטייט נישט ס׳עסק! — איז אים גבריאלטשיק מבטל, ציט טיפער אַראָפּ די קוטשמע, און איז ווײ־טער מעלה־גרה די מחשבה:

... קיין הונט וועט מען אין אַזאַ נאַכט נישט אַרויסלאָזן... איז...

נאָר דאָ האָט זיך ווידער די מחשבה, ווי צעצויגענע קליאַ־טשע, איבערגעריסן.

דער ווינט האָט שטאַרקער אָנגעהויבן ציען פון דעם טייך־סטעפּ, מיטגעבראַכט אַ וואָיען, און דנעווייַ געשמיסן מיט רעגן ווי מיט אָפּגעבראָכענע שפּיצן פון נאָדלען. דאָס שטעטל האָט זיך דערנעענט ווי אַ געדיכטער כמאַרע־פלעק. גבריאלטשיק טוט אַ טרייב די פערד.

ווי קומען אַריין אין שטעטל

... בשלום! — טוט יאָסען דאָס וואָרט אַ גלעט אי־בערן לייב און צעגיסט זיך אים איבער דער ברוסט ווי

אַ באַלזאַם.

... גבריילטשיק! גבריילטשיק! — שרייט אין אים אַ קול פון אַנטציקונג, און דער גאַנצער קערפּער ציט זיך אַרומצוכאַפּן גבריילטשיקן און צודריקן צום איינגעזעצטן האַרצן.

קיין ביל פון קיין הונט באַגעגנט נישט זייער אריינקום. אין שטעטל איז נאָך פינצטערער ווי אין פעלד. די נידריקע הייזלעך שטייען ביז די קני אין בלאָטע. זעלטן שיינט ערגעץ אַ שוואַכער שטראַל פון אַ לאָדן־שפּאַרונע, און צעשווימט, ווי אַ מילך־שטראָם, אין דער געדיכטער פינצטערניש. רגעווייז לויפט אָן, ווי ער וואָלט זיך געקויקלט אויפן בויך, דער ווינט פון הינטן, פונם טייך־סטעפּ, טוט אַ בייזער הינטער די פּאָלעס צווישן די פיס, טוט אַ פייף יאָמערלעך הינטערן אויער, און פארשווונדט, איבערלאָזנדיק אַ שניידיקן קוויטש, ווי אַ הונט וואָס אַנטלויפט אויף דריי פיס. ערגעץ דאַנעבן ציטערט נאָך דעם ווינט אַ לאָדן און וועקט דאָס טויבע הייזל, ערגעץ טוט חוצפּהדיק אַ קלונג אַן אייזערנע קראָם־טיר און וועקט די גאַס.

— עך, מע זעט נישט אַפילו קיין הונט אינדרויסן...

וויאָ! — זאָגט סוף־כל־סוף גבריילטשיק אַרויס זיין מחשבה.

ביים וועג־אויסדריי באַווייזט זיך פּראַמאָל אַ ווייסער ווייכער שיין־פּאַס, וואָס הענגט אין דער לופטן ווי אַ דורכגעלויכטענער האַנטוך, און פאַלט אויפן בלאָטיקן שאָסיי — אַ פענצטער־שיין פונם רבס שטוב. יאָסע רוקט זיך אַרויס פאָרויס דעם וואָגן, און ווען ער טרעט איבער די גרענעץ פון דעם ליכט־פּאַס, ווערט אים אַזוי ליכטיק און פריילעך אויפן געמיט, ווי ער וואָלט, אַ מחותן, אַריינגעשפּאַצירט אין ליכטיקן חתונה־זאַל.

אַראָפּגעפּאָרן אין געסל, אָפּגעשטעלט זיך ביים שטאַל־טויער, דערהערט זיך שוין דאָס אויפריגלען פון דער הויז־טיר. יאָסע נייט אַריין, עפנט דעם טויער, און וואַרט־איבער ביז גבריילטשיק לייגט־אָפּ די קעסטלעך ראָם אין שטאַל און טראָגט אַריין דעם צוקער אין שטוב. פאַרענדיקט די מלאכה, מאַכט

ער צו דעם טויער, גייט אַריין אין שטוב, וואַרפט אַראָפּ דעם דורכגעווייקטן פּאַלטאָ, פאַרזשמורעט קעגן דער לאָמפּ-שיין די אויגן מיט די דורכגענעצטע ברעמען, און זיפצט-אָפּ מיט הנאה:

—אַ—אַ—אַה, ט'אי קאַלט!

משה-דוד, דעם רבס ברודער, וואָס האָט אומישנע געוואַרט אויף אים, די טיר געעפנט און שוין אַפילו אַ זודיקן טשייניק טיי פאַר אים אויפן טיש אַנידערגעשטעלט, — זיצט שוין ווייטער איבער דער גמרא, און ברומט אַ ווייכן, האַרציק-רחמנות-דיקן נגון. ס'איז אים, משה-דודן, אַ שאַנד און אַ ווייטיק פאַר יאָסען:

... אַ שמוגלער געוואָרן... אין אַזאַ נאַכט!.. אַזאַ נאַכט!..

— דיר איז גוט, — טוט יאָסע אַ זאָג צו משה-דודן מיט פון פרייד אויפגעקוועלטע אויגן און מיט פאַרבאָרגענער איראָניע: זיצסט זיך אין דער וואַרעם, אין דער ליכטיק. און לערנסט זיך!

ער, יאָסע, דער געוועזענער ישיבה-בחור, וואָס האָט כּל-ימיו פאַרבראַכט על-התורה, געגרייט זיך צו זיין אַ ראש-כּל-בני-הגולה, דערפילט אין דער מינוט מיט שטאָלצקייט כּמעט, אַז ער איז היינט אַ מ ע נ ט ש געוואָרן:

ער איז אַ שמוגלער!

ער פילט פונדעסטוועגן משה-דודס געדאַנקען, פאַרענטפערט זיך לפנים אָפּזיפצנדיק:

— אַך, פּרנסה! פּרנסה! — און בריט זיך נחת-רוחדיק מיט דער טיי.

גבריל'טשיק טריקנט זיך דערווייל ביי דער גרויסער הרובע אין קיך. אייגנטלעך פילט ער זיך, גבריל'טשיק, זייער גוט. דער שלאָף איז פון אים, גלייך מיט דער האַנט צוגענומען געוואָרן. ער וואָלט, דאַכט זיך, אַ גאַנצע נאַכט געקאָנט אויף זיין. נאָר: דאָס האַרץ דרייט זיך אים איבער אין מאָגן — עסן! אַ חוץ דעם ציט נאָך עפּעס באַזונדערס אַהיים. ער ווייס אַליין נישט וואָס. נאָר עס פּלאָנטערט זיך אים קלעפּיק

ווי אַ פֿליג, אין דעם מחשבה-וועבס: הער נאַר — מע זעט דאָך איצט נישט קיין הונט אין גאַס! ער פֿילט קלאָר: די דאָזיקע אומשולדיקע מחשבה, וואָס לאָזט אים נישט צורו, האָט אַ גרויסן באַטייט. נאָר וואָס? עס פּייניקט אים, ווי אַ דער־רינערונג וואָס קאָן אין זכרון צוריק נישט אויפֿלעבן. הינטער דער מחשבה טונקט זיך זיין מה אין אַ טונקעלן נעפּל, וואָס הייבט זיך ביסלעכווייז אָן אויסצולייטערן.

... אין דער היים וועל איך שוין אַלץ וויסן! — פֿאַלט אים פּאַראַמאָל איין. ער טוט טיפֿער אַ רוק אַראָפּ די קוטשמע איבער די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אויסוואַרימען די מחשבה, וואָס האַלט זיך ערשט אין אויספּיקן. ער גייט אַרויס פֿון שטוב און טוט לעבעדיק אַ שפּרונג אין וואָגן אַריין:

— וויאָ-אָ—אָ!

— מע דאַרף גיין פֿאַריגלען די טיר, — זאָגט יאָסע — און לייגן זיך שלאָפֿן.

הערנדיק אין הויז, דורכן רעגן־רויש וואָס האָט פּאַראַמאָל מיט אימפּעט אַ שמייס געטון אינדרויסן, ווי דער וואָגן דרייט זיך אַרויס פֿונם געסל, — דערפֿילט זיך שוין יאָסע, ווי ער וואָלט נישט געוועזן, נישט ביי גאָט ברוך־הוא, און נישט ביי גברילטשיקן אין דער האַנט.

אין דעם קריווער געסל, איבער אַ קאַלוזשע וואַסער, וואָס פּולבעט זיך הינטערן רעגן, ווינט זיך אַ געלע שיין. אַ קליין אָגלאָדנדיק פֿענצטערל קוקט, ווי אַ רויט נישט אויסגעשלאָפֿן אייג, מיט זעקס אויסגעקעסטלטע שייבעלעך. הינטער אָן אָפּשיין פֿון דער אייגענער שיין שטייט אומעטיק אַ נידריק אויסגעליימט הייזל, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אַ ברייטן בעלי־עגלהשן שטאַל פֿאַרקליבן הינטער אַ בשותּפֿותשן נידריקן שינדלענעם דאַך.

אינעווייניק אין דעם איינעם גרויסן צימער אָן אַ פּאָדלאָגע זיצן אַרום טיש נחקע בעל־עגלהס בנים: יצחק דער „זשמור" מיט די שטענדיק פֿאַרזשמורעטע, פֿאַרשלאָפֿענע אויגן הינטער

בּרעמען ווי זאַנגען־האָר, און מיט דעם שטענדיק פֿאַרזעצטן
קאָפּ צווישן די אַקסל, ווי איינער זאָגט — נו, מילא, איר האָט
מיך געפּאַקט, באַכעט אַריין וויפל ס'האַרץ גלוסט, אַבי — לאָזט
מיך אויף דער פריי; אָרעלע דער „פּלעם", אַ ברייטבייניקער
מיט שטענדיק צענויפגעפּויסטע דלאָניעס, ווי ער וואָלט זיך
גרייטן עמעצן אַריינבאַכען אין די קישקעס, מיט גרויע אויגן
פֿון הינטער אַראָפּגעצויגענעם לאַקירטן דאַשיק, וועלכע לייכטן
מיט אַ שיין־פּלעק פֿון בוימייל הינטער דעם צאַפּלדיקן שנויק־
פּייערל; און חילטשיק דער „רויטער" אָן אַ היטל מיט זיין
רויט־גליענדיקן קאָפּ־האָר, קאַשעוואַטן פּנים און געל־אויסגעפּליאַ־
מעוועטן אקן, אָנגעשטייפט, ווי אַ כּאָגן־קאָלבאַס
ווי שפּילן אין קאָרטן.

פֿון אַ ווינקל, וווּ עס שטייט אַ בעט, האַלב פֿאַרשטעלט מיט
אַ ברייטער שאַפע, הייבט זיך אַרויס אַ הויך געדיכט כאָרכלענדיק
כראָפּן, ווי קינדער פּייפן אַמאָל אויף אַ גאָרגל פֿון אַן
עוף. אויף אַ ציצענעם קישן מיט שוואַרצע בלימעלעך ליגט אַ
דיקער קאָפּ. פֿון הינטער אַ טשיפּעק קריכט אַרויס אַ בינטל
דורכגעזילבערט האָר און פֿאַלט אויף אַ נידריקן שטערן. אַ קליין
פּליישיק נעזל מיט גראָבע ליפּן. אַ רויט פּנים, ווי זאַפּראַן.
אַ קיילעכדיק גאָמבעלע מיט אַ שוואַרצער גרויסער בראָדעווקע.
ווי אַ פּיטום, ליגט איינגעטוליעט ווי אַן אתרוג אין קליאַטשע,
אין אַ ווייכן פּעטן גוידער.

דאָס איז נחקע בעל־עגלהס ווייב, נעכע.

פּויסן טיש פֿון קייגנאיבערדיקן בעט, ליגט אַ לענגלעך־
אויפגעצויגענער קאָפּ הינטער אַ יאַרמלקע. אַ בלאַס איידל פּנים
פֿאַרענדיקט מיט אַ קלינעקעוואַט בלאָנד־געזילבערט בערדל.
גרויסע העלע אָפענע אויגן, ענלעך צום טריסקער רבין ר'
יעקב לייבעניו, זכרונו לברכה. אַ דאַרע האַנט ליגט איבער
דער פּערינע, הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ, דערלאַנ־
גענדיק צום מויל אַ ציגאַר.

דאָס איז נחקע בעל־עגלה אַליין, דער „רבי".

ער רויכערט מיט ישוב־הדעת, טוט פון צייט צו צייט אַ דריבנע הוסטעלע, באַגלייט עס מיט אַ באַישובטן שפּיי, לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פונם לאָמפּ. פינטלט מיט זיי ווײַלעווייז, און טראַכט אומעטיקע מחשבות:

... נישט גוט! נישט גוט!.. וואָס?.. אַז קיין „זייטיקע" פּרנסה איז נישטאָ... וואָלט ער נאָך געווען ביי די כּוחות ווי אַט די בנים — וואָלט ער שוין עפּעס אויפגעטון... מורא האָבען זיי — הענגען וועט מען זיי!.. אָבער וואָס פאַר אַ „טויגער" ביסטו, אַז דו קאָנסט קיין פּליטה נישט מאַכן!.. וואָס זאָל ער טון? גאָט אַליין ועט דעם אמה — אַ ייד אויף דער עלטער... קראַנק... אַז דער שפּיטאָל־פּראָפעסאָר האָט שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן!.. און דאָס בעל־עגלהריי איז גאָר אַכצן איילן אונטער דר׳ערד... די בנים קריגן זיך... פּאַטשן זיך... אַ חרפּה פאַר לייטן.. ווילן נישט האַרעווען.. איינער שיקט דעם צווייטן... אין אזא גאַכט האָט באַדאַרפט פאָרן דאָס „קינד"...

... קראַנק איז געווען אָט־אָ־דער־אָ! — טוט ער אַ דריי איבער אויף יצקן אַ פּאָר רויטע אויגן־ווייסלען, ווידט־אויף פון כעס און צעהוסט זיך.

דער וואָיענדיקער ווינט הינטער די ווענט. טראָגט־אָן דעם גוט־באַקאַנטן רויש פון וואָגן, וואָס כליאָפּטשעט לאַנגזאַם די טיפע קאַלוזשע און טוט אַ קרעכץ, זיך אָפּשטעלנדיק.

— אָ־אָ־אָ! — כאַפּט זיך נעכע אויף און דרייט זיך שווער איבער: דאַכט זיך גברילטשיק איז שוין דאָ!

יצחק גייט אייגנעהויקערט אַרויס. עס סקריפּעט דער שטאַל־טויער. דער וואָגן פאָרט אַריין.

אַריינגעקומען פריילעך און שטוב, טוט גברילטשיק אַ פאַר־רייס דעם קאָפּ, אַ קוק מעשה־מענטש פון הינטער דער קוטשמע אַרויס, שטעלט אַוועק די בייטש ביי דער טיר, טוט אַ כאַפּ פון דעם טיש אַ פּיידע ברויט און לאָזט אַריין אין איר די יונגע ווייסע ציין, פאַרבייסנדיק מיט אַ שטיק זויערע אוגערקע.

— אָהאָ! — שמייכלט חילטשיק: ער קאָן די מלאכה,

דער קליינער. ער רוקט נישט־קשהדיק.

גברילטשיק נעמט אין אַכט די באַמערקונג, און נעמט זיך נאָך שטאַרקער צו דער מלאכה. ער סאָפּעט, לאָזט דעך, ווי ער וואָלט האָלץ געהאַקט, און מאָלט מיט די ציינער.

— כי־קכי! — טוט נחקע אַ הוסטעלע, שפּייט־אויס און פרעגט מיט ישוב-הדעת, פינטלענדיק מיט די אויגן: נו, וואָס הערט זיך? האָסט עפּעס געקריגן משא אין וואָלינסק?

גברילטשיק טוט אַ מרוק. דאָס מויל איז אים אָנגעפּאַקט, אַז ער קאָן די צונג נישט איבערדרייען. לאַכט ער מיט די פּיס־קעס, ווי די רויט־צוגעבראָטענע בולקעלעך פון ריווע די בעקערין.

— קרענק דאָרטן, ווי דו קרענקסט! — שטעכט נעכע דורך דעם אַלטן מיט אירע קליינע פיבערדיק־גנבהשע אייגעלעך: זע נאַר, ווי ער לאָזט אים נישט איבערכאַפּן דאָס האַרץ, לאָזט ער אים נישט!

פונדעסטוועגן האַלט זי זיך אַליין נישט איין:

— נו, וואָס, גברילטשיק?

גברילטשיק בייגט־צו דעם קאָפּ צו דער ברוסט, שטופּט דאָרט אַראָפּ אַ היפּשן ביסן אין ושט און זאָגט לסוף:

— נישט כּדאַי געווען די יאַזדע. מער ווי יאָסעס פּופּצן פּוד און צוויי קעסטלעך ראָם, האָב איך טאַקע גישט געהאַט. און אַ סלאָטע! דער גניאַדע — ווי ער וואָלט געשלעפּט פערציק.

— איך האָב נאָך נעכטן געזאָגט, — פּאָמפּעט־אַרויס נעכע, ווי פון אַ פאַס אַרויס: מיט אַזאַ שלימזל (דאָס מיינט זי יאָסען, נישט דעם גניאַדן) דאַרף מען אײַנגאַנצן נישט פאָרן.

— אַ נעכטיקער טאָג, — וואַרפט עמעצער צו פון די קאָרטן אַרויס: ס'איז שוין אויס שמיגל!

— און דאָ איז שוין פּסח פאַר דער מזוזה, — קרעכצט נעכע מיטן גוף און מיטן בעט: מע מוז האָבן דאָס קערבל, איך מיין דעם קראַן, ווי אין לעבן אַריין.

— אַוודאי! — ברומט נחקע מיט תּרעומות און פינטלט: וואָלט איך געווען ביי זייערע כּוחות...

ביי די קאָרטן ווערט מען אָנגעשטייפטער.

— וואָס־זשע וואָלסטו געטון ? — פּאַלט אים נעכע אַריין, ווי אַ דונער, אין די רייד : אַז מע שפּילט מיטן לעבן, שליטפּ מען !

— הערסטו, מאַמע, — זאָגט גברילטשיק נישט דרייסט : מע זעט דאָך איצט נישט קיין הונט אינדרויסן...

ס'ווערט שטיל. נעכע אָטעמט שווער. די שפּילער זיצן פאַרטראַכט און עפּעס ווי פאַרחדושט. ס'הערט זיך ווי דער ווינט רייסט די בלעכענע דאַך־לאַטעס פונם שטאַל, וואָיעט אַרום די פאָדוואַלעס, און טוט אַלעמאָל אַ שמייס אין די שייבלעך אַריין.

גברילטשיק, באַמוטיקט פון דער שטימונג וואָס ער האט אַרויסגערופן, איז מוסיף :

— אין דער קאָמענדאַנטור איז פינצטער און שטיל, ווי אין אַן אויער. אַפילו דער וואַך־פּאָסטן איז נישט אַרויסגעקומען. זיי ליגן דאָרט אַלע, אויף־אַ־געוויס, מיט די הינטנס אַרויף.

ביי גברילטשיקן ווערט פּלוצים ליכטיק הינטער דער קוטשמע. ער האָט אָבער געוווסט : אין דער היים וועט ער שוין וויסן ! און ער שטאַמלט ווייטער :

— ער האָט דורכגעשמוגלט צוויי קעסטלעך ראָם, האָט ער...

— נו־נו ?

— און ער האָט זיי אָפּגעלייגט אין שטאַל...

— נו־נו ?

— און צום רב אין שטאַל קאָן איך דורכקריכן דורך דער סטרעכע !

— און אַז עס ווערט נעלם אַ שמוגל, — ווערט חילטשיק אַנטציקט : קרייט אויפן פרימאָרגן קיין האָן נישט אַפילו !

— וואָרום אַז נישט, — טוט אָרעלע אַ פּלעם מיט די אויגן : פאַרקריכט מען אַליין אין דער „לאָכע".

נחקע טוט אַ בלאָזן שמייכל. נעכע זעצט זיך שווער אויף און שלעפּט אַרויס אַ יאַטקע־קלאָץ פון הינטער דער אייבערבעט. ס'איז אַן ערנסטע מינוט פון באַשליסן זיך.

חילטשיק טוט זיך האַסטיק אַ הייב מיט אַן אָנגעצאָונדענעם קאַרק, טוט אַ כאַפּ דאָס היטל:

— קומט! כאַפּט עס די כאָליערע! הענגען איז הענגען!

— קומט! — חזרט איבער גבריאַלטשיק דרייסט.

ביים טיש ווערט אַ נערוקעריי. דער לאָמפּ ווערט אַריינ־געדרייט. און חברה בלייבט נישט. די קאָרטן ליגן צעוואָרפן, און אין דרויסן וואָיעט דער ווינט.

נחקע זעצט זיך אויף, צעהוסט זיך, שפּייט, און נעמט זיך מאַכן אַ פרישן ציגאַר. נעכע גלייכט זיך אויס דעם טשיפּעק אויפן קאָפּ, און שטעכט דורך דאָס פענצטערל מיט די קליינע בייזע אויגן.

— זעסטו שוין, אַז ער, דאָס קינד, איז ליטישער פון זיי, — זאָגט נחקע, אַראָפּקריכנדיק פונם בעט צו פאַרויכערן דעם ציגאַר.

— אַוודאי, — שאָקלט נעכע פרום מיטן טשיפּעק: אַלץ איז ביי גאָט ברוך־הוא אין דער האַנט!

II

צעפּראַלטע טירן־פּענסטער

הינטערן שטעטל.

דעם גאַנצן ווינטער גרימט דעם אַלטן, נאָך קיינמאָל נישט־געהאַקטן וואַלד, אַ שרעקלעכער ווייטיק אין בויך. ווי ריזיקע שטאָלערנע גרילן טאָטשן זיינע געדערים און זינגען פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט דאָס געזאַנג פון פאַרוויסטונג און פאַרלענדונג. ווי ריזיקע אייזערנע פּיקהאָלצן פּליען פּלוצים אָן און פּיקן הילכיק מיט שטאָלערנע שנאָבלען אין זיין אינגעווייד אַריין. דאָס פאָרן עס אָן אין אים פערד און שליטן נישט־באַגלעקלטע, מיט מענטשן פון אַ פרעמד פאָלק און פרעמד לאַנד, ערנסטע, שווייגנדיקע, זעלטן־ווען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. זיי באַפאַלן אים מיט זעג און העק, און רייסן פון אים אַרויס די חשובסטע זקנים־ביימער. גרינע מאָך־בערד, געפרוירן און אייזצעפּלעך, ברעכן זיך אָפּ, און פאַרוואַלגערן זיך אונטער שווערע פערדישע קאָפּיטעס.

אָבער ער ווייסט נישט, דער אַלטער וואַלד וואָס אין אים קומט פאָר: ביימער זענען שטום אין פראָסט־גליווער. און דאָס רמזדיקע שטום־לשון פון צווייגן־פינגער ווערט פאַרהוילן אין דיקן שטויב פון שניי. ער קרעכצט בלויז כסדר איבער זיין גאַנצער לענג און ברייט, און קלאָגט יאָמערלעך אין שטורים־אויסברוך.

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, וואָך־איין, וואָך־אויס, חודש־איין, חודש־אויס.

ביז — ס'דערנענטערט זיך פרי־יאָר. די דינע וואָרצלעך טיף אין דר'ערד דערוואַרימען זיך, הייבן אָן וויגן די שוואַרצע

ברוסט פֿון די טיפֿע ערדשיכטן וואָס גיסן זיך אָן מיט זאַפֿט, און טרייבן די שפּיז אַרויף אין רי שטאַמען אַריין. די זון, אויסגעלייטערט קלער, וואַרימט צווייג און צווייגל פֿונדרויסן, פֿון אויבן, און בוימער כאַפּן זיך אויף פֿון גליווער. עס ווייעט אַ וואַרעם ווינטל. צווייג און צווייגל טרייסלט פֿון זיך דעם שניי, וואָס קלאַמערט זיך ווי ווייסער צאָן אין די שפּאַלטן און קנייטשן פֿון דער קאָרע. די פֿרימאָרגנדיקע אייזצעפּלעך צעגייען קיצלענדיק אונטער די צווייגן־אָרעמס אין די מאָכיק־האָריקע גריבלעך, און רינען אַראָפּ ווי וואַסערדיקע ווערים אין דר׳ערד אַריין. פֿרישע גרעזעלעך שטעקן אַרויס גרינע צינגעלעך צווישן פֿוילן בלעטער־אָפּפֿאַל, און באַלעקן זיך מיט פֿאַרגעניגן. ס׳באַווייזן זיך די ערשטע בלימלעך. אַ פֿריער פֿויגל טראָגט אָן גרינע בשורות. דער וואַלד באַקומט צוריק דאָס לשון. און איצט ערשט דערוויסט ער זיך איבער זיין גאַנצער לענג און ברייט, וואָס מיט אים איז געשען אין משך פֿון לאַנגן ווינטער:

— דאָס פֿרעמדע פֿאָלק האָט געמאַכט אין אים אַ חורבן!..

די ברעגיקע בוימער אויפֿן ראַנד פֿונם וואַלד־באַרג, וואָס רינגלט אַרום ווי אַן אַמפֿיטעאַטער דעם טאָל פֿון דער אייזנבאַן, קוקן אַראָפּ און קאָנען די אייגענע גרינע קנאָספּן־אויגן נישט גלייבן. דאָס ווייסע וואָקזאַלכן, פֿאַראַיאָרן אַ דורכגעלעכערטס מיט קוילן פֿון אַלע זייטן, ווי אַ רעשעטע, אַ טויטס — האָט איצטער, אַרומגעפּעלצט מיט לאַטעס און שמאַטעס, צוריק אויפֿגעלעבט! בלינד און לאָם, אַ קאַליקע, אָבער עס לעבט. אַרום דעם, ווי צוגעפֿויזעטע חיות, ליגן נידריקע, לאַנגע און ברייטע באַראַקן, אַרומגעפּעלצט מיט היי און שטרוי אונטער שוואַרצע קוטשמעס פֿון טאָל־פּאַפּיר. אין אַרום שוויבלט מיט זעלנער און פֿרידלעכע בירגער־אַרבעטער פֿון דעם פֿון דער מענטשהייט געפּלאָגטן פֿאָלק. איבער דעם ברייטן פּלאַנט מיט די שטאָלערנע פֿעדים, ליגט איבערגעוואָרפֿן אַ גייער, אַ שמאָלער, און ביידע אינאיינעם בילדן אַ ריזיקן צלם, וואָס גייט אַוועק אין די פֿיר זייטן פֿון דער וועלט — אַ ריזיקער צלם צו וועלכן עס דאַרף

געבעגלט ווערן די גאַנצע מענטשהייט... אָט לויפט אָן אויפן ברייטן פלאַנט אַ סאָפּענדיקע רויטע, ווי אָפּגעשונדענע, שורה חיות, רעוועט אַריין אימהדיק אין וואַלד אַריין, פּאָכעט איבער אים מיט שוואַרצער ווילדער גריווע, און פאַרשווונדט... אָט באַווייזט זיך אויפן האָריזאָנט אַ שניירל רויטע קרעלן וואָס שיט זיך איבער אַ גרויען פּאָדים, און באַלד לויפט אָן קווער איפן שמאָלן פּלאַנט אַ קלענערע שורה קליינע רויטע חיהלעך. רעוועט מיט אַ קול פון באָך שחיטה, און אַנטלויפט ווייטער אין דער וועלט אַריין...

אַ רויט-בלוטיקער זעלנער מיט אַ בלאַס-קרענקלעך יידיש מיידל טיילן זיך פון דאָרט אַרויס, קריכן באַרג-אַרויף צום וואַלד, און מאַכן זיך דאָרט אַ זנות-געלעגער אונטער אַ שטאַם פון אַ בוים...

און בוים צו בוים גיט זיך איבער, און עס צעגייט זיך איבערן וואַלד אין זיין גאַנצער לענג און ברייט, וואָס ס'איז געשען אין אייזנבאַן-טאָל אין דער צייט ווען זיי האָבן זיך געטוליעט אין שלאָף און גליווער:

— פון וואַלד-חורבן האָט מען אַ נייעס, ייימאָדנעם מענטשלעכן ישוב אויפגעבויט, אַ תפיסה פאַר דער מענטשהייט איידער זי גייט אָפּקומען פאַר אירע זינד אויפן צלם. וואָס ליגט צעלייגט ווי אַן אַנטפּלעקטע ערוה קעגן אַלע האָריזאָנטן..

צוריקגעשטעלטער שלום־בית.

שמריה־משה דער דאָרפס־גייער, אָנגעקליידט מיטן געלפליאַ־מיקן טלית, וואָס דערלאַנגט ביי אים העכער די קני, באַקרוינט מיט די תפילין, וואָס זענען שוין פון לאַנגן נוצן אָפּגעריבן־געל ביי די ברעגן, ווי די פעל פון אַ פויק, שטייט ביים פענצטער און דאַוונט. דאָס פענצטער ווייזט דער שטוב דאָס שיטערקייט פונם סאָד פון פאַר־פריליגג אונטער אַ גאַנצע פון אַ ראָזלעך שטיקל שחרית־הימל. די אויסגעבראָכענע ביימער־קעפּ זענען יום־טובדיק דורכגערויטלט קעגן דער אויפגייענדיקער זון, ווי דורך זייערע נאָכן לאַנגן ווינטער פון פראָסט און הונגער דורכ־זעעודיקע לייבער, וואָלט זיך באַשיינפערלעך געזעען דאָס דורכ־גיסן פון אַ רויטן אויפלעבנדיקן ווייך־זאַפט. שמריה־משה באַ־טראַכט עס מיט די קיילעכדיק־גרויסע אַרויסגעזעצטע אויגן אין רויטע רעמלעך פון איבערגעקערטע וויעס, און אַ מחיהדיקער באַלזאַם גייט אים איבער דער ברוסט. ער איז זיך משער דאָס הייגטיעריקע גערעטעניש אויף פרות. כדי בעסער צו זיין, דריקט ער צו דאָס אַזוי אויך פּלאַטשיקע פנים צו דער שויב, ווי אַ פּלעצל, און קוקט מיט ליבע צו „זיינע" ביימער. זיין קליין מאָכיק בערדל, באַמעלט פון ווייסן שטויב פון עלטער, קלאַפּט צו דער הויך פון זיין אָטעם אויף דער קילער פרי־מאָרגן שויב. ער טוט זיך נאָך שטאַרקער אַ דריק צו דער שויב, אַז דער של־ראש זעצט איר שיעור גישט אַרויס. כאַפּט ער זיך, שמריה־משה, אַז שוין צייט אָפּלייגן די תפילין. ער ציט אַראָפּ דעם של־ראש, און איידער ער וויקלט אים אַרום מיט די

רצועות טוט עס נאָכאַמאָל אַ צי צום פענצטער. אין שאָטן פון די שוואַרץ־גרויעביימער־סקעליעטן פירט דאָרט הערשקע דאָס קעפּבעלע, אַ געלס מיט ווייסע לאַטעס, אַראָפּצו, צו דער טייך־לאָנקע, און ווערט נעלם הינטער דעם צווילינג דיקשטאַמיקע דעמבעס־ביימער.

...אַ תכלית! – טראַכט שמריה־משה מיט רוגז: פּאַשען אַ קעלבל.. אַ מיין וואָלט מען עס פּאַרקויפט... אַזוי דאַרף מען דאָך דאָס ביסל מילך ביי דער קו אויסנאַרן... נאָר גיי! אַז איך בין שוין היינט נישט קיין באַלעבאָס... אויס פּאַרדינער געוואָרן...

די לעצטע מחשבה פירט אים צוריק צום סאָד, דאָ איז ער באַלעבאָס ער האָט דאָך דאָרט מער געגעכטיקט, ווי זי אין שטוב געטאָגט. און זיין בליק זייעט זיך מיט טאַטערשער ליבע דורך די ביימער־שטאַמען, איבער דעם לייכטנפּ רישן גרעזל, וואָס שלאָגט זיך שוין דורך אַ וועג צווישן דעם פּאַראַיאָריקן בלעטער־אָפּפאַל. דורך די נידריקע קוסטעס ביים ראַנד זעט זיך, ווי דורך אַ רעשיטע, דער שמאָלער שאָסיי, וואָס הייבט זיך ארויס ווי אַ רוקן. ער הייבט זיך שוין אָן אַרומזוימען ביי די ברעגן מיט ציויי שמאָלע גראַווערנדיקע סטעזשקעלעך. שמריה־משה זיפצט שווער אָפּ. דרייט זיך אַוועק צום טיש און נעמט אויפגערעגט פּאַרוויקלען די רצועות, וואָס זענען שוין ערטערווייז פון אַלטקייט שמאָל און אויסגעדינט געוואָרן.

— גאָט וויסט! גאָט וויסט! – מורמלט ער באַזאָרגט, און דערטראַכט ווייטער:

...און וואָס וועט זיין, אַז מיטן פרי־יאָר, מיטן טריקעניש אויף די וועגן, וועלן זיך ווידער אָנהויבן לאָזן די אָבאָזן... אָנאָון אין אָבאָזן אַ גאַנצן זומער...און דאָ הינטערן באַבלעטערטן סאָד, ווי הינטער אַ טויבע וואַנט, וועלן זיי זיך ווידער אפּשטעלן איבערנעכטיקן און אינדערפרי – דער סאָד איז אַרומגעפּליקט ווי פון אַ היישעריק!...

אַ סקריפּ פון דער טיר הייבט אויף שמריה־משהן דעם קאָפּ. אַ יונגע מילך־און־בלוטיקע גויע מיט אַ שראָלכן אויף

דער האַנט פּילט-אויס דעם חלל פון דער טיר. שמריה-משה, וואָס האָט שוין אַזוי לאַנג דאָס דאַרף נישט אָנגעקוקט, און קיין גויע פאַר די אויגן נישט געזען, ווערט איבעראַשט פון אַזאַ נישט-געווענלעכן גאַסט אין שטוב. לויט איר פולער פאַזעכע איז ער זיך משער, אַז די גויע האָט דאָרט אַ האַלב שאַק אייער פאַרשטעקט. ער דערפרייט זיך: נישקשה, ער וועט איר ווייזן, ער קאָן נאָך היינט אויך אַ גראָשן פאַרדינען! און ער מאַכט שוין מיטן געדאַנק אַ שפּאַציר איבער די שטע-טלריקע הייזער: צו וועמען אַ שטייגער קען מען הייגט אַריינ-טראָגן אייער אויף פּסח?..

אָבער די גויע שלאָגט אים אַרויס די מחשבות פון קאָפּ:

— צי דאָ ווינט הערשקע דער דאָרפסגייער?

— און וואָס האָסטו, מאַלאַדיצאַ, צו פאַרקויפן? — פרעגט ער צוריק.

— און ווער ביסטו, אַלטער? — ענטפערט זי אויך נישט און שטעכט אים מיט שאַרפן שפּיציקן בליק, ווי דער פּאַריסע-נער שפּיץ פון איר נעזל.

— הערשקעס טאַטע.

— עהע! — כאַפּט זיך די גויע, ווי אָט-דאָס האָט זי טאַקע געמיינט: ביסטו דאָך טאַקע דער זיידע...

שמריה-משה פאַרשטייט נישט, און זיין פלאַטשיק פּנים מיט די גרויסע אַרויסגעזעצטע, רויטבאַבערעמטע אויגן באַקומט דאָס אויסזעען פון אַ סאָווע וואָס מ׳האָט אומגעריכט אַרויסגע-טראָגן קעגן דעם שיין פון דער זון.

— וואָס פאַרדרייסטו אַ קאָפּ?! — צעבייזערט ער זיך.

די גויע, ווי נישט איר מיינט מען, רוקט זיך פונדעסט-יועגן אַריין נעענטער. קעגן פענצטער פאַלט די שיין פון דער זון אויפן שראַלכנס פּנימל, עס פאַרזשמורעט די אייגלעך, דרייט דאָס קעפּל אַהין-און-אַהער און צעקוויטשעט זיך פלוצים ווי אַ חזירל, די גויע זעצט זיך אַנידער, נישט פרעגנדיק, אויפן בענקל נעבן טיש, שפּילט-אָפּ די גלעזערנע ווייסע קנעפּלעך

אויפן שוואַרצן שפּענצער, קערט־אַרויס אַן אָנגעגאָסענע ברוסט, ווי אַ ווייס־געלבלעכע דיניע. און שטופּט דעם קינד אַ ברוין בלויע פּופּקע, ווי אַ דאַרע פייג, אין פּיסקל אַריין. דאָס קינד כאַפּט גיריק די ברוסט, און קייעט מיט די יאַסלעס די פייג, אַז דאָס זויגן הערט זיך איבערן גאַנצן חדר.

שמריה־משה דערדאַוונט בינו־לבינו אויף גיך, כדי ער זאָל קענען רעדן מיט דער גויע קלאָרע דבורים, דערגרייכט צו „עלינו" און שפּייט אויס.

— אַזאַ קינד זויגט, איז נישטאָ וואָס צו שפּייען, — וואַרפט־צו די גויע בייז, און וואַרט פונדעסטוועגן ביז דער ייד וועט פאַרענדיקן די תפילה.

איינגעפּאַקט דעם טלית און תפילין אין טלית־זאַק, פאַר־שפּיליעט דעם פּאַלטאָ ביז אַרויף צום רויטן האַלדזטיכל, בלייבט שמריה־משה שטיין ווי אַ פּלאָקן, און זאָגט:

— נו, אַצונדער רעד צו דער זאַך.

— זעסטו! ציידעלע, — הויבט אָן די גויע, זיך באַלעקנ־דיק די ליפּן צום רעדן: אַ שלעכטע זאַך איז געשעען מיט דיין זון... מיט הערשקען הייסט עס... ער האָט מיר פאַרפירט, ציידעשע, אָפּגענאַרט... איבערגעגנבעט־זיך ביי מיר... פאַרקראָכן אויף מיין געלעגער.. אַ יונג ווייבל, דער מאַן אין אַמעריקע... האָב איך אים צוליב געטון דיין זון... הערשקען... אַ קינד גע־בוירן געוואָרן, ווי דו זעסט... און ער, דער טאַטע — דאָס דאָרף קוקט ער מער נישט אָן... פאַרגעסן גאָר אָן מיר... אָט־וואָס!... נישט רעכט אַזוי, ציידעלע. פון דיין זון... אמת?...

שמריה־משה מיניעט זיך אויפן פּנים און ס'הייבן אים אָן בריען די רויטע וויעס, ווי מע וואָלט זיי באַזאַלצן. זיי ווערן פייכט, פינטלען, און ער שטאַמלט:

— דאָס קאָן נישט זיין! וואָס רעדסטו?

די גויע טוט זיך אַ שטעל־אויף. די ברוסט רייסט זיך ווי אַ האַרטער גומע פון דעם שראָלכנס פּיסקל, עס צעקוויטשעט זיך דאָס, און זי צלמט זיך איבער דעמס קעפּעלע:

— בימע פראַוודאַ! דיין זון איז מיט מיר געשלאָפן... ווי דו האָסט זיך נאַרוואָס געמאָליעט... דאָס קינד איז זיינס... דיינס און אייניקל, זיידעשע... ווי דו ביזט געשטאַנען נאַרוואָס פאַרן פּנים פון גאָט... בימע!...

אין אַלקער טוט זיך פּלוצים אַ צעיאָמער אַ קינד. דער אַלטער טוט אַ גיי צו דער אַלקער-טיר. אָבער עס שטויסט זיך שוין אָן אים אָן די שנור מיטן קינד אויף איין האַנט, און מיטן טעפּעלע מילך אין דער צווייטער. דאָס טעפּעלע טוט אַ פליען אַרויס די שוימיקע מילך און פאַלט מיט אַ פּליסק אויף דער נאַס-פאַרוויסטער ערדענער פאַדלאָגע. דאָס קינד רייסט זיך, און זי, די שוואַרץ-גרינע, ביין-און-הויטיקע חנה-רחל באַקומט איצט דאָס אויסזעען פון אַ לאַנג, דיין אָנגעצונדן קינדל, וואָס פלאַקערט רויט און שוואַרץ פון דעם אייגענעם ריס. זי לויפט אָן אויף דער גויע מיט פאַרריסענע דראַטיקע ברעמען איבער אָנגעצונדענע אויגן, און מיט אַרויסגעקערטע בלויע ליפּן איבער פאַרקריצטע ציין:

— ווייז! ווייז דיין בענקאַרט!

יענערס פּנים ווערט ווי אַ אויסגעשייערטע קופּערנע פאַן. אירע ליפּנווינקעלעך שוימען-אויף, און מיט שווידערדיקע, צאַרנדיקע הענט דעקט זי ברייט פונאַנדער דעם שראָלכנס פּנימל.

חנה-רחל דרייט זיך דערווייל אויס צום שווער מיט אַ פאַרווייטיקט פּנים און באַצערטע הענט:

— וואָס שווייגט איר? שווער! זי מאַכט דאָך אַ בלבול אויף אונדז!

שמריה-משה דערנענטערט זיך. די ווייבער בייגן איבער די קעפּ איבער די קינדער און לויפן מיט עסנדיקע אויגן פון אייגעם צום אַנדערן. שמריה-משה זעט אַ קליין שראָלכן מיט אַ פאַר-ריסן-שפּיציק נעזל, ווי ביי דער מאַמען. מיט אַ טעמפּן חזירישן בליק, אָבער דאָס קעפּל איז דאָ באַדעקט מיט אַ געדיכט שלייערל פון זיידענע שוואַרצע הערעלעך, וואָס הויבן זיך שוין אָן צו קרויזלען — זיינע, הערשקעס האָר! פּונקט אַזעלכע הערעלעך ווי

ביים איינזקל ביי בערטשען.

אוי! איך חלש! שרייט חנה-רחל אויס, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, און דאָס קינד גליטשט זיך איר שיעור פון די הענט נישט אַרויס.

די גויע פאַרכאַפּט עס מיט אַ האַנט: — עהע!.. אָבער חנה-רחל שטאַרקט זיך איבער, טוט אַ ריס צוריק דאָס קינד פון איר האַנט, און צעשרייט זיך הייזעריק, ווי אין גאָרגל וואָלט זיך איר עפּעס איבערגעריסן.

— אַרויס! אַרויס פון מיין שטוב, דו קורווע!

— און הערשקע וועט גאָר דיך אַרויסיאָגן, פּאַסקודנע פּרצוף דו! עגטפּערט די גויע שנאהדיק און זיכער: לאָמיר אים נאָר אויפזוכן.

זי גייט געלאַסן אַרויס. חנה-רחל לויפט מיט אַ יאָמער אין אַלקער אריין. שמריה-משה רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט, ווערט איינגעשרומפּן, און גייט צום פענצטער ווו ער איז פריער געשטאַנען. ער זעט ווי די גויע איז שטיין געבליבן, קוקט זיך אַרום אין סאַד, און לאָזט זיך פּאַראַמאָל מיט גיכע שפּרייזן צו דער טייך-לאָנקע. עס געדויערט נישט לאַנג, ווי די גויע שלעפּט שוין דאָס קעלבעלע פאַרן האַלדז-שטריקל צו זיך, צו דער שטוב, און הערשקע שלעפּט עס צו זיך, פון דער שטוב. הערשקע בלייבט אַלע ווײַלע שטיין מיט די פיס צוריקגעשפּאַרט ווי מיט פלעקער, און גייט איר סוף-כל-סוף נאָך. זיי דער-נעגטערן זיך, און שמריה-משה הערט ווי די גויע סטראַשעט מיט אַ קוויטש:

— צום קאָמענדאַנט וועל איך גיין מיט אַן אָנקלאָג!...

צום קאָמענדאַנט!... איך האָב נישט ווו אַ שטיקל ברויט צו פאַרדינען... צוליב דיר, האַרצלאָזער, בין איך איינענק-און-אַליין אין דאָרף איבער געבליבן... מיט די לייבלעכע נישט מיטגעגאַנגען...

און באַלד ווידער מיט גוטן:

— הערשקע טייערער!... הערשקע לייבלעכער! הערשקע

מײנער... איך האָב די אויגן אויסגעווײנט... ס׳איז דאָך דײן קינדעלע... דײנס... איכל בלײבן בײ דיר... דײן „געזעצלעך" װײבל באַדינען... די פּאַכקודנע...

זי רוקט זיך אַרײַן אין שטוב. הינטער איר דריגעט אַרײַן דאָס קעלבעלע. און הינטער זײ בײדע — הערשקע, האַלטנדיק מיט דער האַנט פעסט פאַרן שטריקל, װי זי װאָלט געװען צו־געבונדן. צעמישט, מיט צעשראָקענע אויגן, װי אַ מענטש אויפ־געריסן פון שלאָף בעת אַ שרפה, בלײבט ער שטײן אומטערטעניק, װי פאַרכשופט פון איבעררעשונג.

— גוּ—ו—ו—אַף!!... טוט אַ שפרונג אַרויס פון אַלקער חנה־רחל, כאַפּט דאָס לײדיקע שעפעלע פון דער פּאָדלאָגע, און טוט אים מיט דעם אַ זעץ איבערן קאָפּ. זײן היטל שפּרינגט־אָפּ און באַװײזט זײן קוטשעראַװע קאָפּ. אויפן שטערן, איבערן רעכטן אויג, קריכט־אָן אַ שװאַרץ־בלויע זשאַבע, װערט געדיכטער, פולער, שװאָנגערט און זעצט פאַראַמאָל אויס מיט אַ בלוט־שפּריץ.

די גויע טוט אַ לײג אַראָפּ דאָס שראָלכן פון די הענט אין אַ װינקל אויף די פּאָדלאָגע, טוט אַ זוך מיט די אויגן, כאַפּט אַ האַנטעך, טונקט אײן אין דער קװאָרט װאַסער װאָס שטײט אויפן טיש, און לײגט־צו צו הערשקעס שטערן. דאָס פרײגעלאָזענע קעלבעלע צעבריקעװעט זיך, און בלײבט שטײן מיט גלאַנציקע פאַרחדושטע אויגן איבערן שראָלכן. חנה־רחל, װי זי איז צוגעפאַלן, אַזוי שטײט זי אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן דער װאַנט, און װײנט אַרײן אויפן קול אין די הענט, װאָס דעקן צו אירע אויגן, װי יום־כפור צו ליכט־בענטשן. דאָס צװײ־יעריקע בערעלע קומט אַרײנצוקריכן פון אַלקער, דערזעט דעם טאַטן באַגאָסן מיט בלוט; די גויע װאָס פאָרעט אַרום זײן קאָפּ; די װײנענדיקע מאַמע בײ דער װאַנט; דעם לײם־בלאַסן זײדן בײ דעם פענסטער מיטן רוקן אין שטוב אַרײן, — װערט ער צעמישט, װײסט נישט צו װעמען זיך צװוענדן, און שטײט אַזוי אויף אַלע פיר אַ רגע פאַרטראַכט־איבער ראַשט. אָבער באַלד װי זײן פּנימל סאַרקרימט זיך שוין צו װײנען װערט ער צוגעשמידט מיט גרויסע פאַרװונדערטע אויגן צום שראָלכן

און קריכט צו דעם צו. די קינדער קוקן זיך צו ווי ברידערלעך, און דאָס קעלבעלע סאַלאָפּעט אויף זיי ביידן. פאַראַמאָל טוט דאָס קעלבעלע אַ שפּרונג־אונטער און אַנטלויפט מיט אַ קינדערשן מעקן אין אַלקער אַריין. אין דרויסן, דאַכט זיך האָט דער שאָסיי זיך עטאַנצט מיט זיינע שטיינער. די קינדער דערשרעקן און צעוויינען זיך ביידע פאַראַמאָל.

— אַבאָזן גייען, — שטאַמלט שמריה־משה, נישט ווייסנדיק וואָס ער מיינט דערמיט צוזאָגן.

הערשקע טוט זיך אַ רייס אַרויס פון דער גויעס האַנט און לויפט אַרויס. שמריה־משה זעט אים דורכן פענסטער לויפן אַזוי מיטן הויך קוטשעראַוון קאָפּ לענגאויס דער וועגן־קייט פון דעם אָבאָז. אַ צען טריט הינטער אים לויפט נאָך די גויע מיטן שראָלכן און ביידע ווערן זיי פאַרהוילן פונם בליק, ווי דער האַרמידער פונם אָבאָז וואָלט זיי איינגעשלינגען.

שמריה־משה דרייט זיך אויס אין שטוב אַריין. בערעלע ליאַרעמט און רייסט זיך מיט די הענטלעך נאָכן שראָלכן. חנה־רחל שעלט דעם מאַן, די גויע, דעם ממזר, און ס'איז נישט צו וויסן, צי מיינט זי דעם שראָל אָדער גאָר בערעלען, וואָס רייסט זיך אַזוי נאָך יענעם. זי ברעכט די הענט און כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.

— הערשקע איז אַוועק מיטן אָבאָז! — קלאַפּט־אָן אַז שויב מיט בייז־פרייד די גויע: נישט איכל־האָבן, נישט דו ווערסט האָבן, כאָליערע!

אַ רגע שטייט איר שנאהדיק, פון בייז פרייד־שיינענדיק פנים אין שויב, ווי אַ רויט נקמה־געלעכטער, און ווערט געלם.

— כאָליערע!...

* *

*

פאַרנאַכט שטייט שמריה־משה אויפן שאָסיי אַקעגן זיין שטיבל, אַן אוממנחה־געדאַוונטער, צעבראָכן פון דער פּאַסירונג און בלאַס פון פאַסטן דעם גאַנצן טאָג. עס שטייט איצטער, דאָס שטיבל, נאָך פאַריתומטער ווי שטענדיק אונטער דעם גרין־מאָכיקן שטרויען־דעכל, און טוליעט זיך צום שיטערן סאָד, ווי

אַ הינדל אונטער אַ פליגל פון אַן אויסגעצופּטער קוואָקע, אַז ס'נעמט אומ אָן אַ רחמנות. די אָפּגעבּרענטע מויער־מיל דאָ־נעבן, אויסגעמאָגערט און אויסגעצויגן ווי פון זיבן הונגער־יאָרן — און זי האָט דאָך געשפּייזט אַ וועלט! — קוקט מיט די פענצ־טער־לעכער אויפן שטיבל, ווי אַן אויסגעדייוורטע אָפּגעסמאַ־ליעטע גאַנדז. איר ווייס געקאַלכטער קאַנטאָר, דער אמבּאַר און די סטיינעס, וואָס זענען על־פּי־נס פאַרבּליבן — ווייסט צע־עפנט, הפקר, אין דער וועלט אריין. לער און וויסט אַרום. נאָר אַריינגיין אין שטוב, וווּ די שנור זיצט מיטן אייניקל, ווי אַן עגונה מיט אַ יתומל, איז נאָך שווערער. זאָלן זיי שוין כאָטש קומען, ריווע־לאה מיט בתיהן פונם מצה־ווערשטאַט און גיטל פון דער אַרבּעט ביי דער באַן.

ער גלאָצט מיט די אויגן אַרויפצו צו דער גרעבליע פונ־וואַנען זיי דאַרפן אָנקומען. די שיין פון דער זון וואָס לאָזט זיך שוין אַראָפּנידערן, טונקלט אים אין די אויגן. אָבער אַז עס טוט זיך פונדערווייטנס אַ מיניע אין דער ראָזלעכער פאַר־נאַכט־לופט עפּעס אַ שאָטן ווי אַ גרויסער פלעק, ווייסט ער שוין זיכער, אז דאָס גייען זיי. וואָרן ווער פאַרבּלאָנדזשעט היינט פון שטעטל אַהער. ער האָט טאַקע נישט קיין טעות אויך. מיט גיכע שפּרייזן, וואָס פּילן שוין די נאָענטקייט פון דער היים, בּענטערן זיך ריווע־לאה מיט בתיהן און גיטלען, די באָבע מיט די אייניקלעך אין די זייטן, ווי אַ דיקער, הויכער פּניאק מיט יונגע און בויגזאַמע שפּראָצן, האָבן זיך באַגעגנט אַפּנים אויפן וועג.

— זע נאָר, שמריה־משה, — פאַרוואונדערט זיך די אַלטע מיט שרעק: עפּעס זעסטו דאָך אויס ווי נאָך אַ תענית!?

שמריה־משה צוקט אונטער די פּלאַכע, שיטערע וואָנסעלעך, און טיילט זיי מיט:

— מהאָט היינט אינדערפרי געכאַפּט הערשקען אין אַבּאָז אַריין.

דער מזומן ווייבער שטייט אַן אויגנבליק „פאַרשאַלעמיעט”

און טוט זיך אַ לאָז פאַראַמאָל, ווי איבערגעשראָקענע געגנדז, מיט אַן אויסגעבראָכענעם יאָמער אין שטוב אַריין.

שמריה־משה גייט זיי נאָך, שאָקלט מיטן קאָפּ, און בלייבט שטיין פאַרן אַריינגיין מיט אַ טרויעריקן בליק אויפן שטיגל. אונטער דער סטרעכע טוט אַ שימער די פאַרגעלטע שטרוי און פאַראַמאָל טוט זיך די פענצטער אַ צינד אָן פון שקיעה.

עס דאַכט זיך אים, שמריה־משה'ן דעם דאָרפסגייער, וואָס קען אין די קליינע אותיותלעך, אַז עמעצער האָט אונטער דער סטרעכע אַ בלאַנק געטון מיט אַ חלף און אַ שטראָם־בלוט האָט פאַרכוואַליעט די שויבן

— אַ קרבן־פּסח... — מורמלט ער אָן זינען.

דאָס שטיבל יאָמערט.

אַן ערב־פּסחדיקע שקיעה, וואָס שמעקט מיט יום־טוב און פרילינג, האָט אויפגעהאָנגען אַ ראָזלעכע שיין אין אַלקער, וואָס איז פריש אָפּגעווייסט אין גרינעם, און באַשאָטן מיט פרישן זאַמד די פאַדלאָגע לכבוד פּסח. דאָס טישל נעבן איינציקן פענצטער, צווישן די מיט פריש שטרוי און איבערציעכן שמעקנדיקע בעטן, איז שוין געדעקט מיט דער פּסחדיקער דעק און פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן אויסגעלאַטעטן און אויסגעצערעוועטן גראָבן לייוונטענעם טישטעך מיט רויטע פאַסן ביי די ברעגן. אַקעגן קליינעם שטייענדיקן שפּיגל אויפן טישל שטייט מיט באָרוועסע פיס גיטל, די יונגערע טאָכטער הערשקעס, אַ זיבעצניעריקע מאָגערע און שלאַנקע ברונעטן, געראָטן מיט איר שוואַרצחנעוודיקייט אין דער מאַמען אַריין. מיט די ברוינע אַנטבלויזטע הענט ביז די אַקסל, פאַרשפּיליעט זי דאָס ווייסע סטאַניקל אויף דעם יונגן שטייפן בוזעם, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשליסן אין ענגשאַפט, און דריקט אַזוי בולט אַרויס מיט צוויי בערגעלעך, אַז באַלד וועלן, דאַכט זיך פּלאַצן די נעט. גיטל ציט מיט געוואַלד צו די קנעפּלעך צו די פעטלקעס, דריקט איין מיט שטיפערישן כעס די בערגעלעך, און וואָרגט זיי:

— קריכט נישט, אַז מע הייסט נישט!

דאַבײַ לאָזט זי נישט אָפּ די אויגן, ווי פּלעמלעך, פונם שפּיגל, וועלכער קאָן איר אינגאַנצן נישט איינראַמען אין זיך. און זי טוט מחמת דעם, אָט זיך דערווייטערן, אָט זיך דערנענטערן צו אים. זי דערזעט אין שפּיגל אירע ברוינע, געטאָקט־שטייפע פיס ביז די קני פון אונטער דער ווייסער האַלקע אַרויס, און זי טוט ווילד אַ שפּרונג אונטער מיט אַ טענצל:

— אויף אַזעלכע פיסלעך אַפּאָר זיידענע, שוואַרצע זאָקן אַבי אָנצוטון – וואָלט כדאי געווען זיך אין זיי אָנצוקוקן!

— משוגענע! הער שוין אויף, — שטערט איר אַ פּאַר־זויערטע שטים.

דאָס איז איר עלטערע שוועסטער בתיה, אַ דיקע, שאַטינע, פּיראַווואַנציקיעריקע מויד, וואָס זאָגט צו, אויף דער עלטער צו זיין אַ לעבעדיק אָפּבילד פון דער באָבע ריווע־לאה. זי זיצט איינגעקאָרמשעט מיט די קלעצערדיקע פיס אויף דער טאַבורעטע נעבן דער הרובע, וואָס איז אינדערפרי אויסגעהייצט געוואָרן עפּעס אָפּצוקאָכן און דאָס חמץ צו פאַרברענען.

— פוילע קאָץ! — ברוגזט זיך גיטל: ס׳געפעלט דיר שט, קוק נישט. זע נאָר — האָט זיך איינגענאָרעט אין דער וואָרעמער הרובע אַריין, ווי אַן איינגעדעקטע זויערע דייזשע, און פוילט זיך אַפילו דאָס העמד אָנצוטון.

— פוילע קאָץ! פוילע קאָץ! — שפּעט איר בתיה איבער מורמלענדיק: ווען דו וואָלסט דריי וואָכן נאָכאַנאַנד געקאַטשעט מצות אין ווערשטאַט, און צעבראָכן זיך דעם רוקן מיט אַלע ביינער... נאָר וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן! שפּרינגע־דיקע ציג...

זי קריכט שווער אַראָפּ פון דער טאַבורעטע און נעמט פון זיך אַראָפּציען דאָס העמד. גיטל באַטראַכט זייטיק איר אויסגע־מוטשעטע אויפגעפּוישטקייט און צעוירענע ווייכלייביקייט. די ברוסטן הענגען איר אַראָפּ אַזוי בידריק און אויסגעליידיקט, ווי גרויע צוזאַמענגעפאַלענע פּאַפּירענע לייקעס.

— קאַ-קאַ-קאַ! — צעלאַכט זיך גיטל, טענצלט - אונטער־
כאַפּט דאָס נייע קליידל פון די ווייספּאַרסינענע זעקעלעך, וואָס
זי האָט געקריגן פונם „שאַך" אַ מתנה. ציט עס אַרויף איבערן
קאָפּ, און רעדט פון קליידל אַרויס:

— איך האָב דיר אָבער געזאָגט: וואָס טויג דיר דער
ווערשטאַט! אַמיין וואָלסטו געווען געגאַן מיט מיר צו דער
באַן. מיינסט איך ניי מיר דאָרט אַ סך אָן...

— קוקו! — טוט זי אַ שטעק ארויס אַ צעשויבערטן
קאָפּ-האָר פון קליידל: דער אויפקוקער קוקט זיך אַפילו נישט
אום. קאַ-קאַ-קאַ: קוקט מיר אין די אויגן אַריין ווי אויף די
הענט... אַ פּאַדעם דורכציען געדויערט אַ יאָר מיט אַ חודש.
און אַז דער צוגספּירער קומט אַריין, לויפט מען גיך-גיך מיט
דער נאָדל, אַריין-אַרויס, אַריין-אַרויס:

— זיען זי, הער צוגספּירער. ווי שנעל איך אַרבעט!

— וווּנדערבאַר! — שפּעט זי איבער דעם
צוגספּירער מיט אַ געמאַכט גראָב קול: שאַדע זאָלכע פיינע
הענדכען... ניכט וואַר?

— המם... — ברומט בתיה, זיך נוזשענדיק פון דער שפּי־
רונג פון פרישן קילן העמד אויפן אויסגעוואַרעמטן לייב: איך
בין נישט קיין בריה צו סאָלדאַטן... מיינסט איך ווייס נישט...
אין ווערשטאַט האָט מען זיך גענוג אָנדערציילט פון די טיי-הייזער
און קאפּייגעס... זע, גיטל, דו נעם זיך נישט איבער מיטן
קליידל... — טאָמער עפּעס — וועט דיך די באָבע דורכטרייבן...
זי האָט שוין גערעדט מיט מיר...

גיטל זיצט איבערגעבויגן איבער די קני און פאַרשנירעוועט
זיך די שיך. פון ענגשאַפט אַרום בוזעם איז איר דאָס בלוט
אָנגעלאָפן אין פּנים, ווי זי וואָלט זיך אָנגעצונדן פאַר כעס.

— זעסטו, האָב איך טאַקע מורא! — זאָגט זי מיט גע־
שטיקטן שפּאָט, גלייכט זיך אויס, אַטעמט אָפּ, און חזרט איבער
מיט ערנסט און עקשנות:

— איך האָב קיין מורא נישט... איך בין שוין נישט

קיין קינד... איך האָב אַ „שאַץ" – איז וואָס? האָב איך מורא!. וועסט שוין זען – אַפילו היינט ביינאַכט וועט ער קומען צו מיר... ער האָט מיר געבעטן... ער וויל מיך זען פּאַרפּוצט...

— כאַ-כאַ-כאַ! — צעלאַכט זי זיך, פאַרשלייפנדיק די שיך-בענדלעך: פאַרטיק! איצט דאַרף איך בלויז איינפלעכטן די רויטע ליענטע אין די צעפּ „אונד איך בין פיקס און פאַרטיק, ליבער שאַץ"!

— וואָס-זשע לאַכסטו שוין ווידער, משוגענע ציג?! — איז די עלטערע שוועסטער שוין גאָר אויפגערעגט.

— וואָס איך לאַך? — בלייבט גיטל שטיין, ווי זי וואָלט ווירקלעך געקומען אין פאַרלעגנהייט, און שיסט באַלד ווידער אויס: כאַ-כאַ-כאַ! דו ווייסט ווי ביי זיי, ביי די דייטשן, הייסט פּסח? אָסטערן הייסט ער! כאַ-כאַ-כאַ! אָסטערן! הערסט אַ נאָמען!..

די קיכטיר שפּאַרט זיך אָפּ, אָבער זי איז פעסט פאַרקייטלט...

— קינדער, עפנט אויף! — באַפעלט די באָבע: ס'איז שפּעט. דער זיידע קלייבט זיך שוין אין בית-המדרש אַריין.

— גיטעניו: — איז זי מוסיף מיט פאַרדריסלעכן שפּאָט: אַז זי הייבט זיך אָן פּוצן, ווייסט זי נישט ווען אויפצוהערן.

— שוין, שוין! — שפּרינגט גיטל אינטער און קייטלט אויף.

די באָבע קומט אַריין אין אַ ווייסע שערץ, וואָס זעט אויס אויף איר דיקער פיגור, ווי אַ ווייס נאָזטיכל. זי האָט בדעה אָנצופּאַלן אויף „דער שנורס צירונג", ווי זי רופט גיטלען. אַלמאי זי איז אַזוי שפּעט אַרויסגעקומען מיטן אָנטאָן-זיך. אָבער אין איר בייזן, ערב-יומטובדיק-פאַרטאַראַראַמטן בליק פאַלט אַריין „דער שוויגערס צירונג", ווי חנה-רחל רופט בתיהן, מיט דער האַלקע און הנ"לב פאַרשנורעוועטע שיך,–לאָזט זי אויס צו גיטלען מיט גאָר עפּעס אַנדערש:

— זע נאָר זע, ווי דאָס האָט זיך „אויסגעפּאָצעוועט"! האָט

גאָר פאַרגעסן, אַז דער טאַטע ווערט ערגעץ פאַרשוואַצט אויף די וועגן... אָך און אַז ווײ!

— נאָר זי טשעפּעט זיך, די באָבע, איך ווייס נישט וואָס, — שלאָגט איר גיטל ברוגז איבער. און גייט אַריין אין שטוב.

אינמיטן דער יומטובדיקער און אויפגעראָמטער מרה־שחורה־דיקייט פון די רויט־געווייסטע שטוב־ווענט און געלבלעכן באַזאַמדיקטע פּאָדלאָגע, שטייט, אַזוי יומטובדיק און מרה־שחורה־דיק, דער זיידע. ער פאַרקנעפּלט דעם פּאַלטע ביזן רויטן האַלדזטיכל, שוין גרייט אַרויסצוגיין מיט די פריש אויסגעשמירטע שטיוול. עס שמעקט פון אים מרחץ אויפגעפרישטקייט. און ספּאַלט פון אים אַ שיין פון אַ יומטובדיקן קבלת־פּנים. אָבער דווקא איצטער וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס סטולעוואַטעקייט פון זיין ווינקלדיקער פּלייצע און דאָס מעלקייט פון בערדל. די וויעס זענען רויטער און בייזער.

... און דאָס איז אַלץ געוואָרן פאַר די לעצטע דריי וואָכן, וואָס מ'האָט דעם טאַטן צוגענומען אין אָבאָז אַריין, — פאַרטראַכט זיך גיטל. און ווייל די באָבע האָט זיך ערשט געטשעפּעט צו איר דערפילט זי אַ נטיה צום זיידן. און וועט אים זאָגן אַ באַנט וואָרט:

— ווער האָט דאָס אויסגעפּוצט די פּאַלטאַ, זיידע?

— די מאַמע דיינע, — ענטפערט ער באַזאָרגט, און גיט צו: אַ בת־טובים. הלואי וואָלט דיין טאַטע אַזוי געווען!...

גיטל פאַרשטייט נישט וואָס דאָס הייסט אַ בת־טובים, עס חדושן איר די לעצטע ווערטער וואָס זענען אויס צו זיין אַ פאָרוווּרף דעם טאַטן, און זי קוקט פאָרשנדיק נאָך דעם ייִדן ווי ער גייט אַרויס אין פאַרנאַכטיקן דרויסן אַריין.

מע דרייט אַרויס דעם לאָמפּ וואָס זיין שיין־טעצל איז פאַרהילט מיט קאָלירטן פּאַפּראָספּאַפּיר און דער הענגדראָט אַרומגעוויקלט מיט געקרייזלטע פּאַפּראָס־לאָקשן די ווייבער בענטשן ליכט. עס ווערט נאָך יומטובדיקער, אָבער אויך בולטער די מרה־שחורה. די מאַמע זיצט פאַרזאָרגט, איז נישט

אויפמערקזאַם צום קינד, און דאָס וויינט אַלע ווײַלע. בתיה איז מודיע אַז ס׳איז קיל, עס ציט פון טייך. רוקט זיך ווידער אַרײַן אין דער הרובע, און שווייגט דורך אַ מורליקן פון אַ קאַץ. די באָבע גייט אַרײַן און אַרויס פון קוך מיט רויט-געצנדיקע אויגן. סהערט זיך ווי זי רייבט כריין. און ס׳איז נישט קלאָר, צי זענען איר די אויגן פאַרלאָפן פונם כריין, אָדער פון עפּעס אַנדערש. ערשט ווען זי זעצט זיך שוין אַנידער אין שטוב, וואַרפט זי אַן אָנצוהערעניש סתם אין דער וועלט אַרײַן:

— אוּדאַי פעלט אונז כריין צום היי נטיקן סדר...

דאָס שטילקייט פון שטוב שלינגט איין דאָס אָנצוהערעניש, ווי אַ שוואָם-מוטנע וואַסער און ווערט שטרענגער, שווער ער.

גיטלס אויפגעלייגטקייט שטיקט זיך אין דער ענגשאַפט פון דער שטימונג אַרום, און זי אַליין ווערט צעשפּרונגען פון דע-נערווירטקייט וואָס געפינט נישט קיין אויספלוס. זי איז שוין באַצייטנס אין דערוואַרטונג אויפן „שאַץ”, טאַפּט זיך אַלעמאָל מיט ציטריקע פינגער ביים רויטן שלייפל פון די האָר, לויפט פון פענסטער צו פענסטער, ווי זי וואָלט געווען דאָ אין אַ שטייג. און אָטעמט פרייער אָפּ, ווען זי דערזעט דעם זיידן צוריקקומען פון דאַווענען.

— גוט יום-טוב! — ווינטשעוועט דער זיידע מיט אַזאַ אומעט אין קול, ווי ער וואָלט געזאָגט אַ גוטע וואָך, און שטעלט אַנידער אויפן טיש אַ גלעזעלע מיט בלאָטיקן חרוסת, ווי דער שוואַרצער זאַלב מיט וועלכן בתיה שמירט זיך די קרעץ צווישן די פינגער.

— גוט יום-טוב, גוט-יאָר! ענטפערן אַלע אין כאָר.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין בית-מדרש; — פרעגט ריווע-לאה.

די אַלטע מיינט, אפשר האָט מען דאָרט אין בית-המדרש גערעדט עפּעס פונם זון אירן, פון הערשקען; אפשר איז דאָ עפּעס אַ ידיעה ביי לייטן; אָדער אפשר וועט שוין גאָר גאָט העלפן אין די שלעכטע מלחמה וועט אַ סוף נעמען. אָבער דער-

אַלטער האָט וועגן דעם גאַרנישט צו דערציילן:

— וואָס זאָל זיך הערן? דעם בית־מדרש האָט מען דוקא אויסגעקאַלעכט אויף הייַנטיקן פסח, אַ רחבות!... יידישע זעלנער האָבן געדאַוונט — יאָ, — טוט די אַלטע אַ זיפץ, און שאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויף אים: דאָס האָט אויך דער רבונו-של-עולם אויסגעקאַלעכט אויף הייַנטיקן פסח...

— וואָ׳ דען, נעמט שמריה־משה אַרום דעם פסחדיקן טיש מיט אַ טרויעריקן בליק: די וועלט איז געגליכן צו אַ מיל, וואָס לענגער מע שטייט אין איר, אַלץ פאַרמעליקטער ווערט מען... כאָטש געווען קאָנען אַ זעלנער פאַרבעטן צום סדר...

— פעלן דיר נאָך פרעמדע צרות צום טיש!.. — שלאָגט אים איבער ריווע־לאה.

ווידער שוויַיגן אַלע. מע הייבט אָן פראַווען דעם סדר. אָנגעשטרענגט, פייערלעך און מרה־שחורהדיק. דער זיידע פרעגט זיך אַליין די פיר קשיות פאַרטייַטשט אויף יידיש. דאָ ברעכט די באָבע אויס מיט אַ יאָמער:

— און פאַרוואָס איז הייַנטיקער פסח ביי אונדז פאַרענ־דערט גע...

— נו־אָ יום-טוב! — ברומט שמריה־משה באַפעלעריש־ברוגז, און ענטפערט איר:

— עבדים היינו לפרעה במצרים...

בערעלע וויל נישט איינזיצן, און די מאַמע טראָגט אים אַריין אין אַלקער פאַרוויגן. די באָבע זאָגט נאָך דעם זיידן די הגדה, און באַקאַפּעט זי מיט טרערן. בתיה דרימלט. און גיטל פילט, אַז עס טראָגט איר אונטער. זי איז אויפגערייצט אויף אַלעמען און נאָך מער אויף זיך, ווייל זי פילט זיך שול־דיק, וואָס אָט וואַלגערט זיך איצט ערגעץ אַרום דער טאַטע, ווערט אויסגעריסן, און זי האָט דאָ אינזינען אַזעלכע זאַכן... ווי זי וואָלט זיך שוין מחיה געווען, ווען זי פטרט אָפּ דעם סדר!

אָבער עס ווייַזט אויס, אַז דער סדר איז נישט נאָר איר צו לאַסט. דער זיידע איילט זיך עפּעס צו שטאַרק מיט דער

הגדה, און די באָבע מיט דער מאַמען דערלאַנגען אייגס נאָך ס'אַנדערע דאָס עסן. און אַט גיסט שוין דער זיידע אָן דעם גרויסן גלעזערנעם בעכער, אליהו־הנביאס כּוס, שטייט אויף מיטן אייגענעם בעכער אין האַנט, און ווייזט אָן בתיהן צו עפענען די טיר.

— לאָז גיין גיטל, — נוישעט זי זיך פויל.

גיטל שפּרינגט אויף לייכט און עפנט גאַנץ היפּש די טיר. אַלע דרייען אויס די קעפּ אַהין, וווּ אליהו דאַרף אַריינקומען. און דער אַלטער טוט אַ זאָג מיט אַ שטרענג־פייערלעכן נוסח:

— שפוך המתך על כל הגוים...

אין דעם מאָמענט טוט זיך אין דער געעפנטער טיר אַ שטעל אַריין אַ רויט־זעלנעריש פּנים. גיטל טוט עס אַ שטופּ אָפּ מיטן בוזעם, און זאָגט שוין פון דפר צווייטער זייט טיר, מיט אַ ציטערדיק קול:

— בתיה... דו וועסט שוין צומאַכן... איך דאַרף אַרויסגיין פאַר דער טיר...

אָבער זי נאַרט קיינעם נישט אָפּ. אַלע זענען איבערראַשט. דער אַלטער פאַרגיסט מיט ציטריקער האַנט דעם טישטעך און שטעלט אַוועק דעם כּוס.

די ערשטע באַקומט דאָס לשון ריוועלאה.

— דאָס זענען דיינע געננג! — טייט זי מיט אַ שנאה־דיקן פינגער צו דער שנור אין האַרץ אַריין, און בריט איר מיט די אויגן, ווי מיט אָקריפּ:

איך האָב דיר געוואָרנט — לאָז זי בעסער גיין מיט מיר צום ווערשטאַט, און נישט צום באַן, צו די סאָלדאַטן!.. נאַ האָסטו!..

חנה־רחל בלייבט זיצן אויסגעלאָשן און זאָגט לאחר־יאושדיק:

— שוויגער! דאָס איז זי אין א י ע ר זון אַריין געראָטן!...

— וואַ-אָ-אָס? — לעכערט איר די שוויגער דעם אויער מיט אַ קוויטש, און שפּרינגט אויף ווי אַ פּאַס פון אָרט: דו האָסט נאָך די העזה? דאָס האַרץ?! די שיקסנאָ איינע!..

— בתיה. — באַפעלט שמריה-משה פאַרויסזעענדיק: גיי רוף אַריין גיטלען.

הגה-רחל קוקט נאָך בתיהן, און אַז יענע איז שוין הינ-טער דער טיר, וואַרפט זי אַ הרף-עינדיקן שנאה-בליק אויף דער שוויגער און רעדט צום טיש:

— איך בערל שוחטס אייניקל. בין נישט קיין שיקסנאָ, בין אין נישט.. לאָז דער שווער זאָגן... דאָס איז אייער זונעכו אַ שיקסעניק, שוויגער!.. אַ ממזר האָט ער אונדז אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין...

— און דו שווייגסט?! — טוט ריווע-לאה אַ שנייד מיט אַ קוויטש ווי מיט אַ חלף שמריה-משהס גאָרגל. און אַז ער ענטפערט איר בלויז מיט אַ זקנישן האַלדז-כאָרכל, טוט זי זיך אַ בייג אַריבערן טיש, און פאָרט אַריין מיט פאַרבויגענע פינ-גער, ווי קראַטן, דער שנור אין די האָר אַריין. דער טיש מיט אַלץ מיט אַנאַנדער טוט זיך מיט קלאַנגערייַ פון גלאָזוואַרג און פלאַצערייַ פון געשיר און געפעס אַ קער איבער — — —

דער אַלטער צוקט מיט אַלע קנייטשן און קאָרטשן פון זיין אַלטן דארן פנים, מישט זיך נישט אַריין, טוט אַ טיפן קרעכץ, הייבט זיך אויף און גייט אַרויס. אויף דעם הויזנטיר קומט אים אָן אַנטקעגן בתיה.

איך זע זיי דאָ נישט, זיידע. ווייטער פויל איך מיך צו גיין.

— איך וועל זיי שוין אויפזוכן.

ער דערווייטערט זיך אין סאָד אַריין. די ביימער טונק-לען ווי אַ נעץ אין אַ טייך לבנה-שיין. אָבער גיטלען איז אין ערגעץ נישט צו זען. ער הערט זיך איין... שטיל. אפשר סיידן קאָן מען הערן אליהו-הנביאס טריט אין דער לופטן. פון דערווייטן דערטראָגט זיך דייטלעך דער רויש

פון דעם וואַסערפֿאַל פון טייך ביי די אויפגעהויבענע בריק-שליוזן. אינם רויש פון דעם וואַסער דאַכט זיך עפּעס צו הערן נאָך אַ קלאַנג אַ האַרטערן. ער לאָזט זיך גיין אַהינצו. פאַר דעם שטאַמענצווייליגנג פון די דעמבעס-ביימער, ווו הערשקע האָט דאָס לעצטע מאָל געפּאַשעט דאָס קעלבע׳ע, בלייבט ער שטיין און אויפן לבנה-באַלויכטענעם פּאָן פון דעם שטאַמענצווייליגנג דערזעט ער אַ מענטשנצווייליגנג, צוגעפּרעסט פּנים-אל-פּנים, ווי צוזאַמענגעוואַקסן. אויפן טאָפּעלן פּראָפיל שפּילט אַ שיטערער וואַל פון צווייגן-שאָטנס.

— אוי! טוט גיטל אַ לייכטן איבעראַשטן קוויטש, און דער מענטשנצווייליגנג שפּאַלט, צושיידט זיך אין צוויי ריכטונגען.

שמריה-משה קוקט נאָך אַ ווײַלע גיטלען, וועגט אָפּ, אַריינ-צוגיין אין שטוב אָדער נישט, און קאָן זיך נישט באַשליסן. ס׳איז שווער, אַזוי שווער! ער לאָזט זיך אַראָפּגיין מיטן לאָנקע-טאָל, דערנענטערט זיך צו דער טוריע, און בלייבט שטיין ביי איר ברעג צוזאַמען מיט זיין שאָטן, ווי אַן איבערגעקערטער דלת.

דער טייך איז נישט רויק. ער לאָזט אַרויס פון זיך אַזעלכע משונהדיקע געשעפּטשערייען און פּליושקעט אָנם ברעג. ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיטן איינגעשלונגענעם הימל און זילבערנער לבנה-זייל. ער וויגט זיך צוזאַמען מיט זיי און וויל זיי אַרויסוואַרפן אויפן ברעג. פון ווייטן רוישט אַריין אין אויער דער ווייסער שוימיקער וואַ-סערפאַל, און טראָגט אין זיך דייטלעך אַ געוויין פון יתומים, עגונות, און טאַטע-מאַמעס וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע זין.

דער רויש שלעפּערט איין.

— שמריה-משה! שמריה-משה! — דערטראָגט זיך ווי פון אונטערן באָדן ריווע-לאהס קול, נבער ער קאָן זיך פון אָרט נישט רירן, ווי ער וואָלט געווען פאַרכשופֿט. טרערן קאַפּן אים אַריבער די רויט-איבערגעקערטע וויעס, און פאַלן אין טייך אַריין.

— זיידע! זיידע! — רופט אים ווי פון הימל אַראָפּ, גיטלס קלינגעדיק קול, אָבער ער קאָן די פיס נישט צעפירן.

— ס׳איז אַ ליל-שמורים!... — פאַלט אים אַ שטיל גע-

מורמל פון מויל אַראָפּ, און ער פאַלט אַנידער אויפן פייכטן ברעג.

* * *

אסרו-חג, ווען דער סאַד שטייט שוין אָנגעקניפּעוועט מיט יונגע קליינע קנאָספּעלעך, אַ טרייסט און פרייד פאַרן אַלטן קראַנקן שמריה-משה, שטייט ער, שמריה-משה, אַ געעלטערטער און צעבראָ-כענער, צוגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, פאַר זיין שטיבל. אויפן שאָסיי אַקעגן שטייט אַ גרויסער געפּאַרבטער דייטשישער וואָגן. צוויי דייטשישע זעלנער, איינער פון זיי גיטלס „שאַץ", העלפן אַרויסטראָגן און אויפלאָדעווען חנה-רחלס „מעבל", בעטגעוואַנט און כלים.

חנה-רחל קלויבט זיך אַריבער אין אַ גויאישער כאַטקע ער-געץ אין אַ הינטערשטער גאַס אין דער צווייטער זייט שטעטל.

חנה-רחל איז פאַרטרוד. בתיה מיטן קינד אויף די הענט שטעלט זיך נעבן זיידן, און הערט וואָס ער זאָגט איר אָן:

— זעסט דאָך, בתיה — מיר וועט שווער זיין זיך שלעפן אַזש אַ הינצו אויפן שטעקן מיטן פאַרקילטן פוס — איז ווען ווּעסט נאָר צייט האָבן, קום צוגיין מיטן קינד. אַמאָל, ווען איך וועל מיך נאָר פילן אין די כוחות, וועל איך מיך פאַרשלעפּן צו אייך אויך.

— בתיה! — קלאַפּט איר די באָבע אָן אין פענצטער, ווען די מאַמע איז פאַרפאַרעט מיטן קאָפּ אין וואָגן: למען-השם, זאָלסט אַלע טאָג ברענגען דאָס קינד אַהערצו.

זי עפנט דאָס פענצטער און איז מוסיף:

— און נאַדיר דעם טאַטנס טלית-און-תפילין, זאָלסט אים אי-בערהענגען איבער בצרלען צוקאָפּנס.

די פור רירט און רודערט אויף דעם שאָסיי. צוגעבונדן מיט אַ לאַנגן שטריק צום וואָגן שפּאַרט זיך איין נישט צו גיין און לויפט נאָך בעל-כרחך, ווען דער שטריק ציט, אָן דאָס קעלבעלע.

— ווערט געזונט, שווער, — געזעגנט זיך חנה-רחל: צו

אייך האָב איך גאָרנישט... זייט נישט קיין גאַסט ביי אונדז.

— גיי געזונט, — שאָקלט ער איר צוריק מיט אַ ציטער־דיקן קאָפּ און פינטלדיקע אויגן: היט מיר אָפּ דאָס קינד, חנה־רחל, דעם איינציקן קדיש מיינעם...

זי כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און דערוויַיטערט זיך אויסברעכנדיק מיט אַ געוויין.

בתיה גייט איר נאָך פּאַמעלעך. נאָך לאַנגזאַמער שלעפּט, זיך נאָך עטלעכע טריט דער שווער און בלייבט שטיין. פון פענצ־טער אַרויס קוקט נאָך טרויעריק די אַלטע שלעכטע באָבע מיט פיבערדיק־טרוקענע אויגן. און פון שטאַל אַרויס לאָזט זיך הערן די קו מיט אַ תּרעומותדיקן און בענקשאַפטלעכן:

— מו־ו־ו!

פאַרטאָג. נאָך פּאָר זונאויפגאַנג. די שייבלעך זענען מאַט־באַהויכט מיט טוי מחמת דער קילקייט אין דרויסן. דער חלל פון דער ברייטער, אָבער נידריקער כאַטקע איז ווי איין גרויסער ווייכוואָרימער אָנגעאָטעמטער שאטנבאַלעם, אין וועלכן עס זייט זיך דורך אין סאַמע מיטן אַריין ווייסע שטראַליקע און פלעקיקע באַגינענשיין. ס'איז דושנע, און דאָס דושנעקייט ווערט געקיצלט פון מענטשלעכן אָטעם און כראָפּ, ווי פון געגנדזיענע פעדערס. און דערוואַרט־אומגעריכט דערהערט זיך פון דרויסן דער קריי פון דעם קליינעם יידישן פּאַסטוכל, ווי פון אַ קראַנקן האָנטשיק:

— חנה-רחל, לאָזט אַרויס דאָס קעלבל!

חנה-רחל הייבט זיך אויף באַהיט און פּאַמעלעך, כדי דאָס קינד נישט אויפצוועקן, און כאַפּט אַרויף דאָס אונטערקליידל. אונטער אירע באַהיטעוודיקע, שלעפעריק־וואַרעמע הענט געניצט הויך און טיף די דיקע גאַנצע טיר אין הויז אַריין, שאַרף און אָפּגעהאַקט — דאָס טירל אין שטאַל אַריין, און שרייענדיק, כמעט ווי אַ קרעכץ, טוט אַ גענעץ דער גרויסער שטאַל־טויער אינדרויסן אַרויס. דאָס קעלבל אין שטאַל־ווינקל דערהייבט אַ דרימלענדיק קעפּל פון צווישן די איינגעקאָרטשעטע פיסלעך, און

שפרינגט פאַראַמאַל אויף פון געלעגער, ווי אַ שטיפעריש ייִנגל אין טייך אַריין, אַזוי טוט עס דורכן אָפענעם טויער אַ שפּרונג אַריין אין דער טאָג־ליכטיקייט, און, אָפּגעבאָדן אין שיין, הייבט עס אָן בריקעווען און אַרומטענצלען אַרום פּאַסטעכל.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! — ענטפערט חנה־רחל אויף דער באַגריסונג פון דעם יידישן פּאַסטעכל, און, פאַרבלענדט פון ליכטיקייט אין דער רעם פון אָפענעם טויער, באַטראַכט זי דורך פאַרשפּונענער ברעמען־נעץ זיין גאַנצן באָרוועסן און שמאַטיקן עלנט.

— וואָס מאַכט עפּעס דעם שווערס קו? — פרעגט זי אים מער מיט דער כוונה אָבציהאַלטן אים נאָך אַ רגע, און באַטראַכט דערווייל זיין אויסגעצויגן, דורכזעעוודיק, שוואַרץ־אָפּגעברענט פּנימל צווישן צוויי גרויסע גלייכליגנדיקע פּאות, ווי שטיקלעך שוואַרץ געוואַנט, מיט גרויסע חלום־אויגן, דורשטיקע איינצוזשלינגען וואָס מער רוים און שיין.

— וואָס? — ענטפערט פאַרחמט דער קליינער: זי פּאַשעט זיך.

...אַזוי ווערט פון דעם אָן א טאַטן!... — טראַכט חנה־רחל, פאַרמאַכט לאַנגזאַם דעם טויער, און הערט זיך איין צו זיין סקריפּענדיקן קרעכצן, ווי ער וואָלט אויף באַדויערט דאָס פּאַסטעכל, וואָס מיט אַ דאַר שטיקל ברויט פון דער הויזנקעשענע און אַ ביסל בגנבה אָפּגעמאָלקענע מילך קומט ער נעבעך אָפּ דעם גאַנצן לאַנגן זומערדיקן טאָג.

חנה־רחל זיפצט־אָפּ און לייגט זיך צוריק אין בעט אַריין. אָבער איינשלאָפן קען זי שוין נישט מער. ווי אויסגערוט נאָכן שלאָף, לייגט זיך ערשט אויף איר שווערער דער יאָך פון זאָרגן איבערלעבענישן און האַרצעסעניש. אַלץ מישט זיך איצט ביי איר אויס אינאיינעם: אי דאָס וואָס דיר שווער, אַ קראַנקער ייד נעבעך, איז דאָרט אַליין אויף דער שוויגערס השגחה... און פּרנסה — וואָס? קוים וואָס זיי „זשיווען" זיך אויס מיטן שטיקל קו!... און דאָס וואָס הערשל האָט איר און די קינדער אַזוי

אָפּגענאַרט... און זיך אַליין אַזוי ביטער באַשטראָפט!... אַי דאָס וואָס גיטל ברענגט אַזוי אָפט „מתּנות“, קומט אַלע אָוונט מיטן „שאַץ“, און מען וואַלגערט זיך ביז שפּעט אינם סעדל... און צו־לעצט — און דאָס איז טאַקע דאָס ערגסטע — בתּיה!... וואָרן באמת, פֿאַר גיטלען איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן. גיטל איז גענוג קלוג. זי איז נישט קיין קינד, זי זאָל נישט וויסן וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר נישט... — מאַמע, פֿאַרלאָז זיך שוין אויף מיר אַליין... — מאַמע, כ׳קאָן מיין שטעטל אַליין באַשטיין... — אַזוי ענטפֿערט זי איר אָפּ ווען זי מוסרט איר וועגן דער אויפֿפֿירונג. אָבער איר, דער „סטויפּ“ בתּיהן, איר האָט מען נישט געטאָרט אוועקנעמען פֿון דער באָבעס פֿאַרטעך. פֿון זינט „אַברעמל“ איז געוואָרן אַהער אַן אַריינגייער, ברענגט איר „מתּנות“, און אַ האַלבע פּרנסה איז פֿון אים, איז זי גאָר אַן אַנדערע געוואָרן. עפּעס לעבעדיקער און רירעוודיקער גאָר. צינדט זיך גלייך אָן ווי־נאָר דער „יידישער גוי“ קומט אַריין, און לאָזט זיך טון אַלץ, אפֿילו פֿאַר דער מאַמען אין די אויגן. אַ בייזער טון זיך פֿאַר איר אין די אויגן — ווי קען מען דאָס? – אַז ער איז אַ פֿעלד־זשאַנדאַר! און פֿאַרשטייט דיר יעדער וואָרט!.. און רעדט יידיש ווי אַ וואַסער, ווי אַ ייד (אפשר איז ער טאַקע אַ ייד?.. דער בראָך ווייסט עס!..) כאָטש דאָס פּנים איז אַזאַ גויאישק און רויט און גלאַנציק, ווי קאָלבאַס... און אונטער זיינע אויגן דערשרעקט זי זיך אויך קנאַפּ־וואָס. שפּרינגט אַמאָל אַרויס מיט אַזאַ העזה, אַז אַזעלכעס וואָלט מען זיך קיינמאָל נישט געריכט: — מאַמע, איך בין אַזוי ערלעך ווי דיין מאַן!.. (האָט אַ פּנים זיך אונטערגעהערט דאַמאָלס צום וויסטן סדר הינטער דער טיר, און ווייס די גאַנצע שיינע מעשה... אַ בראָך צו די יאָרן!.. אַז דאָס מויל צענעמט זיך גאָרנישט צו רעדן פֿאַר אַ קינד אַ וואָרט וועגן דעם...) אַנומלט האָט זי דאָך איר גאָר ווי מיט אַן אָקריפּ אָפּ־געגאָסן: — מאַמע, – זאָגט זי: דו מיינסט איך ווייס נישט וואָס דיך קרענקט... דו ביזט מיך מקנא... אַז דער טאַטע איז

נישטאָ... — „סטויפּ״! „ריווע־לאהביו״! — האָט זי דעמאָלס אַ געשריי געטון, אַ צעקאָכטע אַרויסגעלאָפן, און פון דער שוועל פאַרענדיקט:

— אפשר וואָלסטו שוין, ווי די באָבע, אַריינגעקראָכן מיט די נעגל דער מאַמען אין די האָר אַריין!? — — זי האָט איר געמוזט אָפּטרעטן!..

חנה־רחל ווערט רויט פאַר בושה, דרייט זיך איבער מיטן פּנים צו דער וואַנט, און טראַכט ווייטער:

... וואָרן איצט ווייסט זי דאָך שוין אַליין, אַז דער „סטויפּ״ האָט געזאָגט אַן אמת. עס מאַכט זיך. אַז „אברעמל״ קומט אַריין, טרעפט נישט בתיהן אין שטוב, אַוועקגעגאַנגען מיטן קינד צום זיידן, איז פאַר אים רעכט די מאַמע שטאָט דער טאָכטער. און זי, חנה־רחל, בערל שוחטס אייניקל, אַן אשת־איש, אַ מאַמע פון קינדער שוין צו דער חופּה, לאָזט זיך גלעטן, באַזוכן „פּילייכט האַבען זי איינען שמיגעל אונטער די קליידער״ און אַנטלויפט נישט אפילו ווען אַ גראָבע האַנט טוט אַ דריק די איינגעשרומפּענע ברוסט, ווי מע דריקט אויס אַ פאַרטרוקנטן ציטרין! זי מוז זיך מודה זיין פאַר זיך אַליין: זי וואַרט שוין היינט אויף אים גלייך מיט איר, מיט דער טאָכטער, און טרייבט איר אַלץ אָפּטערער מיטן קינד צום זיידן...

— אייער טאָכטער איז בליענד, אָבער טיילמאָל איז מיט אייך פיל אָנגענעמער... זי האַבן יידישן חן... — איז „אַברעמל״ מיט איר, דער מאַמען גאַנץ אָפנהערציק — און וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ עזותדיקער — רופט איר שלאָפן אין סאָד... וואָס יועט זיין דערפון?.. אונטער אירע אויגן איז ער דאָך אויף־געוויס מיט דער טאָכטער אויך דאָס אייגענע... ער זאָל איר נאָר.. גאָט אין הימל!..

— אָ־אָ־אָה! — גענעצט ניטל אַרויס פון געלעגער. דער גענעץ קלינגט מעטאַליש־העל און שטיפעריש־פריש אין דער ני־דעריקער סטעליע אריין, ווו שאָטן טולי ט זיך דעם גאַנצן טאָג, ווי שטייענדיקער רויך, געשיצט פון דעם שטרויענעם דאַך־דאַשעק

וואָס איז טיף אַראָפּגערוקט איבער די פענצטערלעך־אויגן. זי דערשפּירט, גיטל, דעם זונאויפגאַנג דורך די קליינע פאָדערשטע פענצטערלעך און שפּרינגט לייכט אַריבער בתיהן פון בעט אַראָפּ. דאָרט ביים זיידן איז דער מזרח געווען פאַרשטעלט מיטן סאָד. דאָס זעט זי אים אַלע טאָג. זי לויפט צום פענצטערל. די אויגן טובלען זיך אין ראָזער שיין און ווערן גרעסער. פון הינטער דעם באַרג אַרויס ביים האָריזאָנט שאַרט זיך אַרויס אַ קיילעכדיקע טונקל־רויטע קויל און בלייבט ליגן אונטער דער ווינטמיל דאָרט אויפן שפּיץ באַרג, ווי אַ גרויס איי אונטער אַ ריזיקן, גרויען פויגל מיט צעשפּרייטע, פאַרגליווערטע פליגל. ווייכע קנויליקע וואָלקנס ציבדן זיך, ווי קופּעס, און אַ האַלבער הימל ווערט ווי באַפּודערט מיט אַ רויטן אַש.

— אַ שׂרפֿה, מאַמע, — וויצ׳ט זיך גיטל מיט אַן אויפ־געלויכטן פּנים: מע דאַרף לויפן נאָך וואַסער.

זי טוט זיך שנעל אָן, לויפט אַרויס, פאָרעט זיך אין הייזל און שטייט באַלד אין דרויסן ביי דער אָפענער טיר נעבן אַ רויכערנדיק סאַמאָוואַרל. ביז עס וועט אויפזידן, אָטעמט זי דערווייל אַריין פרישע לופט און באַטראַכט די געגנט, אַרויס־שפּאַצירנדיק הין־און־צוריק. די כאַטקע, זייטיק־אָפּגעזונדערט פון דער הינטערשטער קריסטלעכער מאָנאַסטיר־גאַס, זעט אויס אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ קרעציקער, אינמיטן פעלד אַרויס. אַריינ־געזונקען אין דר׳ערד, פאַרשטעקט אונטער דעם אַראָפּגערוקטן שוואַרץ־שטרויענעם דאַך מיטן גרין־ליימיקן רוקן, טוליעט זיך עס הינטן מיט אַ געבויטן שטאַל און שטעלכל צום סעדל. דאָס סעדל, אַרומגעצוימט צוזאַמען מיטן גאָרטן מיט אַ געל־ברוינעם פון ריטלעך אויסגעפלאָכטענער צוים, שטייט איצט, אום חודש אייר, אין סאַמע מיטן בלי, ווי אָפּגעגאָסן מיט ווייס־ראָזלעכע שויב־קנוילן. ווייטער זעט זיך אַ געל־און־ווייס באַצאַצקעטע לאָנקע. און נאָך ווייטער, באַלכסון, דער הויכער און געדיכטער סאָד פון פוסטע ביימער אַרום דעם מאַנאַסטיר־קלויסטערל, וואָס שטעקט מיט אַ גרינגער שפּיץ, ווי אַ פּיקע, אין הימל אַריין.

דער סאָד דאָרטן איז אָנגעשפּיקעוועט מיט קראָעשע נעסטן, און וומחנות ייז הייבן זיי זיך פון דאָרט אַרויס צו באַהערשן די גאַנצע געגנט מיט זייער קראַקן.

גיטל שטעלט זיך אָפּ ביים סאַמאָוואַרל זען, צי ס'האָט שוין אויפגעזאָטן, און פאַרקוקט זיך ווייטער אויף דער געגנט קעגנאיבער זיך. דאָס נישט-באַאַרבעטע פעלד איז ווילד פאַר-וואָקסן. פון צווישן הויכע ווילדע קרייטעכצער איז שוין קוים צו באַמערקן אַ שמאָלע, גרויע ליענטע פון דעם פאַרלעגענעם וועג, ווו קיינער פאָרט היינט נישט פאַרביי. די שטאַרצנדיקע פאַרקוילטע סלופּעס פון דער שורה אָפּגעבּרענטע שייערן, גלענצן מיט זייער קויל, ווי פעדערן פון קראָען. ווייטער לאָזט זיך דאָס פעלד אַראָפּ אין אַ טאָל, פונוואַנען עס קוקט אַרויס אַ מאָ-גערער, נאַקעטער, גרויער צלם. און נאָך ווייטער הייבט זיך אָן דאָס פעלד אַרויפצוהייבן, ווערט גרויער ווי אויסגעקראָכן, דורכ-געשניטן מיט אַ זיגזאַגעדיקן גאַרטל פון אָקאָפּעס, און דערגרייכט אַזוי באַרג-אַרויף ביז צום האָריזאָנט. די זון שטייט שוין דאָרט איצט אַ ווייסע איבער די פליגל פון דער מיל.

— בתיה! ריר זיך שוין פון אָרט, — הערט זי דורך דער אָפענער טיר ווי די מאַמע מיגטערט איר דאָרט: האָסט אַפּנים פאַרגעסן, אַז מע דאַרף דעם גאָרטן דערגראָבן.

יענע האָט אָבער פונדעסטוועגן גישט קיין חשק דערצו און מורליקעט פויל און בייז:

— לאָז צורו!

— די פוילע קאַץ דראַפּעט זיך! — צעלאַכט זיך גיטל, און טראָגט אַריין דאָס זינגעדיקע סאַמאָוואַרל אין שטוב, וואָס פילט זיך אָן ווי מיטן געזאַנג פון אַ שירה בינען.

ערשט ווען גיטל שטייט שוין אָנגעשפּאַרט אָן פענצטער מיט אַ גאָלדן-פינקלדיקע גלאָז טיי אין איין האַנט. און מיט אַ רעפטל ברויט געשמירט מיט האָניק-ערזאַץ אין דער צווייטער, הייבט זיך בתיה אָן אָנטון, און כאַפּט זיך צום עסן מיט נאָכנישט קיין פאַרשפיליעט קליידל.

אָפּגעפּערטיקט, קושט גיטל בערעלען אין שלאָף, און זאָגט א גוטן טאָג אויפן גאַנצן לאַנגן זומער-טאָג. חנה-רחל גייט אַרויס אויפן גאָרטן, און בתיה בלייבט אין שטוב ביז דאָס קינד וועט אויפשטיין, אָפּעסן, דעמאָלט וועט זי אויך היניערקומען. אָבער זי קומט נישט היניער. און חנה-רחל אַרבעט אָפּ אליין אין איין אָטעם ביז צוועלף א זייגער בערך. ערשט ווען די זון לייגט זיך איר אויף דער געבויגענער, צעבראָכענער פּלייצע, ווי אַ געגליטער אייזן, און דער מח גיסט זיך אָן מיט שווערן בלײַ, גלייכט זי זיך אויס און ווישט-אָפּ דאָס שווייסיק-נאַסע פּנים. זי גייט אין שטוב אַריין אָפּקאָכן עפּעס מיטאָג. סיי זי, סיי די טאָכטער קוקן שוין דעמאָלט אויס „אַברעמלען". אין דער צייט ווערט ער אָפּט פריי פון דער דינסט און קומט צו גיין. און איינע שיקט דעריבער דער צווייטער אין מאַרק אַריין איינ-קויפן.

— איינערנעכטן בין איך געגאַנגען, — דערמאָנט זיך בתיה מיט צאָרן: גיי דו היינט.

חנה-רחל גיט איר נאָך. נאָר איידער זי גייט אַרויס, איז זי איר מתרה:

— געדענק, שטיק פלייש מיט אויגן, איך וועל דערציילן דער באָבען...

קומענדיק פון מאַרק, אָנגעלאָדן מיט גרויפּן, ציבעלעס, אַלערליי אַנדערע קלייניקייטן, און מיט אַ פולן פּאַק שטאָט-נייעס, טרעפט שוין טאָקע חנה-רחל דעם יידישן פעלד-זשאַנדאַר ביים טיש איבער אַ קאָלירט פלעשל מיט אַן אָנגעפּילט גלעזל. נעבן דער טאַבורעטע, וועלכע איז מיטן גאַנצן דעקל פאַרשלונגען פון „אַברעמלס" פערדישן הינטן, קאַראַבקעט זיך בערעלע און וויל אַרויף אויפן „פּעטערס" קני. בתיה שטייט ביי דעם פריי-פּעטשאָק, פרעגלט ווורשט אויף אייער, און מיט די באַלעבאָסטע-מעסיק פאַרלייגטע הענט הייבט זי אַרויף די ברוסטן, ווי זי וואָלט זאָגן: וואָס טויג אייך דאָס געפּרעגלעכץ, אַז איך קאָן אייך דערלאַנגען „אָט-דאָס" אויפן טיש!... זי איז פאַרשוויצט

און רויט, ווי אַ פּעט קופּערן פּענדל פון אינעווייניק.

„אַברעמל" גיסט אָפּ חנה־רחלן מיט אַ ליכטיקן, שיכּורלעכן בליק. איר צופרידנקייט מיטן „גאַסט" גיסט זיך איר אויס איפן רינעם פּנים מיט אַ לייכטער ראָזלעכקייט. און אין די אויסגעלאָשענע אויגן מיט אַ ליכטיקן שימער. זי באַגריסט זיך מיט אים און וויל אַרייַנגיין אין אַ שמועס:

— הער...

— אברהם. זאָגט אברהם. — העלפט ער איר אונטער.

— הער אברהם, אָטעמט זי אָפּ פון אָנגעלאָפענער היץ און פון גאַנג: עפּעס האָב איך דאָרט געהערט גרויס נייעס אין מאַרק: מע וועט הייַנט שיסן אַ שפּיאָנקע אין דער אָרטסקאָמענדאַ! טאַקע אמת?

„אברעמל" שמייכלט, פאַרצערט פריער די פּאָרציע, וואָס בתיה דערלאַנגט אים, פאַרטרינקט מיט עטלעכע עכט יידישע „לחיימס" און ערשט איצט דריקט ער אויס די דיקע, פאַרפעצטע וואָנסעס מיט גרויס הנאה, צופרידנצושטעלן די פרויען וואָס וואַרטן מיט אַזאַ שפּאַנענדיקער נייַגעריקייט, און דערציילט מיט הפסקות:

— ווירקליך, אין דעם דאָרף בודאָוואַלני, וואָס ליגט ערגעץ אין וואַלד, האָט מען ענטדעקט רוסישע געפאַנגענע. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ יונגער פויערטע. די פויערטע זעלבסט אנערקענט זיך אַלס שולדיקע. זי איז אַליין, מיט אַ קליין קינד. עטוואָס קלענער פון אייער בערלען. דער מאַן האָט איר אַוועקגעוואָרפן. אַליין אין דאָרף, דער שפּייז־פאָרראַט האָט זיך אויסגעשעפּט — איז איר אויסגעקומען ענטוועדער פאַר הונגעד מיטן קינד אויסגיין, אָדער דאָס קינד אַליין לאָזן און גיין זוכן פאַרדינסט. יאַ. די געפאַנגענע האָבן איר אַלזאָ פון דער שרעקליכער לאַגע געראַטעוועט. מיט איינען וואָרט — מ'האָט דאָס ענטדעקט. דאָס קריגס־געריכט אנערקענט ניט קיינע פאַר־ענטפערונגען. הייַנט אוונט־צייט וועט זי געשאָסן ווערן.

ער בלייבט שטיין, פאַרדרייט אַ וואָנסע, און שמייכלט מיט דעם שמייכעלע וואָס האָט צו באַטייטן — און איך האָב

נאָך שענערס צו דערציילן! און איידער נאָך די פרויען באַפרייען זיך פון איבעררעשונג צו זאָגן אַ וואָרט, פאַלט עס אים אַרויס פון מויל:

— זי ווערט געשאָסן דא היר ביי דעם קרייץ.

— גאָט מיינער! — דערשרעקט זיך חנה־רחל.

— דאָ אָקעגן ביי דעם צלם?! — זאָגט אין אייגענעם כּאָן בתיה.

— האָבן זי קיין אַנגסט נישט, – באַרויקט זיי „אַברעמל״ מיט אַ שמייכל פון אַ שטאַרקן — די קוילן וועלן אַהער נישט טרעפן.

— מאַמע, — זאָגט בתיה פאַרלוירן, איך האָב מורא. איך וועל דאָ נישט זיין. כ׳וועל אַוועקגיין פאַרנאַכט מיטן קינד צום זיידן.

— גיי, אַז דו ווילסט, — איז חנה-רחל צופרידן אין דער האָפנונג, אַז „אַברעמל״ וועט קומען פאַרנאַכט־צו נאָכאַמאָל.

— און זי בלייבן? — פרעגט אברהם מיט אַ רויט געלעכטער.

— יאָ, קאָקעטירט חנה־רחל מיט איר מוטיקייט — איך האָב נישט קיין אַנגסט בלייבן דאָ אַליין...

— אויב זי ווילן, – קומט אַ פאָרשלאַג—וועלן זי פאַרנאַכט גיין מיט מיר צום קרייץ, זען די עקזעקוציע, יאַ?

— ס׳איז שרעקלעך, – טוט זי אַ שוידער, און שטימט איין – מיט אייך וועל איך גיין...

„אַברעמל״ הייבט זיך שווער אויף, און שפּאַרט־אונטער מיט זיין שלאַנקער הייך די סטעליע.ביידע פרויען קוקן אויף אים מיט תאווה און באַוווּנדערונג. ער וואַרפט מבינותדיקע בליקן פון דער אויף דער, און שלאָגט לסוף פאָר בתיהן, צו גיין אַ ביסל אין סעדל אַריין „אָפּרוען״. זיי גייען אַרויס, חנה־רחל פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ פון אייפערזוכט, און שטעלט זיך קאָכן דעם מיטיק. נאָר אַלעמאָל לאָזט זי איבער די קיך און לויפט צו די הינטערשטע פאַרשאָטנטע פענצטערלעך, וואָס

גייען אַרויס אין סעדל אַריין. זי זעט זיי אָבער נישט דורך די שטאַמען פון די ביימער. און מיט אַ געפיל וואָס איז צוזאַמענגעמישט פון נקמה און שרעק, טראַכט זי שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: מיט דער „סטויפּ" וועט אַן אומגליק געשען!.. זי פאַרשטייט זיך דען צו היטן... ער איז דאָך שכּור איצטער...

צום מיטיק, אין אַן אַנדערטהאַלבן שעה אַרום, זעצן זיך ביידע, די מאַמע מיט דער טאָכטער, ווי צוויי פרעמדע הענער וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס צעממיתט ביז בלוט און צעגייען זיך ברוגז. די טאָכטער, מיט אַ צעגליט פּנים, מיט אַ נישט־געהעריק פאַרשפּיליעטער בלוזקע און ווילד־צעפּלאָשעטע האָר, לייגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַריין די אויגן אין דער שיסל און עסט זיי פון דאָרט עקשנותדיק נישט אַרויס. די מאַמע ווידער זיצט איינגעשרומפּן, פאַרגרינט, און ס'פּלאָנטערן זיך אירע אויסגעלאָשענע אויגן אין דער טאָכטערס האָר, ווי פאַרמאַטערטע שוואַרצע זשוקעס. זיי שטומען ביידע.

אָפּגעמיטיקט, גייט בתיה תּיכּף אַוועק מיט בערעלען צום זיידן. חנה־רחל גייט ווידער אַרויס אויפן גאָרטן. נאָר פאַרבייגייענדיק זאַמט זי זיך אַ ביסל לענגער אינם סעדל. זי קוקט אַרום אומעטום דעם באָדן, און זוכט די שפּורן פון בתיהן מיט „אים". אויף איין אָרט וווּ דאָס גראָז ליגט איינגעלייגט, שטעלט זי זיך אָפּ, און איר טויט־פאַרצווייפלטער בליק פּויזעט, ווי אַ וואָרים אין אַן אָפענעם קבר, איבער די צייכנס פון שווערע מענטשלעכע קערפּערס. זי וועגט אויף דער וואָגשאָל פון השערה: וואָס איז דאָ געשען?.. איז דאָ כאָטש קיין אומגליק נישט געשען!?..

ערשט די אַרבעט אין גאָרטן באַרויקט איר אַביסל. זי גלעט אַרום די אינדערפרי געמאַכטע בייט, וואָס איז שוין אויבנאויף גרוי געוואָרן אונטער די שטראַלן פון דער זון און קרישלט זיך אונטער דער באַרירונג פונם רידל. אין עטלעכע בייטן פאַרזעצט זי זריעה. אויף אַ פּאָר פרי־באַאַרבעטע בייטן שאַרט זי אַרום די ערשטע יונגע שפּראָצן, און ביסלעכווייז

שפּראַצט אויך ביי איר אין האַרץ אַרויס אַ קנאַספּ פון האָפ־נונג: גאָט וועט העלפן. דער גאָרטן וועט גערעטן, דער סאָד וועט זיך אָנלאָדן מיט אַ סך פּרות, וועט מען זיך קאָנען דעם ווינטער דורכלעבן אָן „עמעצנס״ הילף!..

די זון הייבט זיך אָן אַראָפּלאָזן. חנה־רחל ווערט איבער־נייס אומרויק. גאָט ווייסט וואָס פון דער „פרעמדער״ הילף וועט אַרויסקומען! עפּעס זאָגט איר דאָס האַרץ שלעכטע נביאות... באַלד דאַרף קומען „אַברעמל״. ניין, זי וועט נישט בלייבן מיט אים אַליין... בעסער שוין גיין מיט אים אַהינצו צום צלם. און דערווייל וועט זיך מסתּם אונטערריאַגן עמעצער פון די קינ־דער. פרעג צו וואָס האָט זיך עס איר פאַרגלוסט...

— אַלזאָ גייען מיר, גנעדיקע פרוי? — דערהערט זי זיין מעטאַלן קול, וואָס איז, דאַכט זיך, אַזוי רויט ווי זיין פּנים.

— שוין, שוין איך גיי, — כאַפּט זי זיך און איילט מיט גיכע טריט אין שטוב אַריין.

— דער פּאַטרול פירט איר שוין דאָרט מיטן וועג. נאָר מיר וועלן נאָך אָנקומען פאַר זיי. מיר גייען גלייך מיטן פעלד.

זיי לאָזן זיך גיין אויפן וועג נעמט איר „אַברעמל״ אונ־טערן אָרעם און שמייכלט צו איר:

— איר ברויכט מיר פיל דאַנקען, פרוי חנה־רחל; ס׳איז מיר שווער אָנגעקומען צו קריגן די ערלויבניש פאַר איין ציוויל פערזאָן, בייצווויינען די עקזעקוציע.

— איך דאַנקע אינען — שמייכלט זי צו אים צוריק, און דערשפירט זיך פאַראַמאָל אויפגערעגט־דערפרישט. ערשט איצט דערזעט זי ווי גאָלדיק־ליכטיק ס׳איז אין פעלד. די מיל־פליגל אַנטקעגן זענען ווי אָפּגעטונקט אין גאָלד.

ביי דעם צלם טרעפן זיי צוויי זעלנער, זיצנדיק מיט אַראָפּגעלאָזענע פיס אין אַ פריש־אויפגעגראָבענעם קבר. זיי ליגן אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף די שטיקלן פון רידלען, און שמועסן רויק צווישן זיך. אַ פאַרקרומטער קריסטוס קוקט אַראָפּ אויף זיי פונם צלם, פון אונטער אַ קליין בלעכן דעכעלע.

אַ קליינע מענטשן־מחנה דערנענטערט זיך פון מערב־זייט צום טאָל. זיי בלייבן דאָרט שטיין איבערצוואַרטן די טשערדע, וואָס גייט שוין אַ היים. פון וועג הייבט זיך דאָרט אויף אַ געדיכטער שטויב, און פאַרשטעלט זיי. פּאַראַמאָל צינדט זיך אָן דער מערב און דער שטויב הענגט אין דער לופט ווי אַ ראָזע גאַזע. זיי קומען אַרויס ווי פון רויטן נעפּל, און דער־נענטערן זיך מיט גיכע טריט, אַראָפּנידערנדיק. אין טאָל ווערן זיי אויסגעלאָשן, גרוי. חנה־רחלן לויפט דורך אַ דריבנער שוי־דער, ווי שרויט, איבערן גאַנצן לייב. זיי גייען פאַרביי. אַ צען זשאַנדאַרן. ערנסטע און שווייגנדיקע מענטשן מיט די ביקסן ווערטיקאַל אין די הענט. אינמיטן, געקאָוועט די הענט, גייט אַ צעפּאַטלטע גויע. דאָס פּנים געל־בלוי, אונטער די אויגן שוואַרץ ווי קויל, און די אויגן ברענען רויט און ווילד, ווי ביי אַ רציחדיקן משוגענעם. חנה־רחל ווערט בלאַס, צוקט מיט די ליפּן, און עסט זיך איין אין דער גויעס פּנים מיט די אויגן, ווי מיט פּיאַווקעס: דאָס פּנים איז איר היימיש! ווו האָט זי איר ערגעץ געזען?

די עקזעקוציע גייט צו געאיילט. מע בינדט צו דער פאַרמשפּטער מיט אַ שטריק אונטער דער ברוסט, מיט די באַ־פרייטע הענט אַרונטער, צום צלם. מע פאַרבינדט איר די אויגן מיט אַ רויטן טיכל.

איבערן טאָל אינדערהויך גיסט זיך אַ וואָלקן אָן מיט בלוט, און וואַרפט אַ בלוטיקע שיין אויף אַלץ וואָס שטייט דאָ. די גלאַנציקע רידלען ליגן ווי רויטע שפּיגלען אויף דר׳ערד. חנה־רחלס אויגן טונקלען זיך אין דעם רויטן טיכל אַרום דער פאַרמשפּטערס אויגן, ווי אין אַ ריטשקע בלוט. ווער קען זי זיין? די סאָלדאַטן ביים קבר שפּרינגען אויף...

עס קלינגט געווער.

— איינס!

— הערשקאָ! זאַ סעביאַ וומיעראַיו... — טוט די פּויערטע אַ קוויטש, ווי מע וואָלט איר דאָס האַרץ דורכגעלעכערט.

חנה־רחל מוט זיך אַ וואַקל אומצופאַלן.

— צוויי! דריי!

— טראַך! טראַך! טראַך!

— —

מער זעט זי שוין נישט חנה־רחל. נישט ווי מע באַגראָבט די טויטע, און נישט ווי די אויפגעפלאַשעטע קראָען, פון דער מאָנאַסטיר־סאָד טראָגן זיך ווי אַ שוואַרצער כמאַרע־לייליעך איבערן טאָל, און שניידן די לופט מיט אַ שטאָלענעם קראַ...

— אוי, מאַמעניו! סאַראַ שרעקלעך חלשות... — דערהערט זי אונטער אַ שרעקלעכן ווייטיק אין די שלייפן.

זי עפנט די אויגן, און קעגן דער שיין פון לעמפּל דערזעט זי איבער זיך ווי אין אַ נעפּל: „אַברעמלען", גיטלען מיטן „שאַץ" און זיך אַליין, ווי זי ליגט אויפן בעט מיט אַ צעשפּילטן נאַסן בוזעם.

שבעה־עשר בתמוז. גאָר פרי איז היינט דער העל־פאַרביקער קאַוויאַר פון דעם פייגלגעזאַנג אין סאָד פאַרשוואונדן געוואָרן, און ערגעץ אינדערוויט האָט זיך פאַרצויגן דער אַשיקער פאָן פון אַ פאַרשלעפּעדיקן זשאַבע־כאָר. די ברענענדיקע זונשטראַלן דרינגען דורך יעדן מינדעסטן בלויז צווישן די בלעטער, קריכן אויפן גראָזיקן באָדן, און זוכן אויף, ווי גרויסע פילהערנער, דעם פוילן קריך־גאַנג פון אַן אינזעקט. די לופט אונטער דעם נרינגעם סכך פון בלעטער און פרות איז אַזוי דערהיצט און געפּרעסט, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

חנה־רחל וואַלגערט זיך אַרום אונטער אַ שאָטן פון אַ בוים, רויט און פאַרשוויצט פון דושנעקייט, די בלוזקע צעשפּיליעט, און געפינט זיך קיין אָרט נישט. צו דער דערשטיקנדיקער דושנעקייט, האָט זיך נאָך דער תענית נאָרנישט אויף קיין שפּילכן פאַרקליבן אונטערן האַרץ־לעפּעלע, און נאָגט ווי אַ פּיאַווקע דאָס דערהיצטע פאַרשמאַכטע לייב, ביז ס׳הייבט אָן טונקלען אין די אויגן און שרעקט מיט חלשות... זי קאָן דאָ אין סאָד לענגער נישט פאַר־

בלייבן. זי וועט גיין צום שווער אַביסל. און ווידער, באַלד וועט דאָך מסתמא קומען „אַברעמל” און וועט „פאַרשטינקען” די שטוב מיט טרפות. אַז סע וועט זיך אַזש גלוסטן „האַדען” !... אָבער ווי לאָזט מען עס איבער דער „סטויפ” אַליין ?...

זי גייט אַריין אין שטוב און טיילט־מיט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק בתיה׳ן:

— איך גיי צום זיידן.

דער „סטויפ” אָבער האָט זיך שוין פון פּראַקטיק אויסגעלערנט נישט אויסצוגעבן זיך, און שטעלט־אָן אַ פאַרחמט פנים:

— ווילסט גיין, גיי. וואָס דאַרפסטו מיר דערציילן ?!

און באַלד גיט זי צו:

— נאָר אַז די גייסט, נעם שוין מיט פאַראיינגוועגס בערעלען אויך מיט זיך. דער זיידע וועט זיך פרעגן אויף אים...

— אַ מויד טאָר נישט בלייבן אַליין אין שטוב... — טוט איר די מאַמע צו וויסן געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז זי פאַרשטייט שוין דוקא יאָ, וואָס זי מיינט מיטן צונעמען בערעלען פון שטוב.

— נעם אים מיט, — עקשנט זיך די מויד.

— איך וועל אים נישט נעמען, — שטאַמלט די מאַמע, זוכנדיק אַ תירוץ קעגן וועלכן די טאָכטער זאָל נישט האָבן וואָס אָנצוּווענדן, און ס׳זאָל בלייבן ביי דאָס איריקע: איך פּאַסט דאָך. ביזן זיידן איז דאָך אַ מהלך. דאָס קינד וועט דאָך ביז אַהין אויף די פיסלעך נישט קענען גיין. אויף די הענט זאָל איך עס טראָגן? אַז קוים וואָס איך שלעפּ די אייגענע פיס!

דאָס קאָן שוין בתיה נישט איבערשפּאַרן. זי פאַרשווייגט און וואַרטשעט בלויז ביי׳ז. חנה־רחל גייט ארויס. זי לאָזט זיך מיט די פעלדער צום שווער, און אָטעמט ווירקלעך אַביסל פרייער אָפּ. עס שמעקט מיט טריקנדיק גרינס און צוגעברענטן בלומען־האָניק. דער הימל הענגט איבערן קאָפּ ווי אַ קופּאָל פון נייעם נישט־געפאַרבטן שוואַרץ־בלויליכן בלעך, מיט אַ גרויסע קיילעכדיקע לאָך ערגעץ אין אַ גיהנם אַריין, וואָס גיסט מיט פייער. די נישט־באַאַרבעטע פעלדער ליגן באַוואָקסן מיט

שיטערן ווילדוווקס, ווי נאַקעטע באַהאָרטע בייכער, און שטעקן זייער שאַנד צו די האָריזאָנטן. בלויז די סעדער, וואָס טוליען זיך צו די גויעשע גאַסן, זעגען געדיכט ווי אַלע יאָר. אָבער אויך פון זיי זעגען מיינסטנס אָוועקגעריסן שטיקער פלויטן, און די שטאַמען פון זייערע ביימער רופן, ווי נאַקעטע פיס פון זונות. יעדן פאַרבייגייער. נאָר קיין פאַרבייגייער זעט מען נישט, אין דעם גאַנצן חלל אַרום זעט זיך נישט קיין באַוועגונג. בלויז אַ בין אָדער אַ קרעצפויגעלע פליט פאַרביי פויל און פאַרשמאַכט און ווערט פאַרחלשט אויף אַ בוימל אָדער גרעזל.

— איין גאָט אין הימל! — מורמלט חנה־רחל — וואָס דאָ איז עס געוואָרן פאַראַ וויסטעניש!..

פאַראַמאָל צעקלינגט זיך איר אין אויער אַ מעלאָדיע. אַן אמת יידישער נגון.

זי בלייבט שטיין. אין זכרון בליצט־אויף אַ דערמאָנונג פון לאַנגע־לאַנגאָנעדיקע צייטן. דער זיידע בערל שוחט פלעגט ...ערגען מיט אַזאַ נגון. אָבער ווי קומט ?! איצטער אין דער מלחמה־צייט. אין דער פלאָגעניש, ווען ווייבלעך אַפילו פאַרקויפן זיך שטילערהייד אין אָפענעם סאָד פאַר פרנסה ?! אינמיטן פעלד ?!. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט. באמת, ס'קלינגט אַזוי אין די אויערן, ווי אַ טייך וואָלט דורכן קאָפּ דורכגעשטראָמט. ס'איז פון *היך*.., שאַ־נאָר! ווידער דאָס איינענע. דאָס קול קומט פון נאָענטן סעדל. זי וועט צוגיין אומישנע זעען. און כאָטש ס'איז העלער טאָג, נאָר ווייל אַרום זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש. און דאָס סעדל איז אַזוי געדיכט, ווי אַ שטיק כמאַרע, דערנענטערט זי זיך מיט פאַמעלעכע לופטיקע טריט און מיט האַרץ־קלאַפן. וואָס נענטער, אַלץ דייטלעכער ווערט דאָס קול. אַזאַ יונג קלינגענדיק קול, אַז ס'צעגייט זיך איבער דער ברוסט און שטילט דעם הונגער. זי גנבעט זיך צווישן די ביימער און בלייבט שטיין פאַרגאַפט עס פאַרכאַפט איר דער אָטעם, און זי קוקט מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון פאַרוווּנדערונג:

אַ נידריקער פּרייטצעצווייגטער בוים האָט ווי בכּוונה אויסגעשטרעקט אַ דיקע צווייג, כּדי אונטערצוהאַלטן, ווי מיט אַ האַנט, דעם גרויסן, אָפענעם ספר וואָס ליגט אויף אים צעעפנט; איבער דעם ספר שאָקלט זיך משה־דוד, דעם רבס ברודער, מיט אַ בליציק פּנים פון נישט־נאַטירליכן געניוס: דער בויב שיט אויף אים שיין־פלעקן ווי גאָלדיק־צוגעברוינטע מלינצעס; ער טענצלט אונטער, געקיצלט פון גייסטיקן פאַרגעניגן, און זינגט התלהבות־דיק אַריין אין סאָד, וואָס הערט זיך צו אים צו מיט די טויזנטער גרינע בלעטלעך־אויערן פון זיינע ביימער־קעפּ...

... איז דאָך נאָך די יידישע וועלט נישט אונטערגעגאַנגען!.. — לויפט דורך חנה־רחלען אַ רירנדיקע מחשבה, און גיט איר גלייכצייטיק אַ ביס מיטן צאָן פון חרטה: זי, בערל שוחטס אייניקל, אַן אשת־איש, אַ מאַמע פון מיידן צו דער חופּה... רבונו־של־עולם!.. זי זאָל עס כאָטש מיט תּעניתים קאָנען פאַרריכטן...

פּלוצים טוט עס איר דריבנע אַ גרעגער אין אויער און ס'הערט נישט אויף. ווי ערגעץ ביים האָריזאָנט יואָלטן שטאָלענע ציין געביסן דעם דיק־בלעכענעם הימל. דער קלאַפּצודיקער רויש פאַרגרעסערט זיך, ווערט נעענטער, און קריכט אין מח אַריין. אָט האָט אַפּנים משה־דודן אויך געשטערט דער רויש. ער איז שטיל געבליבן, פאַרהויבן דעם קאָפּ אינמיטן איבערמישן אַ בלעטל, און קוקט זיך מיט פאַרבלאָנדזשעטע אויגן אַרום. און אפשר האָט ער גאָר איר דערשפּירט?.. זי רוקט זיך הינטערווייטלעכס אַרויס פונם סעדל. דער טומלדיקער רויש פאַררייסט איר דעם קאָפּ צום הימל אַרויף. אַ גרויסער שטאָלענער פויגל ווירעט דעם חלל אין אַ גלייכער ליניע איבער דעם סעדל. זי בלייבט שטיין נאָכקוקן דעם אַעראָפּלאַן, וואָס טוט אַלעמאָל אַ זילבער־גלאַנץ קעגן דער זון ווי די אונטערשטע זייט פון אַ פויגל־פליגל, און דערהערט ווידער אַמאָל דורך דעם הודזשען וואָס פּילט איצט אָן דעם גאַנצן פאַרשטיקטן חלל, דאָס רירנדיקע קלינגענדיקע זינגען פון דעם מתבודדיקן בית־

מדרש-בחור. דער רויש שטאַרבט אָפּ הינטער די האָריזאָנטן און אַלץ פּאַרביקער טרעט אַרויס דער זיסער גמרא-נגון.

— אַלץ פאַרגייט, און גאָטס תורה באַשטייט... — מורמלט חנה-רחל פול מיט תשובה-רציונות, לאָזט זיך גיין ווייטער און באַשליסט אין האַרצן:

.. מען דאַרף זיך פּאַרן שווער אַ ביסל אָפּרעדן פונעם האַרץ...

דעם שווער טרעפט זי, אין די העמדאַרבל, אין אַ יאַרמלקע, ליגן אין סאָד אונטער אַ בוים, אונטערגעשפּרייט מיט אַ רעדנע, און אונטערגעלייגט דעם קאָפּ מיט אַ יאַסיקל. זיין פּנים איז געל. דערזען איר, מאַכט ער צו אַ קליין ספרל.

— ווי פילט איר זיך, שווער?

— ווי זאָל מע זיך פילן? ווי אַ קראַנקער מענטש אין אַ תענית.

— אוי! — זיפצט ער אָפּ נאָך אַ רגעלע — דו ווייסט כאָטש אַז הייַנט איז שבעה-עשר-בתמוז? כ'האָב נעכטן צו דיר באַפוילן מיט בתיהן...

— וואָס הייסט? — באַליידיקט זיך חנה-רחל — וואָס מיינט דער שווער, אַז איך פאַסט נישט, חלילה, הייַנט?!

— טאַקע?! — איז דער אַלטער צעפרידן, און שענקט איר אַ מילדן בליק פון די רויטע בייזע וויעס אַרויס — נו, פאַרוואָס האָסטו נישט מיטגענומען בערעלען אויך?

— דער שווער... ווייסט נישט... - שטאַמלט זי — ווי לאָזט מען עס איבער אַ מיידל אַליין...

— ביזט געדעכט, טאָכטער... מיאוסע מעשיות דערציילט מען זיך הייַנט אָן פון די מיידלעך... גאָט זאָל שומר-ומציל זיין!... און וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?..

— ביי מיר?.. וואָס זאָל זיך הערן ביי מיר, שווער לעבן? — שטאַמלט זי ווידער.

— זעץ דיך.

זי זעצט זיך און מאַכט זיך האַרץ:

— וואָס זאָל זיך הערן ?.. אַוודאי איז נישט דאָס, וואָס ס'איז געווען... ווען מיר זענען געווען ביי אייך... אַז ס'איז נישטאָ קיין אויג וואָס זאָל אויפקוקן... אַז אַפילו קיין יידיש וואָרט הערט מען נישט צומאָל... איר הערט, שווער, איך בין ערשט דורכגעגאַנגען דורך אַ סעדל... לערנט דאָרט אויפן קול דעם רבס ברודער... היינטיקע צייטן!.. אַ דערקוויקעניש זאָג איך אייך... דאָס האַרץ איז מיר אַזש צעגאַנגען... נו, און וועגן דעם-אָ... איז אַ ביסל מוז מען טאַקי אויך... פּרנסה!.. טאַקע איך אַליין אַ שטייגער... וואָס אמת איז אמת... נאָר זי, בתיה, זאָל שוין טאַקע נאָר איין גאָט זיין דער שומר!.. איז שוין איינגאַנצן אַרויס פון די האָלאָבלעס... קיין ברעקל דרך-ארץ נישט...

— איי, איי! — קרעכצט דער אַלטער, און פאַרשטייט פון די רמזים „ווי עס האַלט אין דער וועלט"...

און חנה-רחל, קוים נאָר אויפגעעפנט דעם געשוויר, דריקט און דריקט אויף אים און לאָזט אויסרינען דאָס גאַנצע אומריינע אייטער וואָס ס'האָט זיך אָנגעגנויעט פאַר דער גאַנצער צייט.

דער האַרציקער, אָפנהאַרציקער שמועס, אויף וויפל ער קאָן נאָר זיין אָפנהאַרציק, מאַכט ווייך דאָס האַרץ, פאַרטרייבט דעם תענית, און עס מערקט זיך גאָרנישט ווי דער טאָג קויקלט זיך אַוועק אויף זיין הייסן בויך. ערשט ווען די זון הייבט זיך אָן זעצן, אירע רויטע ברעמען ברעכן זיך אונטן צווישן די שטאַמען, און דאָס באָדנגראָז ווערט העל-דורכגעלויכטן, — כאַפּט זיך דער אַלטער:

— שפּעט! שוין צייט מנחה דאַווענען.

חנה-רחל הייבט זיך אויף מיט דעם אַנטשיידענעם באַשלוס:

זאָל זיך זיין וואָס עס וויל זיך! זי מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן דערצו... וועגן זיך איז אָפגערעדט, זי וועט אים צו זיך נישט צולאָזן אַפילו. נאָר מיט בתיהן דאַרף מען זיך אויך אַנדערש אָנהייבן באַגיין... אַז סע-וועט באַשערט זיין נישט צו שטאַרבן פון הונגער, וועט גאָט געבן אויף אַן

אַנדר אופן דאָס שטיקל ברויט!.. דער גאָרטן... דער סאָד..׳ אַזאַ געדעטעניש... ער איז גערעכט דער שווער...

— אָבער שווער, — ווענדעט זי זיך צו אים — זאָגט איר מיר צו, הייסט עס, אַז איר וועט אָנהייבן אָפט קומען צו מיר?..

— אודאי, אַודאי... אויף וויפל דער אייבערשטער וועט נאָר געבן כוח... עפּעס אַ טענה... בשעת סכנה... אפשר היינט נאָך, באַלד נאָכן אָפּפאַסטן... ווייסט דאָך, איך קאָן סיי ווי נאָך אַ תענית גאָרנישט עסן... אַ גלאָז טיי, עפּעס טועם זיין... אַבי זי וועט זיך נאָר פאַרבייגייענדיק אַהער אַריינכאַפּן, גיטל...

חנה־רחל גייט אַוועק מיט אַ פאַרגרינגערט האַרץ, פול מיט האָפנונג. פון דעם תענית איז שוין קיין זכר נישטאָ. זי וואָלט, דאַכט זיך, נאָך אַ וואָך אַ גאַנצע אָפּגעפאַסט... גאָט זאָל איר נאָר מוחל זיין אירע שווערע זינד... וואָרן, טאַקע, זי האָט געמעגט דעם מאַן קאָפּ שפּאַלטן?.. אַ מאַנספּער־שוין איז דאָך נישט קיין אשת־איש... וואָלט ער נאָר צוריק־געקומען... מיט קיין איין וואָרט וואָלט זי אים איצט נישט דערמאָנט וועגן דעם... בפרט...

די פיס דינען איר פונדעסטוועגן נישט מחמת שוואַכקייט. זי שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט איבער דעם אָטעם און פאַרענדיקט גייענדיק ווייטער, דעם רעיון:

... בפרט אַז „יענע" איז שוין די כפרה געוואָרן!.. און דער „ממזר" וועט שוין אויך ערגעץ אויסגערונען ווערן...

— די אויסגייענדיקע שקיעה באַגיסט רויט איר בלאַס גרין פנים, און גיסט איר פאַראַמאָל אַריין אין בליק דייטלעך און לעבעדיק דאָס שרעקלעכע בילד פון „יענעמס" פאַרנאַכט. דאָס האַרץ הייבט אָן האַסטיק קלאַפּן, די נערוון ווערן צעריבנע־וועט. אין די אויגן פלעקט און שווינדלט. זי זעצט זיך, כמעט פאַלנדיק, אויף דר׳ערד, און פאַלט אַריין אין אַ האַלבן חלשות...

אַ קיל פּייכט ווינטל דערמינטערט איר. זי עפנט די אויגן, איז שוין שטאַרק טונקל. פון מערב־זייט קריכט־אָן אַ שוואַרצער דיקער וואָלקן. ערגעץ ווייט פאָרן דונער־רעדער איבער שאָסייען. זי טרייבט זיך מיט פאַרגיכטע שפּרייזן אַהיים. די כאַטקע, חדושלעך, שטייט נאָך מיט נאַכטיק־שוואַרצע פענצ־טערלעך. אַ שרעקלעכער פאַרגעפּיל פאַרצוויקט איר דאָס האַרץ. זי עפנט שטיל פון מורא די טיר, און בלייבט שטיין פאַר דער שטוב־פינצטערניש אויף דער שוועל.

— מאַמע! — דערפרייט זיך מיט איר בערעלע פון איר בעט אַרויס.

זי גייט צו צו אים. פּלוצים דערזעענען אירע שאַרפע פאַרשנדיקע בליקן צוויי צעשווומענע סילועטן אויפן צווייטן בעט... איינער אַ גרויסער, אַ שווערער קריכט אויפן צווייטן, וואָס טוי־ליעט זיך צון אים נאָכגיביק... עמעץ הייבט אָן סאָפּען ווי אַ צוגעדושעטע פאַרע־מאַשין...

— גוואַלד!!! — טוט זי אַ שפּרינג צו, און מיט אַן אומנאַטירלעכער קראַפט, וואָס שאַפט זיך זעלטן אין אַ מענטשן בעת אַ שרפה, טוט זי אַ כאַפּ דעם אונטערשטן סילועט און אַ ריס פון אָרט מיט אַזאַ פּענד. אַז יענער טוט ווי אַ זאַק מיט ביינער אַ טויבן זעץ אין דער פאָדלאָגע.

אַ רגעלע פאַרהאַלט אַלץ דעם אָטעם פון איבעראַשונג. ס׳טוט אַ דונער. אַ רעגן קלאַפּט אָן מיט שיטערע פינגער אין די שייבלעך. בערעלע קומט צו זיך און צעיאָמערט זיך דער־שראָקן, און חנה־רחל שטייט נאָך אלץ ווי פאַרגליווערט מיט צענומענע הענט אין חושך אַריין, און פּילט עפּעס צעוואַלגערטס נעבן זיי פיס. דאָ טוט דער גרויסער סילועט אַ שפּרינג מיט אַ ריטש פון אַ געררייצטער חיה, און טוט איר, חנה־רחלען אַ טראָג ווי אַ שפּענדל אויפן בעט.

— פריר דיר, ועסטו דערנאָך לאָזן איר!.. — טוט איר אַ זעץ ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ „אברעמלס" קול, און זי ווערט פאַרטויבט און פאַרחלשט אונטער זיין שווערן קערפּער.

בתיה ליגט נאָך אַלץ אויף דר׳ערד מיט צעגומענע נאָ־קעטע פיס און צעוויינט זיך פּלוצים ביטער, קרעכצלעך און האַרצרייסנדיק, ווי אַ קינד וואָס מ׳האָט דעם אַ שרעקלעכע עולה אָפּגעטון. בערעלע רייסט זיך אויף קולי־קולות. און דאָס בעט סקריפּעט אונטער סאַפּנדיקע קערפּערס און קרעכצט אַריין אינמיטן — —

אין פינף מינוט שפּעטער עפנט זיך ווידער די טיר

— וואָס איז עפּעס פינצטער?.. וואָס טוט זיך עס דאָ?!

— פרעגט דערשראָקן גיטלס קעלכל, און איז מוסיף: גיי אַריין זיידע... ביזט דורכגענעצט...

אויף דעם פאַלט אַ קראַכנדיקער דונער, דאַכט זיך גלייך אין כאַטקע אַריין. אַ בליץ באַלייכט אַן אויגנבליק דאָס חדר. „אַברעמל" טוט אַ שפּרינג אָפּ פון דער האַלב־פאַרחלשטער, האַלב־נאַקעטער חנה־רחלען, מיט ווייסע פלעקן פון אונטערוועש פון די הויזן אַרויס. און פאַר די אויגן פון דעם אַלטן שמריה־משהן מיטן אייניקל גיטל, וואָס שטייען פאַרבלענדעטע אויף דער שוועל, ברענט רויט דאָס שרעקלעכע שענדלעכע בילד אין דער צוריקאָנגעשוומענער, געדיכטער, טינטישער פינצטערניש —

— ווי צו מיינע יונגע יאָר! — טוט האַרצרייסנדיק אַ געשריי גיטל און שפּרינגט אָפּ אויף צוריק.

— ווי צו מיינע אַלטע יאָר! — טוט אַ קרעכץ דער אַלטער שמריה־משה, וויל אויך אָפּשפּרינגען אויף צוריק, אָבער ער טוט אַ פאַל צו צום ביישטידל פון דער טיר, און בלייבט אָנגעשפּאַרט ווי אַ קלאָץ.

ער פילט אַז די גאַנצע זייט פון דעם פאַרקילטן פיס איז אים געלייםט...

פאַרנאַכט. חשונדיקער טריבער רעגן וואַשט די פענצטער מיט טרערן, און קאָן זיי נישט דערוואַשן. די שייבלעך בלייבן גרוי מיטן גלאַנץ פון אַ בעלמע־אויג און אין שטיבל איז טונקל

אַרום די ווענט און אינדערהייך אונטער דער סטעליע, וואָס זענען נישט געווייסט געוואָרן אויף די ימים־טובים, וויקלט זיך שאָטן ווי פאַרשטויבטע, פון שטויב דורכגעפּרעסענע לײַלעכער. פּאָוויטיניע, פאַרדיקט מיט צוגעשטאַנענעם שטויב הענגט אַראָפּ אין די ווינקלען ווי גרויע שטריקלעך, אויפגעהאָנגען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אָדער — פאַר עמעצן זיך אויפצוהענגען.

בערעלע זיצט אין דער מאַמעס בעט און קוקט פון דאָרט אין דעם טריבן דרויסן מיט גרויסע אויגן מיטן בליק פון אַ פאַרחושטן דערוואַקסענעם מענטשן.

בתיה זיצט אויפן צווייטן בעט און זינגט מיט אַן אומ־זיניקן בליק אין דער שוואַרצער לאָך, וואָס די צוגעשטעלטע שאַפע צום אויוון האָט נאָך איבערגעלאָזט פונם פּיעקעליק. עפּעס אַן אימה קוקט פון דאָרט לאָקערנדיק אַרויס מיט טויזנטער באַוועגלעכע מאָנענקע אויגעלעך, ווי שאַרפע נאָדל־שפּיצן. זי דערלאַנגט פון מאָל צו מאָל מיט דער האַנט אַ גרויסן גרינעם ווינטערעפּל צום מויל, און גריזשעט פון אים נישט־באַוואוסטזיניק, טעמפּ, ווי אַ קו מעלה־גרהט. עס טראַכט זיך איר פויל אין צעשוומענעם מוח: ווי זי איז היינט געווען בײַ דער באָבען, ווי דער קראַנקער געלײַמטער זיידע, ווען ער האָט איר פון בעט דערזען, האָט אַ מאַך געטון מיט דער געזונטער האַנט, זי זאָל אַוועקגיין, אָבער די מחשבות גייען איר פאַרבײַ אָן ווײַ.

גיטל שטייט בײַ דער שאַפע, וואָס שמעקט מיט שאַרפן עפּל־אַראָמאַט און קוקט דורך אַ הינטערשט פענצטערל אין סאָד אַרײַן. דער סאָד איז שוואַרץ, שיטער און מאָגער, און זײַנע צווייגן זעען אויס ווי בינטלעך אויסגעווייקטע ריטער. זי איז פאַרזונקען אין גאָענטע דערמאָנונגען, און פאַר איר באַוועגלעכן און פאַרביקן דמיון שטייען פאָר לעבעדיקע בילדער:

... אָן דאָרט אויף יענעם בוים קלעטערט די מאַמע פון צווייג אויף צווייג... צעראַצט דאָס פּנים און צערייסט דאָס קלייד... און רייסט אַראָפּ כלומרשט די אײַנציקסטע עפּל וואָס קענען נישט מיטן דראָנג דערלאַנגט און נישט דורך טרייסלען

דעם בוים אראָפּגעשיט ווערן... זיי, די קינדער, שטייען מיט שרעקעדיקע הערצער און לייב-בלאַסע פּנימער, און בערעלע צאַפּלט: מאַמע! מאַמעניו!... אָבער זי, ווי אַ גזלן, טוט זיך אירס: — וואָס קען זיין ערגער פון ערגער... מער ווי איינמאָל שטאַרבט מען נישט!... — — —

... אָן דאָ, פון דער צווייג, טוט זי זיך אַ שפּרונג אַראָפּ שטייענדיק, אַז ס'דאַכט זיך, די פיס וועלן איר ווי פּלעקער אין בויך אַריין... — מאַמעלע! וואָס האָסטו געטון?! — איך מוז דעם „אומגליק" פון זיך אַרויסטרייבן... כאָטש פונדיינעטוועגן, גיטעלע... — — —

חנה-רחל קומט אַריין פון שטוב מיט אַ ברעמיע האָלץ אויף דער ברוסט, און טוט איר אַ וואָרף פון זיך פאַר איין מאָל. דאָס האָלץ איז סענקעוואַטע ביז צון איין שטיקל, ווי ספּעציעל אַזעלכעס אויסגעקליבן. זי נעמט די גרעסטע פּאָליבע און נעמט זי צעשפּאַלטן אויף שטיקלעך. איר פאַרגיכערט שווער אָטעמען שלינגט איין דעם גאַנצן חלל פון שטיבל. טיילמאָל רייסט זיך איר פון ברוסט אַ פאַרשאַרפּטער אוי, אָבער זי איז אינמיטן דער מלאכה נישט מפסיק. זי צעלייגט אַ פייער אויפן פּריפּעטשיק, און שטעלט אויפזידן אַ גרויסן טשוהונענעם קעסל. באַלד שלעפּט זי אַריין אַ גרויסע הילצערנע וואַנע, אַ פּאָכל וואַסער און גרייט דאָס אַלץ צו נעבן איר בעט.

— ווידער, מאַמע? — רייסט זיך גיטל אַוועק פון פענצ-טער און טראָגט איבער בערעלען פון דער מאַמעס צו זיך אין בעט אַריין: וועסט דאָך סוף-כל-סוף פאַרבלייבן אין דער וואַנע!...

זי טוט אַ פאַל אויפן געלעגער נעבן בערעלען און הייבט זיך אָן רייסן פאַרן קאָפּ.

— וויי-וויי צון אונגדזערע יאָר!... ס'אַן אומגליק האָט געטראָפן!...

— גיטעלע, מיין האַרציקע, מיין טייערע! — פאַ איר צו די מאַמע און באַרויקט איר — זיי שטילער, שרעק

נישט איבער דאָס קינד... זעסט דאָך...אַז מען קען לעבן אָן א טאַטן.. אַז מען קען האָבן אַן אַלטן קראַנקן זיידן, וואָס לאָזט אויפן שוועל נישט אַרויף... קאָן מען לעבן אָן א מאַמען אויך...

— גיטל דערשטיקט דאָס געוויין אין זיך, און די מאמע מיט איר געליבטער טאָכטער האַלדזן זיך פעסט און שטום אַרום, אַריינצוקוקנדיק מיט די לייבער אייגע אין דער צווייטער. דאָס קינד צעוויינט זיך מיט מחשבותדיקע איבעררייסן, און בלייבט ווידער פאַרטראַכט-שטיל. בתיה, פאַרלייגט די הענט אויף די אויגן קוקט דורך די פינגער.

עס פאַלט צו די נאַכט. קיינער האָט נישט אינזינען דעם לאָמפּ אָנצוצינדן. דאָס פייער אויפן פריפעטשיק, דורכן שוואַרצן ריס פון די ברענענדיקע סענקעס, זאַפט דורך דאָס חדר מיט א שוואַרץ- רויט- בלוטיקער שיין. אַלץ און אַלע שטומען. בלויז דאָס אויפזידנדיקע וואַסער אין קעסל, ברומט, זידט און בייזערט זיך. פון שטאַל מעקעט ווייגענדיק דאָס קעלבל, און איז אומזיסט מודיע, אַז מ׳האָט היינט פאַרגעסן דעם עסן צו געבן.

חנה-רחל נעמט מיט מושענינע אַראָב דעם אויפגעזאָטענעם קעסל, און געבויגן אין דרייען ראַטשקעוועט זי זיך מיט דעם צו דער וואַנע, ווי זי וואָלט געקראָכן אויף אַלע פיר. גיטל קוקט זייטיק באַצירט אויף איר אַרבעט און וואַגט נישט צולויפן איר העלפן. ווייל וואָס וועט דען אַרויסקומען? זי וועט, ווי אַלעמאָל, אַ געשריי טון מיט אַ ווילד-משוגענעם קוויטש:

— אַווע-עק!!

חנה-רחל קערט איבער, איין גאַט ווייסט מיט וואָס פאַר א כּיחות, דעם קעסל אין וואַנע אַריין. א געדיכטע פאַרע טוט זיך א קנויל אַרויף און פאַרשלינגט דאָס חדר מיט א מילכיקן נעפל. דאָס פייער אויפן פריפעטשיק קוקט שוואַכער, מרה-שחורהדיק, ווי פאַרוויינט. ס׳הערט זיך, ווי זי גיסט-צו וואַסער, ווי זי טוט זיך שנעל אויס. עס טונקלט אין נעפל איר סילועט.

זי שטעקט אַריין פריוונדיק אַ פוס אין וואַנע. טוט אַ טיפן אָבער פאַרשטיקטן ווייטיקלעכן זיפץ, משמעות, דורך פאַרקלעמטע ציין. און פאַראַמאָל טוט אַ פליוסק דאָס וואַסער פון וואַנע אַרויס, ווי עפעס ווייכס וואָלט אין איר אַריינגעפאַלן. פון דער פאַרע איבער דער וואַנע שוואַרצט בלויז אַרויס אַ קאָפ האָר, ווי אַ טינטנפלעק. עס הערט זיך, דאַכט זיך, פון דאָרט קיין אָטעם נישט.

— מאַמע! דו חלשט? — טוט אַ שפרינג צו גיטל.

— ניי—יין! — ענטפערט עפעס אַ פרעמדע שטים, שוואַך ווי אַ זיפץ, און אַ פאַרחלשטער קאָפ פאַלט אַריבער מיט אַ באַרשט נאַסע האָר איבערן ראַנד פון דער וואַנע-צוקאָפנס. אַ פּאָר אויגן קערן זיך איבער פאַרגלאָצט צו דער סטעליע, און אַ מויל עפנט זיך אויף ווי אַ שוואַרצע לאָך.

— חלשט!!

—ניי—יין... אַז כ׳וועל אַנט..שוויגן ווע..רן... נאָך אַ ר...גע.. נאָך... אַ... ר...ג... -- הערט גיטל ווי זי מורמלט קוים אַרויס, און וואַרט מיט שווערן אָטעם און קלאַפנדיקן האַרץ.

— בתיה, העלף!! — — — — — — — — — — — — — — —

אין כאַטקע איז שטאָק־פינצטער. נאַכט, פאַרווייסט מיט בלענד פון ערשטן כסליודיקן שניי, שטייט צוגעשפאַרט איןביידע זייטן צו די פענצטערלעך מיט תכריכימדיקע פלייצעס, און קאָן זיך אינעווענען נישט אַריינשפאַרן. אייבע אַליין זיצט חנה־רחל וואַגיק אויף דער טאַבורעט נעבן טיש. דער קאָפ פאַרשטעקט צווישן צוויי פויסטן, וואָס דריקן ביינערדיק־ווייטיקלעך, ווי צום אויפוועקן פון חלשות, אויף די שלייפן. פון צייט צו צייט רייסט זיך פון האַרץ אַרויס אַ יאָמערלעך־ביטערער שלוכץ. מיט פאַרמאַכטע אויגן הערט זי זיך איין צום רוישן און קלינגען אין די אויערן און האַלוצינירט:

... מע באַקלאָגט דעם בר־מינן — ער ליגט, דער שווער, אויף דער פּאָדלאָגע... אונטערגעבעט מיט אַ ביסל שטרוי, און איבערגעדעקט מיט זיין לאַנגן, אָפּגעקראָכענעם פאַלטאָ... צוקאָפנס, איבער ברענענדיקע ליכט, קלאָגן די שוויגער, די קינדער, בע־

רעלע... — — —

... און זי האָט אַפילו נישט זוכה געווען אַ ליכט צו שטעלן דעם שווער צוקאָפּנס... פאַר זיין ליכטיקער, שטילער, טויבישער נשמה!

זי שלוכצט־אויף, רייסט ארויף דעם קאָפּ, צעשפרייט די הענט אין חושך אַריין און הייבט אָן איינטעניהן אויפן קול:

— טייערער שווער! — איצט זעט איר דאָך מיט אייערע אויגן אַז איך בין נישט שולדיק... נישט איך האָב געוואָלט, נישט איך האָב געדאַכט אָנצוטון אייך דעם בזיון... טייערער שווער! איר ווייסט דאָך שוין איצטער אַז איך האָב נאָר געוואָלט ראַטעווען מיין קינד... אייער אייניקל... און אונדזער גאַנץ הויזגעזינט פון שאַנד און שמאַך... — — —

— רבונו־של־עולם! פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ ביטערע שטראָף?.. האָסט מיר מיין מאַן צוגענומען... מיין ליבן, שטילן שווער אין קראַנקייט און אין צרות און אין בייזקייט אויף מיר און די קינדער צוגענומען... פאַרוואָס־זשע ווילסטו נישט צונעמען מיין נשמה אויך?!. מיט די אַרבע־מיתות־בית־דין האָב איך מיר אַליין געמשפּט... און „די נשמה"... האַלט זיך אין מיר ווי אין אַן אייזערנער שטייג... דו ווילסט זי גאָרנישט פּאַרטיליקן...

זי רייסט איבער מחמת אויסמעלן פון אָטעם, און הערט זיך צו צו די אויסטערלישע עכאָדיקע קלאַנגען, וואָס בלאָנדזשען דאָ אַרום אין חלל, ווי נישט־קערפּערלעכע, גייסטיקע ישן. זי הערט זיך צו כמעט מיט פרייד, ווייל אירע אייגענע יללות און טענות קערן זיך צו איר אום, ווי פון ערגעץ אַ פרעמדער וועלט... ווי גאָט וואָלט זיי נישט געוואָלט צונעמען... און זי פאַרגייט זיך אין אַ יאָמער אָן ווערטער, כדי זיך אין די פרעמדע קולות צו פאַרטויבן. די כאַטקע קלייבט אָן אין זיך דעם יאָמער, שטיקט זיך מיט אים, זאַפּט אים אַריין אין דער סטעליע, אין די ווענט, און צעיאָמערט זיך אַליין דורך אַלע אירע צוויאַונדרייסיק שייבעלעך אין שטילער וויסטער, שנייאיקער געגנט אַריין. און קיין ענטפער קומט נישט פון ערגעץ. ווי די גאַנצע געגנט וואָלט געווען אויסגע-

שטאָרבן. פּאַראַמאָל טוט עמעץ עפּעס אַזוי יאָמערלעך אַ רוף, אַזוי באָענט, אַזוי באָענט. זי טוט אַ שפּרינג אונטער פון איבערשרעק, ווי אונטערגעטראָגן פון אַן אויפרייס — אָבער באַלד מארקירט זי.

... אהאַ! דאָס קעלבל... האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן...

דורכגענומען פון אַ בליציקער מחשבה, לויפט זי אַרויס אין שטאַל אַריין, דערטאַפּט זיך צום טויער, עפנט אים, און טוט מיט אַ שטעקן אַ טרייב דאָס קעלבל איבערדרויסן אַרויס. אויסגעמאַטערט פון הונגער, וויל זיך דאָס קעלבל נישט רירן פון אָרט. אָבער נאָכן צווייטן שטאַרקערן שמיץ;

— נאַ דיר!..

טוט עס אַ שפּרינג-אונטער, מאַכט אַ האַלבן קרייז אַרום שטאַל, בלייבט שטיין מיט אַ האַלב-אויסגעדרייטן קאָפּ, און בעט זיך:

— מע-ע-ע!.. וואָס בין איך שולדיק?..

חנה-רחל יאָגט עס אָן און ציילט עס אָן נאָך עטלעכע שטעקנס פאַרן עקשנות. דאָס קעלבל ווערט ווילד, שפּרינגט אַרויס פון טויער, און לאָזט זיך לויפן אין דעם פלאַכן ווייכן שניי, גלאַט אין דער וועלט אַריין. מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן לויפט חנה-רחל נאָך, זיך נישט אַרומקוקנדיק, און פאָכעט מיטן אויפגעוואָקסענעם בויך, ווי אַ זעגל מיט אויפגערודערטן פּייוונט. עס באַפאַלן איר אַנגסטן. דער אייגענער פאַרכאַפּטער אָטעם ברענט אין די נאָזלעכער. די ביינער נאָגן. און אונטער און אַרום די דיכן שפּאַרט, ווי טעמפּ-פאַרקייַלעכיקטע ברעכאייזנס וואָלטן געקראָכן אין בויך אַריין. אָבער זי לויפט אָן אָפּהאַלט. אין טאָל ביים צלם בלייבט דאָס קעלבל שטיין אַ שטיק פאָראיס, און דרייט ווידער אויס דעם קאָפּ אין דערוואַרטונג אויף חנה-רחלן און אין צווייפל: זאָל זיך עס אומקערן אַ היים אָדער נישט? חנה-רחל לויפט אָן, ווי אַ סאָפּנדיקער קרעכצנדיקער דאַמף-מאַשין, און ס'פאַלן ווידער אַמאָל עטלעכע קלעפּ פון אירע לעצטע כוחות אויפן איינגעשרימפּענעם קעלבל. סצע-

מעקעט זיך, ווי אַ ווײַנענדיק קינד, און לויפט דריבנע פאַר זיך באַרג־אַרויף. חנה־רחל נאָך. עס הייבט איר אָן טונקלען אין קאָפּ. דער שטעקן פאַלט איר אַרויס פון דער פאַרגליווערטער האַנט. דאָס קעלבל ווערט איר, ווי אַ פלעק, פאַרפאַלן פון די אויגן, און זי שפאַנט שוין גלאַט אין דער וועלט אַרײַן אינדער־הייך, באַרג־אַרויף. זי שפירט, ווי אַרום די דיכן וואָלט מען מיט אַ שאַרפן מעסער אַ שניט געטון און דערנאָך דאָס פלייש מיט אַ האַנט אָוועקגעטרענט. זי פאַרקריצט די ציין... ניין, זי דאַרף נאָך ,ויפן... און אַ היים קומען... אפשר איצטער וועט עס שוין געשעען...

זי דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג און פאַלט־צו מיט דער פלייצע צו דער וואַנט פון דער ווינטמיל. פּאַראַמאָל שטעכן זיך איר איין אין די ברעמען דינע רויטע שפּיזן. זי שטרענגט אָן דעם בליק. דאָרט אונטן, אויפן שליאַך אַפּנים, באַוועגט זיך אַ מחנהלה שאָטנס, טראָגן עפּעס אַ שמאָלס אַ לאַנגס, ווי אַ שיפל, אין דער הייך, און אונטן שאָקלען זיך זיי נאָך צוויי אָנגעצונדענע לאַמטערנס, זי פאַרשטייט...

— שווער!!! — רײַסט זיך איר אַרויס פון האַרצן אין דער נאַכט אַרײַן, און שטעכט אַרײַן ווי אַ שפּיז אין האָריזאָנט.

די לאַמטערנס בלײַבן דאָרט שטיין פאַרגליווערט, ווי רויטע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן פונעם מלאך־המות, און דער פחד טוט איר אַ קויקל אַראָפּ ווי אַ באַלעם פונם באַרג.

מיט די רעשט צוזאַמענגענומענע כוחות שפּרייזט זי אַהיים, זיך אונטערשפּאַרנדיק אַלעמאָל מיט די פויסטן דעם בויך. זי פילט, ווי מע שלעפּט איר אַרויס די קישקעס, און זיי שלעפּן זיך איר נאָך אויפן שניי. און זי שעפּטשעט דורך פאַרקריצטע ציין:

— נאָך ניט?.. נאָך אַלץ ניט!..

צוגעקומען צו דער כאַטקע, גייט זי ניט גלייך אַרײַן אין שטוב. זוכט אויף אין שטאַל אַ רידל, און, קעגן שיין פונם שנייאיקן דרויסן דורכן צעפּענטן טויער, נעמט זי גראָבן

מיט גוסטדיקע פּוחות אַ גריבל.

דאָס דורכגעשטרויטע קוי-מיסט לאָזט קוים אין זיך אַריין דעם רידל, און קוים-קוים וואָס זי דערגרייכט דעם באָדן.

פון ערגעץ דערנענטערט זיך אַ היימישער יאָמער, קומט שנעל צו, צעפּראַלט האַסטיק די טירן, און באַלד באַווייזט זיך אין שטאַל גיטל מיטן לאָמפּ אין דער האַנט.

— וואָס ?—טוסטו ?—מאַמע ?—

— א קברל... אַ קברל גראָב איך... — שעפּטשעט זי, און פאַרלירט דעם רידל...

פיר מיך צום בעט..

זי פירט איר אונטערגעלענט מיט איין האַנט און לאָזט איר פאַלן אויפן בעט. זי לאָזט נישט אַרויס, גיטל, קיין איין קלאַנג פון מויל. אירע אויגן קוקן אויף דער מאַמען, ווי צוויי שוואַרצע קוילן-אויגן פונם ווייסן פּנים פון אַ שניי-גולם. אַ שרעקלעכע השערה צעשניידט איר דעם מוח מיט אַ רויט-פייערדיקן קרייץ-שניט:

— מאַמע: משוגע...

— טו מיך אויס, — שעפּטשעט די מאַמע מיט פאַר-מאַכטע אויגן.

זי שלעפּט-אַראָפּ פון איר אַלץ ביזן לייב. די וועש איז הייס, דורכגעווייקט מיט שווייס. דאָס האַרץ קלאַפּט און וואַרפט פון זיך אָפּ די ברוסטן. דער בויך פאָכעט ווי אַ בלאָז-זאַק. און פון דעם היציקן נאַסן לייב הייבט זיך אויף אַ לייכטע פּאַרע מיט אַ ביטער-שאַרפן שווייס-ריח.

— גיטעלע, פאַרמאַך די טיר אויפן ריגל.

גיטל פאָלגט שטום.

— גיטעלע פאַרהענג די פענצטער... מיט די קאָלדרעס... מיט די ליילעכער...

גיטל פאָלגט שטום.

— גיטעלע, טאָמער קומט בתיה... זאָלסטו איר נישט אַריינלאָזן... הערסט?

— איך הער.

דאָס פּנים צעקרימט זיך איר פון איבערגעמעכטיקטן ווײ. זי עפנט די אויגן, און בלאָנדזשעט אַרום מיט זײ עפּעס זוכנ־דיק. זײ בלײַבן שטײן אויפן מאַנס טלית־זאַק וואָס הענגט אי־בער איר אויפן וואַנט, און זי רעדט צו זיך אַלײן:

— איך האָב נישט... קײן מאַן... וואָס טויג... מיר... זײַן טלית?.. בערעלע. — וועט טראָגן... דעם זײדנס... טלית... אוי!..

— נעם... אים... אַ...ראָפּ... גי...טע...לע...

גיטעלע שטרעקט אויס צעמישט די האַנט צום טלית:

— מאַ־מע???

חנה־רחל אָטעמט טיף אָפּ, און רעדט גיך, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט:

— זאָלסט עס אײַנוויקלען אינם טלית.. באַגראָבן אין שטאַל... אין... אוי!.. אוי!.. אוי!.. איכ'ל באַלד מפּלען... אוי־וי!!!

איר קערפּער טוט פּאַראַמאָל אַ שוידער. אַ דרײ זיך ווי אַ צעהאַקטער שלאַנג. אַ שפּרינג אונטער, גלײַכט זיך אויס ווי מע וואָלט דורך אים אַ שטאָלענעם שטאַב דורכגעצויגן. די קני־עס שטעלן זיך אויף ווי דרײַ־קאַנטן און טון זיך אַ צע־שפּרײט, ווי צווײ אײַנפאַלנדיקע קראָקוועס... גיטל דערזעט אין אוממענטשלעכער שרעק, ווי מיט אַ פּליוך בלוט קריכט פון דער מאַמעס שויס אַרויס אַ טויט שוואַרץ קעפּל — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטאָג הײבט דאָס אויפגערודערטע הונגעריקע און אויס־געמוטשעטע קעלבל אויף דעם קאָפּ, פּינטלט מיט די ווײסע ברעמען קעגן שוואַכער לאָמפּ־שײַן, און סוט אַ מעקע, וואַרטנ־דיק אויף עסן. און אַנטקעגן לײגט גיטל אַרײַן אין „קברל" אַ פאַרבלוטיקט פּעקעלע אײַנגעוויקלט אין טלית, פאַרשיט עס

געאיילט מיטן קו־מיסט און אַנטלויפט, נישט באַמערקנדיק אַז אַ רויטע ציצה איז געבליבן אַרויסקוקן...

* * *

נאָך שבעה קומט ריווע־לאה צו דער שנור מבקר־חולה זיין. שוויגער און שנור בעטן זיך איבער. און עס בלייבט אָפּגערעדט:

— וואָס וועט מע לעבן אַזוי אָפּגעריסן איינס פון ס׳אַנדערע...

— זי וועט זיך שוין בעסער צוריק אַריינקלייבן צום שווער...

— ביז גאָט וועט העלפן, וועט זיך דערבאַרימען, און הערשקע וועט קומען...

— דערווייל זאָל „ער" זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונדז אַלע...

ביז צו דער שחיטה.

אינדרויסן שטייט אַ טונקעלער ווינטערפרימאָרגן, פאַר־שטויבט מיט גרוילעכן שניי אונטער דעם נידריקן כמאַרע־געוועלב פון הימל. אַ ווינט וואָס לויפט אַלעמאָל אָן מיט הפסקות פון פאַרכאַפטן אָטעם, טוט אַ וויש אַראָפּ דעם שניי פון די דעכער. ווי ווייס־גרויע פליגלען וואַלטן זיך צו דר׳ערד אַ ציגעטון, און ווערט צעשאָטן צוזאַמען מיט זיי אין מעלשטויבנאָענט ביי דער וואַנט, בילדנדיק שנייאיקע רוקנס. אָבער אויף דר׳ערד ווערט ער, דער ווינט, ווידערגעבוירן, און טוט זיך אַ כוואַליע איבערן שנייאיקן באָדן מיט ווינטישע ריזיקע צינגער, אויסלעקנדיק שמאָלע און לאַנגע אייַנטיפן, און אָנהויפנדיק פּאַראַלעל אויך אַזעלכע שמאָלע און לאַנגע אויפשיטן. דער שניי בלייבט ליגן אין לאַנגע קרויזן, ווי אַ ריזיקע געקרויזט־צעשויבערטע ווייסע באָרד. פון צייט צו צייט פאַרגנבעט זיך דער ווינט אויך צווישן וואַנט און לאָדן, ווי ער וואָלט אָנגע־קלאַפּט, מע זאָל אויפשטיין זען, וואָס ער האָט אָפּגעטון באַנאַכט אינדרויסן. אָבער זיין קלאַפּן איז אומזיסט. ווייל דער זייגער איז שוין שפּעט און מענטשן זענען שוין פונלאַנג אויפגעשטאַנען. זיי האַלטן זיך איצט בלויז אָפּ אַרויסצוגיין אין דעם בייזן דרויסן.

לייב שוחט און זיין אַלטע זענען שוין אויך לאַנג אויף. נאָר זייער מוזיניקל, שייוועלע, די איינציקע פון די קינדער, וואָס די בייזע מלחמה האָט נישט אַרויסגעריסן און נישט דער־ווייטערט פון שטוב, שלאָפט נאָך אין דעם קליינעם איינפענצטער־

דיקן אַלקערל, און מע זשאַליעוועט איר אויפצוּוועקן.

דער לאָדן וואָס קלאַפּט פון ווינט האַרט בײַ איר צעקאָפּנס וועקט איר פון לייכטן, פוילן פרימאָרגנשלאָף. זי דרייט זיך פון זײַט אויף זײַט מיט אַ זיפץ, און בלײַבט ווידער ליגן מיט אַ פאַרוואָרפן קעפּל. איר ברוין־בלאַס פּנימל, ווי אויסגעהונגערט־דורכזעעוודיק, מיט די בולט־אַרויסגעהויבענע בלויע וויעס איבער אַרויסגעקײַלעכיקטע אויגן ווי פייגלשע אייערלעך. ליגט אין שאָטן פון שוואַרצע קרײַזלעך. זיי פאַלן איבערן שטערן און לייגן זיך בײַ די שמאָלע אַקסעלעך אין אַ געדיכטע מאַסע ראָקנהאָר ווי אַן איידעלער ווײַסער פלאַנץ בלייכט אַרויס פון צווישן דער סאַמעטענער האָריקער שוואַרצקייט. דאָס מאָגערע נישדיקע העלדזל מיט בלויע סמנים פון אָדערן־געוועב. אונטערן העלדזל טונקלט אַ טיף גריבל צווישן מאָגער־אַרויסשטאַרצנדיקע שליסל־ביינער דאָס שטיקל לײַב איבער דער ווײַסקייט פון העמד. חייזט אַ קנאַפּן זכר פון אַ מיידלשן בוזעם. זי זינקט אין אַ חלומענדיקן דרימלען. דער בעל־חלומות קערט איבער אין איר פאַרגעפּלטן דמיון־שפּיגל אַ שטיק ווירקלעכקייט פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, און פאַרשפּינט עס מיט אַ פאַנטאַסטישן רויטן שפּינוועבס. זי זעט דאָס פּאַסירונג פון דריטהאַלבן יאָר צוריק. ווען אַ זעלנער האָט שיעור פאַרגוואַלטיקט איר שוועסטער, שפרה:

... זי, שייוועלע, מיט שפרהן, מיט שפרהס חברטאָרנס גייען צוריק פון אַ נאָענט דערפל מיט זעקלעך אָנגעריסענע באַביבלעך אויף די פּלייצעס... סוף זומער... די ביימער וואָס באַגעגענען זיך אויפן וועג זענען שוין רויט... די פעלדער אויך רויט... אַלץ איז באַגאָסן מיט בלוט... פון דער מלחמה... דער הימל — רויט, ווי אָנגעגליטער אײַזן... האָט זיך אָנגעגליט איבער די ברענענדיקע דערפלעך און קאָן זיך נישט אָפּקילן... אויף שפרהן, אויף אירע חברטאָרנס ליגט אויך אַזאַ רויטער אָפּשײַן... דער שווייס אויף זייערע פּנימער – טראָפּנס בלוט... מסתּם איז זי, שייוועלע, אויך אַזוי... זי טוט זיך אַ וויש דעם

שווייס מיטן ווייסן בלוזקעלע — נאַס פון בלוט!.. אונטער
זייערעב אָרוויסע פיס רודערט פאַראַמאָל אויף דער שטילער
שאָסיי... עמעץ פאָרט... זיי רוקן זיך אָן נענטער, צוגעטוליעט
אייגע צו דער אַנדערער, ווי שעפעלעך געטריבן פון אַ בייזן
פאַסטעכס בייטש... די הערצער קלאַפן הויך. ווי זייגערס ביי
אַ זייגערמאַכער אין שטוב... עמעץ שרייט צו זיי... זיי בלייבן
שטיין שרעק=פאַרגליווערט... אַ רויטער רייטער אויף אַ רויטן
פערד יאָגט זיי אָן... אַ רויטער מענטש, ווי נאָרוואָס אונטערגע-
טונקען אין אַ טייך בלוט... ער שפּרינגט אראָפּ... זיי צעשפּרינ=
גען ווי אַ סטאַדע פייגל... אַנטלויפן... בלויז זי, שיינועלע, האָט
נישט קיין כוח צו לויפן... ווי געליימט... ער, דער רויטער
כאַפּט איר אָן מיט איין האַנט... מיט דער צווייטער בינדט ער
דאָס פערד צון אַ בוים... ער טוט איר אַ וואָרף צו דר׳ערד
אין ראָוו... זי רייסט זיך... שרייט... גוואַלדעוועט... אָבער דאָס
קול גייט פון איר נישט אַרויס... אין דער ווייט לויפן די מייד-
לעך, און אַ רויטער שטויב טראָגט זיך זיי נאָך... שפרה בלויז
איז שטיין געבליבן פונדערווייטנס אויפן שייד=וועג, און געוואַל-
דעוועט, און טופּעט מיט די באָרוויסע פיס, און רייסט זיך די
האָר פון קאָפּ... זי, שיינועלע, שטרעקט צון איר שטום די
הענט, און איר גאַנצער קערפּער שרייט שטום מיט דער גאַנ-
צער שטומער וועלט... וואָס וויל ער פון איר?.. הרגענען?..
פאַרוואָס טוט ער עס נישט פאַר איין מאָל?.. זי רייסט זיך און
ווערט זיך מיט די לעצטע כוחות... ער רייסט פון איר דאָס
קליידל, דאָס העמד... ער וואַרפט זיך אויף איר... זי שפּירט
דעם אויר פון זיין אָטעם, ווי דאָס פאַרשטינקענע בלוט ביי זיי
אין שטאַל... וואָס וויל ער?!. ס׳ווערט איר פינצטער אין
קאָפּ.. דער באָדן גליטשט זיך אַוועק אין אַ תהום אַריין...
ווייט... ווייט... פלוצים וועקט איר פונווייטן אַ דונערן
פונם שאָסיי... דער זעלנער שפּרינגט דערשראָקן אויף... שפּרינגט
אויפן פערד, שפּאָרנט עס אָן, און וויקלט זיך אין אַ רויטן
נעפּל... זי איז געראַטעוועט!.. זי לויפט צו שפרהן... זי פאַר-

טשעפּעט זיך ביי די ריסן וואָס שלעפּן זיך נאָך פון איר קליידל... זי איז נאַקעט... זי פאַרכאַפּט מיט ביידע הענט דאָס צעריסענע קליידל, און הילט זיך אין דעם... זי ברענט פאַר בושה.. אָט פאָרט אָן געאיילט דער אָבאָז וואָס האָט איר גע-ראַטעוועט... אַ רויטער אָבאָז מיט רויטע אָנטרייבער... אוי! דאָס זענען דאָך יידישע שוחטים... רויטע, מיט רויט-פאַרבלוטיקטע חלפים אויסגעשטרעקט אין די הענט... אָט איז דער טאַטע אויך צווישן זיי!.. — טאַטע! טאַטע! — שרייט זי מיט שפרהן אין איין קול... אָבער ער קוקט זיך אַפילו נישט אום... די פערד זענען ביי די דוהעס פאַרפּוצט, ווי אויף קריסטלעכע חתונות, מיט קרענץ פון ווייסע-ווייסע געקוילעטע טייבעלעך, וואָס טריפן אָפּ מיט בלוט... די שוחטים-זעלנער, וואָס טראָגן זיך פאַרביי, קוקן איר, שייוועלען, גלייך אים קלייד-ריס אין לאַכן... לאַכן... לאַכן... זי כאַפּט אָן שפרהן פאַרן אָרעם, און ביידע לויפן זיי... לויפן... לויפן... ביז זיי טוען אַ פאַל איבער דער שוועל פון זייער שטוב-טיר — — —

זי עפנט די אויגן און ציט זיך פאַרמאַטערט אויס. פון דרויסן קלאַפּט דער לאָדן, און פון שטוב הערט זיך דאָס פאַ-רען פונם סאַמאָוואַר. זי טוט אַ קוק אין פענצטער, דערמאָנט זיך אַז זי דאַרף היינט גיין אויפן פערשטאָט אַ ברויט קויפן, און דער גאַנצער חלום וועפּט זיך איר אויס. זי טוט זיך גע-איילט אָן.

אין שטוב איז שוין אויפגעראָמט. דער סאַמאָוואַר בייזערט זיך פון טיש אַראָפּ מיט גאווה פון אַלטע גוטע צייטן. דער טאַטע זיצט אויבנאָן מיט אַן עלנבויגן פאַרלייגט אויף דער רוי-טער פאַטשיילע איבער דער אָפענער גמרא, און האלט אין דער צווייטער האַנט אַ שטאַרק-רויטע גלאָז טיי. לויט דער קאָליר איז גלייך צו דערקענען, אַז מ'האָט היינט פאַרפאַרעט עסענץ פון געבאַקענער און געשטויסענער חזיר-ביס-מעל, (אַז חזירים ווערן פון די ביס פעט, איז דאָך עס אַ געזונטע זאַך). דער טאַטע קוקט מיט די אַרויסגעקיילעכיקטע אויגן דורך אַ רויט

אָדערן־געזל אין דער טיי אַריין, און די באָרד איז אים צעשויבערט ווי פון בייזקייט. אין דער זייט זיצט די מאַמע איינגעהויקערט, און איר איידל־געשניצט פּנים קוקט אַרויס פאַרשוואַרצט רון פאַראַלמנהט פון אונטער דער פאַטשיילע אויפן קאָפּ. זי אוקט זיך צו אַ גלאָז טיי, און נעמט אַרויס פון אַ פּאַפּירל אויפן טיש אַ קאָלירטע צוקערקע.

— טפו! — שפייט אויס דעד טאַטע, אויסטרינקענדיק די טיי: צון אַ גלאָז טיי איז טאַקע נאָר אַ שטיקל צוקער...

— מילא, — שאָקלט די מאַמע מיטן קאָפּ, און וויל צורעכט מאַכן: אפשר וועט גאָט פאָרט העלפן, ס׳וועט זיך עפּעגען די וועלט... איך ווייס? דער „פאָרגט" זאָגט מען... וועלן אפשר פאָרט די קינדער עפּעס העלפן... אוי? רבונו־של-עולם!..

אַזאַ צייט שוין פון זיי קיין ידיעה נישט געהאַט! לעבן און געזונט זאָלן זיי מיר כאָטש זיין און די — ווייזט זי אָן אויף שייוועלען — ווערט פון טאָג צו טאָג גרינגער. וואָרן באמת;..

— גרינגער, שמינער, — שלאָגט איר איבער דער טאַטע: הייגט דאַנקט מען גאָט, אַז מ׳האָט דאָס טרוקן שטיקל ברויט... זעסט דאָך פון דער שחיטה.. ווי דער עולם עסט זיך הייגט אָן מיט פלייש...

שייוועלע ווישט זיך דערווייל אָפּ, פאַרקעמט זיך און גייט טרינקען טיי.

— נעם כאָטש אַ שטיקל ברויט מיט „פושקעלע-האָניק" (כ׳האָב איבערגעלאָזט נעכטן..') — זאָגט די מאַמע בקשהדיק: דו דאַרפסט דאָך ערשט גיין אויפן פערשטאָט נאָך אַ ברו ט.. אין אַזאַ זאַווערכע, אַזא „זאַמיט"!..

— נו. נו! — צעבייזערט זיך דער טאַטע: אַז מען דאַרף — גייט מען. ווער דען זאָל גיין?.. איך?

שייוועלע בריט זיך טרינקט אָפּ, און פילט ווי די טיי טריקנט איר אין האַלז און דער ריח פון די צוקערקעס שמעקט איר אין גומען, ווי זייף. זי טוט זיך אָן. די מאַמע העלפט איר, זיך פאַרמאָטן אַזוי, אַז מער ווי די אויגן און די שפּיץ

נאָז קוקן נישט אַרויס, און זאָגט איר אָן אָנאויפהער זי זאָל זיך נישט איילן, לויפן, וואָרן פאַרשוויצן זיך — דאָס איז דאָס ערגסטע...

— היינטיקע צייטן טאָר מען נישט קראַנק זיין, מיין קינד...

— אי, לאָז שוין זיין געזונט... געזונט שוין! — בייזערט זיך דער טאַטע. און שייוועלע איילט זיך צרויסצוגיין. זי ווייס, אַז פאַרן איבערבייס איז דער טאַטע שטענדיק צע־בייזערט.

אינדרויסן כאַפּט איר אַרום דער פראָסט פון אַלע זייטן. ער טאַפּט איר אַרום מיט ווינטישע צונגען, און זוכט ערגעץ אַ שפּאַרונע ווי ארום זיך צו צוקריגן צום איר ציטעריקן קער־פּערל. אָבער דער מאַמעס האַנט האָט אַלץ אַרום אַזוי גוט פאַרזען, אַז זיין טרחא איז אומזיסט. ווי עפּעס פון דער מאַמעס האַנט אַליין איז נאָך פאַרבליבן אונטער דער אָנגעפּעלצט־קייט, און צערטלט און וואַרעמט אַ מחיה. אָבער דער פראָסט טרעט דאָך נישט אָפּ, ווי אַ בייזער הונט. ער לעקט איר אַנטבלויזט שטיקל פּנים מיט אַ צונג פון געפרוירן בלעך, גלעט איר די אויגן ווי מיט שטיקלעך אייז, שניידט איר דאָס נעזל מיט שאַרפן ווינטישן מעסער, און פאַרשפּאַרט איר דעם אָטעם אַזוי, אַז עס טונקלט איר אין מח. עס לעשט זיך אין אים אויס די מינדעסטע מחשבה. איין געדאַנק בלויז גליט ווי אַ פונק אונטער אַש: די פערשטאַט... ברויט...

זי גייט שנעל און לופטיק, הינטערגעטריבן פונם ווינט, און אירע אויגן שפּרינגען פון בוים־שטאַם אויף בוים־שטאַם אויף דער גאַנצער ביימער־שורה לענגאויס דעם וועג. די ביי־מער־שטאַמען זענען האַלב־פאַרשנייט־ווייס, האַלב־הויל־גרוי, און דאָס שווינדלט ווייטיקלעך פאַרן בליק. דער וועג לויפט אַי־בער, קאָן זיין דייער גיך, קאָן זיין זייער לאַנגזאַם, נאָר זי שטייט שוין באַלד ביי דער כאַטקע, וווּ זי קויפט דאָס ברויט. ביי די האָסדיטישער היימלאָזע.

אין כאַטקע נעמט איר אַרום אַ פייכטע וואַרימקייט, און דער ריח פון לויג שניידט איר זויער אין דער געפרוירן-גלאָזיקער נאָז. איבער דער פאַרע פון אַ פאַס מיט וועש, וואָס שמעקט מיט זעלנערישן שווייס און מיט באָד, פאָרעט זיך בליומקע. אירע בלויע אויגן, וואָס זוכן ווער ס׳איז אַריינגעקומען, און די בלאָנדע האָר גלאַנצן דורך דער פאַרע, און זי איז נישט מפסיק אינמיטן זינגען מיט איר הייזעריק-צוגעלעגערטן קול. אויף איר גוטמאָרגן, שייוועלעס. קומט אַרויס די דיקע אסתר-חיה פון דעם צווייטן חדרל, און פרעגט צופרידן און גאוהדיק, ווי אַ מענטש וואָס פון אים זענען אָפהענגיק מענטשלעכע לעבנס:

— וואָס-זשע ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס, דעם שוחטס מיידעלע?

— אַ ברויט וויל איך ביי אייך קויפן.

— זעסטו, מאַן דאַטש האָט נאָך האַנט גישט אַריינגעבראַכט...

— אוי-וויי! — רייסט זיך שייוועלען אַרויס פון האַרצן און שניידט זיך אַריין אין בליומקעס געזאַנג מיט אַ טענה: איך קויף דאָך שטענדיק ביי אייך!

— מאַמע, — זאָגט בליומקע: זי איז טאַקע געערכט. גיב איר פאַרן געלט אייער...

און צו שייוועלען דרייט זי אויס דעם קאָפּ און גיט צו:

— דו גיי אַראָפּ-גאַס, די לעצטע כאַטקע, דאָרט וווינט דער בעקער. פאַר אייער וועט ער דיר פאַרקויפן אַ ברויט.

— צו אַ זעלנער?.. — שטאַמלט שייוועלע זיך דערשרעקנדיק: איך האָב מורא...

— כאַ—כאַ—כאַ! — צעלאַכט זיך בליומקע אין דער פאַרשטינקענער פאַס אַריין: ער האָט דאָך אפילו נישט ביי דיר וואָס אָפּצעבייסן...

שייוועלע פאַרשעמט זיך און לאָזט זיך שטום אַריינלייגן די אייער אין די קעשענעס. זי באַצאָלט און גייט מיט אַ ווידערווילן אַרויס. אינדרויסן בלייבט זי שטיין אומאַנטשלאָסן.

באָר געשטופּט פון דער נויט, געטריבן פונם געדאַנק: און וואָס וועט זאָגן דער טאַטע ?... לאָזט זי זיך גיין צום זעלנער און דאָ טויכט פּלוצים אַרויס אין איר דמיון דער גאַנצער שרעקלעכער חלום אויפן פרימאָרגן. עס זעצן זיך איר די קניעס. און וואָס מערער זי שרעקט זיך, אַלץ מערער איילט זי זיך, כדי שוין צו האָבן די שרעק איבערגעפּטרט. גיין מוז זי דאָך. און זי קלאַפּט מיט ציטערדיקע פינגער-קראָקוועלעך אין דעם זעלנערס טיר. דאָס האַרץ קלאַפּט און דאָס מויל איז פאַרקלעמט.

— העריין!

דער זעלנער, אין הוילע ווייסע אַרבל, זיצט געבויגן צום פענצטער און לאַטעט אַ גרויסן פאַרמעליקטן שטיוול.

— גוט מאָרגן, ליבער הער! – באַגריסט זי און אָטעמט קוים אַרויס: פיליכט האבן זיי איין בראָט?

— בראָט? – פירט איבער דער זעלנער אַ טיפזיניקן בליק פונם שטיוול אויף איהר, און באַטראַכט איר: יאַ עס גיבט פיל. שאַוע נאָר הינאיין, דו קליינע, — ווייזט ער איר מיטן שטיוול אין צווייטן חדרל אַריין.

אויף אַ ברייטן נידריקן טאַפּטשאַן ליגן דאָרט ווירקלעך עטלעכע שורות פירקאַנטיקע דייטשע ברויטן און עטלעכע וואָרשטן.

— אָבער, — ציט דער זעלנער ווייטער, און שמייכלט: מיט וואָס צאַלסט דו, מעדכען ?..

— איך האַבע אייער, ליבער הער, — אָטעמט זי אַ רגע פרייער.

— אָבער וואַס, – איז דער זעלנער מבטל מיטן שטיוול אין דער לופט: אייער — דאָס האַבע איך זעלבסט... זאַגע מיר, קליינע, ווילסט דו שלאָפן גיין?..

שייוועלע ווערט ווייס ווי לייוונט, הייבט אָן דריבנע צו ציטערן, און די אייער וואָס זי האָט אַרויסגענומען צו געבן דעם זעלנער פאַלן אַראָפּ אויף דער פאָדלאָגע.

דער זעלנער שטייט ביים אויף פונם אָרט. זי קוקט אויף אים מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון פחד. און קאָן זיך פון אָרט נישט רירן.

אין דעם אויגנבליק קלאַפּט ווער אָן אָן טיר.

— הערײַן!

עס קומט אַרײַן אַ פאַרמאַטערטע מויד. זי דערקענט איר נישט. לויטן גוט־מאָיע, וואָס פאַלט איר אַרויס פון מויל דורך אַ געלעכטער, דערקענט זי אין איר אַ שטאָטיקע באַלעבאַטישע מיידל.

— אַה! דאָס ביסט דו! — דערפרייט זיך מיט איר דער זעלנער, נעמט איר אונטערן אָרעם, מיידט־אויס דעם חורבן פון די אייער אויף דער פאָדלאָגע, און פירט איר אין צווייטן חדרל אַרײַן.

שיינעלע קומט באַלד צו זיך, רייסט־אָפּ אַ ווײַ־בליק פון די צעבראָכענע אייער. וואַרפט אַ צווייטן כמעט אַ פאַרבענקטן אויף די וואָרשטן ברויט אין אַלקער, און גייט שטיל. בגנבה אַרויס. דאָ באַפאַלט איר פּלוצים אַ שוואַכקייט. זי קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן, צעוויינט זיך אויף אַ קול, און גייט אַזוי די גאַנצע גאַס, נישט פילנדיק אַפילו ווי עס פרירן איר די טרערן אויף די ברעמען. ביי דער כאַטקע פון די האָסדיטשער הייס־לאָזע קומט איר אָן אַנטקעגן די דיקע אסתר־חיה:

— זעגאָר, וואָס וויינסטו?

— די אייער זענען מיר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. האָט מיר דער בעקער קיין ברויט נישט פאַרקויפט, — פּלאַצט זי אַרויס מיט אַ ביטער געוויין: אין דער היים... איז... קיין שטי...קל ברויט נישטאָ...

— נו, ביסטו אַ שלימזלניצע. דעם שוחטס מיידל! — שיט איר די גראָבע גוטמוטיק זאַלץ אויף די ווונדן, אָבער זי דערבאַרימט זיך פונדעסטוועגן אויף איר אויך:

— נו, קלאָג נישט. וואַרט דאָ צו. איך וועל דיר אַרויסטראָגן מײַנס אַן אייגן ברויט אויף באָרג.

זי דערלאַנגט איר באַלד אַרויס אַ ברויט:

— נא, מסתּם וועט מאַן דאַטש אין בליומעניון נישט פאַר־געסן, ט'אַראַנבערענגען שפּעטער... טילא, פון שוחטס וועגן... זאָלסט טאַקע זאָגן דעם טאַטן...

שייוועלע באַדאַנקט איר מיט אויפגעשטראַלטע אויגן. ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט וואָלט זי איר אויסגעקושט, דער גראָבער זי פאַררוקט דאָס ברויט אין פאַזעכע, און לאָזט זיך גיין מיט אַ פאַרלייכטערט האַרץ.

— יאָ, העך נאָר! — שרייט איר נאָך די גראָבע: זאָלסט נישט גיין גלייך מיטן ייעג. מ'האָט אָנגעזאָגט די פאָסטן טאָמער טרעפט ער ביי עמעצן אַ ברויט. זאָל ער עס צונעמען. קאָן מאַכן אַ פּראָטאָקאָל אויך. גיי ליבערשט מיטן טאָך...

שייוועלע דערפילט ווי אַ נייע שוואַרצע כמאַרע ריקט זיך איבער איר אָן. זי ווערט ווידער אומרויק. צוגעקומען צו דער טייך־לאָנקע, קוקט זי זיך אַרום מיט דערשראָקענע אויגן, ווי אַ גנב. זעט אין דער גרויקייט פון דעם געדיכט־פאַלנדיקן שניי נישט מער ווי צעשוווּמענע פלעקן פון ביימער. און לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל. אויף דעם מיט גאָרנישט געצווימטן און פאַר־שטעלטן זומפּ־סטעפּ, ווו בלויז פלעקן פון געדיכטע טשערעטן טונקלען אויף דעם שנייאיקן פאַרשפּרייטעכץ, הוליעט דער ווינט נאָך שטאַרקער און פאַרשיט די אויגן מיט שניי־שטויב. ס'איז נישט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און עס רוישט אין די אויערן. אויף דעם ווייכן, שטילן שאָרך־באַלעם פונם שניי־שיט, לויפט אַלעמאָל אָן דער ווינט און שניידט אים דורך מיט אַ פייף ווי מיט אַ בליציקן מעסער. זי דערפילט זיך דאָ, שייוועלע, איינע אַליין אויף דער וועלט. אַזוי פאַרלאָזן, אַזוי קליין, ווי אַ מאַנענק שוואַרץ פינטעלע צווישן מיליאָסן שנייעלעך וואָס שפּרייטן זיך אין גאַנצע לייִלעכער... זי זאָל כאָטש נישט בלאָנדזשען... אפשר איז זי צו־נאָענט צוגעגאַנגען צו דער בריק, ווו עס שטייט דער פּאָסטן... אה?.. עמעץ רופט, דאַכט זיך!.. אפשר האָט איר

דער פּאָסטן דערזען...

זי נעמט לויפן. עס קומט איר זייער שווער אָן אין דער אָנגעפּעלצטקייט. זי איז ווי געפּענטעט. דאָס ברויט שטעכט איר מיט צוויי שפּיציקע קאַנטן דאָ אונטערן האַרץ, דאָ אין בויך. דער ווינט העלפט איר אונטער צו לויפן, אָבער גלייכצייטיק טראָגט ער איר נאָך אין געהער דעם דראָענדיקן רוף. זי נעמט אַרויס די הוילע הענט פון די קעשענעס, נישט־געקוקט אויפן פראָסט, כּדי ס'זאָל איר לייכטער זיין צו לויפן. אויף איין אָרט, וווּ דער ווינט האָט אַנטפּלעקט פון אונטערן שניי אַ שטיקל ריינעם טייך־שפּיגל, טוט זי זיך אַ גליטש און פאַלט... צי האָט דאָס אייז אַ פּלאַץ געטון, אָדער מ'האָט אויס־געשאָסן?!. זי שפּרינגט אויף און לויפט ווייטער.

אַרויסגעקומען ערגעץ אויף דער מאָנאָסטירער גאַס, בלייבט זי שטיין, סאָפּעט זיך אָפּ, און לאָזט זיך פּאַמעלעך, מיט אַ שווינדל אין קאָפּ, אַהיים. אינסטינקטיוו פאַרשטעקט זי די הענט אין די קעשענעס, און פילט די פינגער ווי אייז־צעפּלעך. עפּעס אַזאַ שאַרפער ווייטיק דערגרייכט פון זיי ביזן סאַמע האַרץ־לעפּעלע. און זי פאַלט אַריין אין שטוב מיט אַ יאָמער־לעך, אין טרערן אויסגעווייקט געוויין.

— ווי איז צו מיר (נישט)! — צאַפּלט איבער איר די שוחטקע: דעם קינד איז אַוודאי פאַרגאַנגען שפּאַרעס.

זי לויפט אַרויס, ברענגט אַריין אַ שניי־גאָמלקע און רייבט מיט איר איין שייוועלעס טויט־געלע פינגער.

באַרויקט אַ ביסל שייוועלען, דערמאָנט זי זיך:

— נו, און וווּ איז דאָס ברויט?

— אוי־אוי! — כאַפּט זיך שייוועלע מיט די נאַסע רויטע הענט פאַרן קאָפּ, און קוקט מיט דערשראָקענע אַרויסגע־שפּאַרטע אויגן אויפן טאַטן, וואָס באַווייזט זיך אין דעם מאָ־מענט אין דער גלעזערנער טיר, אַ שניי־ווייסער מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, פון בית־מדרש קומענדיק: אוי־ווי! ס'איז מיר אַוודאי אַרויסגעפאַלן אויפן וועג... כ'האָב זיך אויסגעגליטשט...

— וואָס דען, — צעבייזערט זיך לייב שוחט מיט אַ פּאַר־חלשט האַרץ פון הונגער: אַז אַליין פאַרדינט עס נישט, ווי קינדער ביי לייטן, ווייסט עס נישט ווי דעם גראָשן אָפּצוהיטן...

נאָכמיטיק־שטילקייט. דאָס האַרץ פון די שטוב־ווענט, דער וואָג־זייגער, שלאָגט קלאָר אויס זיין טיק־טאַק. דרימלענ־דיקע רו העגנט אויסגעשפרייט מיט אַ ווייכן ווארימען פליגל איבערן מעבל, איבער די ווענט, און איבער די פענסטער מיט שטיקער שנייאיקן דרויסן, וואָס צייכנט זיך מיט ווייסע דעכער־קאַנטורן פון דערבייאיקע הייזער. לייב שוחט, איינגעדעקט מיט זיין פוטער, שלאָפט אויף דער קאַשעטע נעבן טיש, און זיין פאַררויטלט פנים מיט די שטרענג־געשלאָסענע ברעמען קוקט מיט פאַרגליווערטער בייזקייט פון דעם שוואַרצן יאַרמלקע־פלעק אויף דעם קישן. די צוגעמאַכטע, גרויסע ווילנער גמרא אין לעדער־נעם בונד ליגט אויפן טיש, וואַרטנדיק אויף אים מיט אַן אַ שיעור געהיימניש. שייוועלע זיצט אין דער זייט, שרייבט פון אַ דייטשיש ביכל אַרויס, און פילט זיך נישט הענטיק: עס קומט איר טיילמאָל פאָר מחמת דער רו און שטילקייט, אַז זי שרייבט איצט אום שבת נאָך דער מיטיק־סעודה. אָבער זי איז אין זיך גובר דאָסדאָזיקע אויסדוכטעניש און שרייבט ווייטער. פאַראַמאָל לאָזט דער טאַטע הערן אַזאַ שאַרפן כראָפּ, ווי אַ דראָ־ענדיקער בייזער. איר האַנט מיטן הענטל־פען בלייבט ווידער הענגען איבערן העפט מיט אַ ציטער. זי הייבט אַרויף די אויגן און זאַפּט זיך מיט זיי איין אויף דער אָקעגנדיקער וואַנט אין די שוואַרצע טוכענע טעשלעך, אַ גרויס, אַ קלענערס, און נאָך אַ קלענערס, ווו עס שטעקן די בלאַנקעדיקע חלפים־שאַרפן פאַר גסות, דקות און עופות. עס קומט איר פאָר, שייוועלען, אַז אין דידאָזיקע שוואַ־צע טעשלעך ליגט דעם טאַטנס נשמה, אַזאַ קאַלטע און שטאָל־בלויזלעכע, ווי דער בלאַנק פון די חלפים.

... אַז דער טאַטע קוילעט, קוילעט ער מיט דער גאַנצער נשמה... — לויפט איר דורך אַ מחשבה, ווי אַ פראָסט, פון מות

אין אַלע ביינער אריין. ס'נעמט איר דורך אַ שוידער, און אין דער אָפּשיין־רוי טקייט פון דעם טאַטנס זיך־גוזמאדיק־פּאַרגע־שטעלטע רויטע אויגן, וואָס הענגען איבער איר קאָפּ ווי צוויי בלוטיקע לאַקאָמאָטיוו־לאַמטערן־קוילן, שווימען פאַרביי, ווי פלעקן, גרויזאַמע דערמאָנונגען פון באַנאַכטיקע חלומות... עס שליסן זיך איר די וויעס. איר געהער ווערט ווייך און איידל, און גליטשט זיך אַריין אין דער שטילקייט. ווי אַ שוואָם זאַפּט עס איין אפילו דעם שאָרך פון אַ מייזל אונטער דער פּאָדלאָגע. אַ שטיל אָטעמען, דאָס אָטעמען פון דער מאַמען אין צווייטן חדר ביי דער הרובע, גלעט איר צערטלענדיק ווי אַ פוכענע פעדער, און שלעפּט איר איין. זי פאַלט מיטן קאָפּ אויף דער האַנט אָנגעשפּאַרט אָן טיש.

אַ קלאַפּ פון דער גלעזערנער טיר ווי אַלע שויבן וואָלטן געפּלאַצט, און אַ האַקן פון באַצוויעקעטע זוילן, רייסן איר אויף. אַקעגן שטייט איציק „סקאָפּ", און הינטער אים[illegible]מיט אַ קאָפּ העכער זיין ווייב פעשע „סקאָפּעכע". סקאָפּעכע זעט אויס ווי אַ הויכער דאַרער מאַנספּאַרשוין אין ווייבער־קליידער. פון אונטער איר קאָפּ־שאַלעכל קוקט אַרויס אַ שוואַרץ געקנייטשט פּנים, ווי טרוקענער פעפער, אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע טריבע, קאָסע אויגן; און אַ האַלב־אָפן מויל מיט אַרויסגעשטאַרצטע, געלע פערדישע ציין. איציק „סקאָפּ" ווידער פּינטלט מיט אַן אויג, ווי ס'וואָלט זיך אים פאַרטרייסלט, און די באַק־הויט פון ווייס־געלבלעכן קאָליר פון אַלטן הערינג־מילך צוקט אַרויף צום אויג, ווי אַ מילך־הייטל ווען ס'קילט זיך, און ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט עפּעס ממזריש געוווּנקען צו זיך אַליין:

— דער שוחט שלאָפט גאָר!

— לייב! — וועקט די שוחטקע דעם מאַן פון צווייטן חדר אַרויס.

— אָה! — דרייט זיך דער שוחט שווער איבער אויף אַ זייט. און עפנט איין בייז רויט אויג, ווי בלוט — אַ קעלבל קוילענען?.. ווער איז?..

איציק „סקאָפּ" טוט א שאַרווע מיט אַ שטיוול און רירט זיך אָבער נישט פון אָרט מחמת יראת־הכבוד. ער צוקט מיט די ליפּן, ווי ס׳איז אים שווער עפּעס ארויסצוברענגען, און פּלאַצט פּאַראַמאַל אַרויס אומגעלומפּערט:

— כ׳בין געקומע׳ מיט אַך מאַכן אַ געשעפט, ראַב לייב...

— אַ געשעפט?!. — ווונדערט זיך דער שוחט, עפנט דאָס צווייטע רויטע אויג, און זעצט זיך אויף פונם פוטער אַרויס אינם וואַטעווען שפּענצער מיט די ברוינע אַרבל פונם באַרכענעם לייבל.

לייב שוחט באַפאַלט פלוצים זיין טיילמאָליקער הומאָר, זיין פּנים גלעט זיך אויס, ווערט באַגלאַנצט מיט אַ שמייכל, און ער פּאַרענדיקט מיט נאָך אַ פראַגע:

— וואָס־זשע? האָסט אָפּגעשונדן אַ נבלה, און דו ווילסט מיר די פעל פאַרקויפן?..

— האַלעוויי ׳אָלטן מיר ג׳האַט די פריעדיקע פרנסה! — פּאַלט אַרויס פון דער „סקאָפּעכעס" האַלב־אָפן מויל איבערן מאַגפ קאָפּ — ס׳איז נישט מיסער פון שניידן לעבעדיקע העל־דזער..

איציק צינדט זיך אָן, טוט זיך אַ קער ציר און מיט ברום:

— פאַרמאַך „די לאַך"!

און וויל פאַרגלעטן מיטן דערקלערן וואָס ער מיינט:

— באַ אַך, ראַב לייב, שטייט ליידיק דאָס קלייטל...

— נו, ווילסטו עס, הייסט עס דינגען? — פאַרכאַפּט דער שוחט, און בייגט זיך אונטערן טיש, אַרויפצוציען די שטיוול.

— ניין... נישט דינגען... איך... וויל... מאַכן מיט אַך שותפות...

פון איבערראַשונג טוט זיך לייב שוחט, אַרויסנעמענדיק דעם קאָפּ פון אונטערן טיש, אַ שטאַרקן זעץ אָן אים, און ער וואַרפט אויף „סקאָפּן" אַ פּנים פון אַ גזלן:

— ווי הייסט! דו מיט מיר שותפות?.. איך האָ׳

נישט קיין געלט אַרייַנצולייגן...

— געלט לייג איך אַרייַן אין געשעפט וויפל מע דאַרף נאָר... וויפל איר ׳עט הייסן... נאָר...

— נאָר וואָס? איך זאָל געבן דאָס קלייטל... — קילט זיך לייב שוחט, דערשמעקנדיק אַן עסק: מהיכי־תיתי...

— איר פאַרשטייט, ראַב לייב, ס׳אַזאַ מאנסע: מאַן מויד ווי׳ נישט גיין אַרבעטן... כאָטש אַ קרענק איר אין די ביינער אַראַן!.. זאָג איך: וואָס הייסט? האַנטיקע צאַטן!.. דער טאַטע מיט די ברידער ׳עלן אַרבעטן צו שטאָפּן דאַן קישקע?!. בקצור — אַ קראָם... זי וויל אַ קראָם... אָבער, זי׳ט דען קאָנען פאַר־קויפן?.. אַ בראָך איר אין קאָפּ!.. קען נישט קאַן דאַטש, קען נישט באַחשבונען... גאָרנישט... טויג נאָר צו זיצן, דער סאָלדאַט זאָל קוקן אָף איר...

— מאַלע וואָס ער רעדט! — קאָן זיך די „סקאָפּעכע" נישט איינהאַלטן, און רוקט זיך באַצייטנס אַ ביסל צוריק פונם מאַן: אַ מויד — שוין אַזאַ יאָר אויף מיר! — אַן איבערבעט...

— הכלל, וואָס־זשע ווילט איר פון מיר? — שטוינט דער שוחט.

— איר ׳עט נישט האָ׳ען קיין פאַרריבל, ראַב לייב... איכ׳ל אַראַנלייגן אין געשעפט אראַן מאַן געלט מיט מאַן מויד, און איר — אייער קלייטל מיט אייער מיידל...

— ווי הייסט, מיין מיידל? אַז מיין שפרה איז גאָר נישטאָ הי?

— טאַקע די־אָ, וואָס זיצט דאָ, מיין איך, — טייט איציק „סקאָפּ" מיט אַ האָרענעם פינגער אויף שייוועלען.

די שוחטקע רוקט זיך אַרויס פאַמעלעך, ווי אַ טויב, פון צווייטן חדר, גלייכט דעם טשיפּעק אויפן קאָפּ, און איז מבטל דעם ענין:

— ווייס איך וואָס.. זי איז דאָך נאָך אַ קינד, שייוועלע...

שייוועלע ווערט צעמישט, מאַכט זיך כלומרשט פאַרטון אינם שרייבן, און די פענשפּיצן פלאָנטערן זיך, פאַרליינן זיך

ווי מאָנענקע פליגעלעך איינס אויפס אַנדערע, און ראַצן אָן רחמנות דאָס פּאַפּיר. זי דערפילט אַ שאַרפן עסנדיקן בליק איבער זיך, ווערט פאַרגליווערט און רייסט בלויז אויף מיט שרעק די אויגן. דעם טאַטנס עסיק־שאַרפער בליק, אונטער אַ צוזאַמענגעקנייטשטן, דיק־געפּאַלדעוועטן אָנגעשטרענגטן שטערן, ווי פון שטיין, שרימפּפּט איר איין אינגאַנצן.

— מיר וועלן זעען, מיר וועלן זעען, — זאָגט דער שוחט ארויפּציענדיק דאָס כאַלאַטל, און גייט אין קיך זיך וואַשן.

— וואָס אַרט אייך — אַז אַ קינד ? — רוקט זיך „סקאָ־פּעכע" אַרויס פון הינטערן מאַן, און בלייבט שטיין מיט אים אין איין שורה; זי ט'דאָך נאָר זיין די פאַרקויפערן . . . אָט זיצט זי און שרייבט . . . קאָן חשבונען מסתמא אויך ... איר זאָלט נאָר נחת פון איר דערלעבן! ... אלא „זיצן" מיטן סאָלדאַט — וועט שוין קענען מיינע ... קומט אַ סאָלדאַט עפּעס קויפן, ברענגט ער איר מיט אַ ברויט ... איר באַקט ברויט שוחטקע, אָדער איר קויפט ?.. קיין ברויט וועט אייך שוין אַוודאי נישט פעלן...

. . . סאָלדאַט — ברויט... ברויט — סאָלדאַט . . . — רוישט עס שייוועלען אין די אויערן. עס הייבן איר אָן ציטערן די קני אונטערן טיש. זי שפּאַרט זיך אָן אָנגעשטרענגט מיט די פיס אָן טיש־שטאָלן. דער טיש טוט אַ שאַרווע מיט די פיס־לעך און אַ רוס זיך פון אָרט. שייוועלע פאַלט אויף אים מיטן קאָפּ.

— אוי! — וויל די שוחטקע צון איר צולויפן.

— הער־נאָר! — רופט דער שוחט פון קיך — דערלאַנג מיר דאָס האַנטעך...

די שוחטקע טוט זיך אַ וואַקל אינמיטן גאַנג, צווישן קינד און מאַן, צווישן ליבע און אונטערטעניקייט, און גייט אַרויס. „סקאָפּ" מיט „סקאָפּעכן" דרייען זיך איצטער אויס פּנים־אל־פּנים, און קוקן זיך שטום אָן. שייוועלע, ווי זי איז אַנידערגעפאַלן אַזוי ליגט זי מיטן קאָפּ דערשלאָגן אויפן טיש, ווי אַ גע־משפּטער וואָס מען דאַרף באַלד אַרויסטראָגן זיין פּסק־דין . . . פון

טיך הערט זיך אַ האַסטיק געשפּרעך צווישן טאַטע־מאַמען; דער גאַטע רעדט בייז און באַפעלעריש, און די מאַמע בעט זיך, קיט צו פאַרשטיין...

עס קומט אַריין אריה קצב. דער „תּלמיד־חכם" צווישן די קצבים. אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאָנד בערדל, וואָס ער האָט עס ליב אָפּט אַריינצונעמען אין מויל אַריין און קייען פאַרטיפט אין מחשבות, ווייל ער האָט געזען איידעלע יידן טוען אַזוי; אַ קורצזעצווידיקער, צוליב וועלכן זיין קאָפּ מיטן קצביש־אַראָפּ־גערוקטן דאַשעק שטעקט שטענדיק מיט פאַרזשמורעטע אויגן פאָרויס.

דערזעען צוויי מענטשן־שאָטנס, דערנענטערט ער זיך, שטעקט אַריין צווישן זייערע קעפּ זיין פּנים מיט פינטלדיקע ברעמען, ווי ער וואָלט זיי וועלן באַפינזלען און עפּעס געוווּנקען צו זיי, און באַשמעקט זיי מיט אַן אָפּטן באָז־סאָפּען. „סקאָפּ" פינטלט צון אים צוריק מיט איין אויג.

— המם... — טוט אריה קצב אַ ברום מיט בטולדיקן רוגז, ווי אַ הונט ווען ער צייגט זיך איבער אַז דער דערטאַפּ־טער ביין איז יבש, און ער גייט־אָפּ.

באַלד קומען אַריין דער שוחט און הינטער אים די שוחטקע. „סקאָפּעכע" שטעלט זיך צוריק הינטערן מאַן.

— אַ גוט עלעף! — באַגריסט אריה קצב און דערנענ־טערט זיך אַרומצעשמעקן די אַריינגעקומענע.

— אַ גוט יאָר. אַ גאַסט! — ווערט דער שוחט אויפגע־לייגט — וואָס וועסטו עפּעס זאָגן גוטס?

— ס'וועט זיין פלייש אויף שבת... מיט גאָטס הילף... קומט קוילענען אַ קעלבל... עפּעס זע איך דאָ טאַקע געסט באַ אייך, רב לייב?..

— אָט! איך וועל טאַקע פרעגן באַ אריהן אַן עצה, — זאָגט דער שוחט מיט קוראַזש — זיי ווילן, איך זאָל זיי געבן מיין קלייטל, און... שיווועלע זאָל דאָרט צוהעלפן ביים פאַר־קויפן... פאַרשטייסט?.. און זיי לייגן אַריין געלט — אויף

שותפות... וואָס זאָגסטו, אריה, איאָ ס איז אַ געשעפט... „מיינע"...

— נו, און מיין מויד וואָס איך לייג אַריין, — קאָן „סקאָ־פּעכע" נישט פאַרשווייגן איר „קינדס" קריוודע: נישקשה, צון איר וועלן דאָך קומען די סאָלדאַטן, און נישט צום שוחטס מיידל... אזאַ...

— שווייג! — טרעפט איר „סקאָפּ" מיטן עלנבויגן אין איינגעפּאַלענעם בויך אַריין.

— יאָ, דאָס איז עס טאַקע, אריה, פאַרשטייסט?.. — קווענקלט דער שוחט אין פאַרלעגנהייט: אַזאַ שותפות... אַ מעשה מיט זעלנער... אַ מיידל... ווייס איך?..

ער ציט אַרויס דעם חלף פונם טעשל און פרווט אים אויף די שפּיץ פינגער.

— וואָס־זשע, מ'עט איר מאנס זאָן?! — פאַרשטייט נישט „סקאָפּ" דעם שוחטס מורא — ס'אי דאָך אין שטוב, נישט אינ־מיטן פעלד.

דער וואָג־זייגער הייבט אָן לאַנגזאַם און הייזעריק צו קרעקן.

— איר זעט, — פאַררייסט „סקאָפּ" די ליכטיק־גלעזערנע אויגן צום זייגער און פינטלט נאָך שאַרפער מיט איינעם — דער זייגער קלינגט אויף אַן אמת...

שייוועלעס בליק פאַלט אויך אויפן זייגער, הענגט זיך און ציט זיך אַראָפּ מיט די וואָג־קייטלעך, און עס קומט איר פאַר — דער זייגער וואַרגט זיך מיט דעם אמת...

איבער אריה קצבס פּנים לויפט פאַרביי אַ זעלבסט־צו־פרידן חכמה־שמייכעלע, און ער ענטפערט „סקאָפּן" פאַרן שוחט:

— ניין. מאנס זיין האָבן געקאָנט נאָר די רוסישע... אָבער די דייטשן קאָנען מפתה זיין...

— זעסט דאָך, לייב, — ווייל די שוחטקע אונטערשטיצן דאָס וואָס דרינגט אַרויס פון אריה קצבס ווערטל — אז דער אייבערשטער וועט וועלן, וועט זיין פּרנסה פון דער שחיטה אליין אויך...

— נקרא לנערה ונשאלה את פיה... — לייגט דער שוחט אַריין מיט אַ שפּאָסל די טומאה אין דער יראה אַריין, און וויל דוקא באַשטיין אויף זיינעם — ע׳מיר הערן, וואָס דער „בעל־דבר" אַליין וועט זאָגן ... וואָס זאָגסטו, שייוועלע?

שייוועלע הייבט אויף אַ בלאַס פּנימל און קוקט צעמישט אויף אַלע ארום.

— הערסט נישט וואָס איך רעד צו דיר? אַז זי איז ווי פאַרשומעט פון ליידיק־אַרומגיין און פון ב׳כלעך־לייענען... — צינדן זיך אָן ביים שוחט די אויגן, און ער לאָזט זיי ביז אַראָפּ אויפן שאַרף פונעם חלף.

שייוועלען דאַכט זיך צו זעען אויפן שאַרף דעם רויטן גלאַנץ פונעם טאַטנס בלוטיקע אויגן. עס לויפט איר דורך אַ מחשבה־שוידער: דאָס שאַרפט ער עס פאַר מיינטוועגן!... און מיט אַ רעזיגנירט שוואַך קול זאָגט זי שטיל איר הכנעהדיקע הסכמה:

— ווי דער טאַטע וויל, אַזוי זאָל ער טון ...— — —

— — — — — — — — — — — —

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט לייב שוחט צוריק פון דער שחיטה, אין שטעקט אַריין דעם חלף אין טעשל. באַלד קומט אויך אונטער איציק „סקאָפּ" מיט אַ שיינענדיק פּנים. ער פאַרהייבט טיף דאָס פּעלצל מיט דער האַנט, העלפט זיך אונטער דאַביי מיט דער קני. אנן ציט אַרויס פון דער הויזנקעשענע אויפן הינטן אַ פלאַש בראָנפן.

— איך האָב געבראַכט „מהאָריטש", ראַב לייב... פון שמריה־משהס גראַלניע, ס׳עט אָך אַ ביסל דערוואַרימען...

— אהו! — דריקט לייב שוחט אויס זיין פאַרלעגנהייט צוזאמען מיט צופרידנהייט, און סטאַרעט זיך צו פאַרדעקן עס מיט אַ שפּאַסל:

— הער־נאָר! דערלאַנג נאָר די אייער־קיכלעך אהער ...

— שייוועלע — שאַפט די שוחטקע בנעימותדיק פון צווייטן חדר - דערלאַנג עטלעכע קיכלעך און אַ פּאָר גלעזלעך

צום טיש...

שייוועלע דערלאַנגט קיכלעך פֿון בערעקעס מיט טונקעלער מעל פֿאַרקנעטן, שוואַרץ־רויטע ווי פֿאַרבאַקענע שטיקער בלוט, און אַ פּאָר גלעזלעך.

לייב שוחט גיסט אין פֿאַרלעגנהייט אָן די גלעזלעך, נעמט איינס, און ווייזט אָן אויפֿן צווייטן מיטן פֿינגער:

— מילא... זעץ דיך, איציק... לחיים!..

— לחיים, ראַב לייב! — קערט „סקאָפּ" איבער דאָס גלעזל זיך נישט זעצנדיק, און לעקט אָפּ די נאַסע וואָנץ — זאָל גאָט העלפֿן... ס'זאָל זאַן פּרנסה־טובה... ווי אין סידור... גאַנצע פּאָלקן סאָלדאַטן זאָלן קומען צו אונדז אין קראָם... נישקשה, איך האָב אַ מויד, זאָג איך אַך!..

— וואַזשנע! — באַוווּנדערט דער שוחט דעם בראָנפֿן (נישט די מויד) און גיסט אָן און ליידיקט אויס ראַפּטום איין גלעזל נאָכן אַנדערן, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס פֿאַרטרינקען...

— שייוועלע, — זאָגט ער שוין אַ ביסל אויפֿגערוימט פֿונם בראָנפֿן: — דו פֿלעגסט דאָך נאָך קליינערהייד ליב האָבן אַ „ביסיצנקע"... נאַ, פֿאַרזוך... ס'איז דאָך אינגאַנצן צוליב דיר...

שייוועלע וואַגט נישט צו לאָזן בחנם דעם טאַטנס האַנט אויסגעשטרעקט אין דער לופֿט, נעמט און טראָגט צו דאָס דערלאַנגטע גלעזל צום מויל. דער שאַרפֿער עטלעכע־און־נײַנציקער פֿון אייגענער אויסאַרבעטונג טוט איר אַ ברי דעם צונג, דעם גומען און פֿאַרגייט איר ווי שפּילקעס אין נעזל.

— טפֿו! — שפּייט זי אויס מיט עקל — עס אוירט...

— כאַ־כאַ־כאַ! — צעלאַכן זיך ביידע, רב לייב שוחט — מיט אַ ווייך־ליחותדיקן, און איציק „סקאָפּ", דער געוועזענער שינדער — מיט אַ שאַרסטקען האַרטן לאַכן, אין גיסן זיך ווי־דער אָן צו־גלעזלעך...

„סקאָפּ" גריזשעט אַ פֿאַרבאַקן בערעקאָווע קיכן, אַזוי הילכיק, ווי ער וואָלט גריזשען שטיקער פֿון דער שטוביקער שטילקייט.

— לייב! — קומט אַריין די שוחטקע מיט פאַראומערטע טריט: ס'איז שוין שפּעט... די נאַכט פאַלט צו... מנחה...

לייב קומט אויף אַ רגע צו זיך, דערמאָנט זיך ווו ער האַלט אין דער וועלט, און זיין רויט פּנים פונעם שכּרות, וואָס ווערט נאָך רויטער פון בושה און לאָזט אַראָפּ די וויעס, קוקט אַרויס פון דעם געוועב פון דער פאַרנאַכט-פינצטערניש, ווי אַ קופּערן פענדל פון אַ שאָטנדיקן ווינקל אין קיך...

ז

שפּעטער פרימאָר. עס שיט אַ שיטער שנייעלע און פאַלט באַדעקט אויף דר ערד. דער מאַרק-פּלאַץ מיט די צוויי שורות קראָמען, אַרומגערינגלט מיט נידריקע הייזער, טוליעט זיך אין דרימל, און געגעצט ווען-נישט-ווען מיט זיין ברונעם-זויד. שייוועלע שטייט אויף דער שוועל פון איר „קראָם-בודע" מיטן פּנים צום דרויסן, און דאָס שנייעלע וואָס דרייט זיך אַזוי פאַמעלעך, בלאָנדזשענדיק, פאַלט אין איר גלאָצנדיקן בליק ווי גרייפעלעך בעלמע. זי זעט נישט מיט די ברייט-אָפענע אויגן גאָרנישט. איר בליק איז אַריינגעקערט אין קאָפּ, און באַטראַכט דורך דעם אַקן דאָס קלייטל אינעווייניק.

גלייך אַנטקעגן קוקט מיט אַן איינציק שוואַרץ שייבל-אויג דאָס נידריקע טירל וואָס פירט אין הויז, און פון הויז אין שטוב. פונעם טירל אָן צו ביידע זייטנווענט פוצן זיך די רייי פלעטשקעס מיט קאָלירן פון שאָקאָלאַדע-ברעטלעך. פאַרשידענע-אַרליי צוקערקעס-פּאַפּירלעך, בייגעלעך פּאָסט-פּאַפּיר מיט קאָנווערטן, וכדומה קלייניקייטן וואָס זעלנער געברויכן. אַ גאַנץ פלעטשקעלע איז אויסגעצירט מיט שרייענדיק-פאַרביקע בילדער-קאַרטלעך, אויף וועלכע ס'איז צו זען: ווילהעלמען מיט אַרויפצו-פאַרדרייטע שפּיציקע וואָנצעס, ווי גרויסע אומגעלומפּערטע אָלן, איבער בלוטיק-רויטע ליפּן, מיט בלויע קאַלטע און שפּיזיקע אויגן, ווי ביי אַ גזלן; פראַנץ-יאָזעפן מיטן אַלטן עובר-בטלדיקן פּנים, וואָס איז אַזוי פאַרביק און גלאַנציק אויס-געווייגט, ווי פון שכּרות, מיטן פליכל אויפן סאַמע מיטן גאָמבע,

ווי אַ מייזל וואָלט עס אים אויסגעגריזשעט; ביסמאַרקן מיט די קליינע אַרומגעקישלטע, גרויע אייגלעך מיטן אויסזען פון אַ ווילדן חזיר, וואָס איז געבליבן שטיין געטראָפן פון אַ אָבוך איבערן קופּערנעם שטערן; און הינדענבורגן... און... און... און... וכדומה. אַ באַזונדער ווינקל פאַרנעמען די בילדער-קאַרטלען מיט געליבטע פּאָרלעך אין די מעגלעכסטע, רירנדיקסטע פּאָזעס. אַזעלכע שיינע, שטאַלטנע און פאַרפּוצטע יינגע מענטשן, אַז שייוועלע האָט נאָך אַזעלכע פאַר איר לעבן נישט געזען.

(זי שטייט זייער אָפט, שייוועלע, זיס-פאַרטראַכט איבער די דאָזיקע ליבע-בילדער. זי באַוווּנדערט די שיינע, שלאַנקע גבורשע זעלנער-פיגורן אויף און נעבן פייערדיקע פערד מיט קלוגע מענטשלעכע אויגן, וואָס קאָנקורירן מיט זייער גראַציע מיט די פּרעכטיקע פרויען-פיגורן דאַנעבן. די מענער זעען אויס אַזוי שטאָלץ-מלכותדיק, און די פרויען — אַזוי מילד-ווייבעריש! און זי ווערט גערירט, שייוועלע, און צוגעשמידט: צו דאָרשטיקע ליפּן וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידן מיט אַ קוש; צו הענט וואָס גליווערן אין אומאַרמען; און צו אויגן וואָס שליסן זיך האַלב פון פאַרשיכורטער אַנטציקונג... קאָנען זעלנער אַזוי-אָ... ליב האָבן? — פרעגט זי זיך אַליין, און ענטפערט: דאָס זענען דאָך, מסתמא, אַלץ אָפיצירן, גרויסע לייט...)

אין איין זייט קלייטל שטייט די סטויקע מיטן געלט-טיש-קעסטל. הינטער דער סטויקע — צוויי שטולן. אויף אייבער זיצט בלומע „סקאָפּס", און די צווייטע, אַ ליידיקע, וואַרט אויף אַ „קונה". בלומע זיצט דאָרט מיט אויסגעסלאָפּעטע אויגן, נאָכהיטנדיק אירע, שייחצלעס, אַקסעלעך, צי זי דרייט זיך נישט אויס. זי קנייפּט פון אונטער דער סטויקע אַרויס פון אַ שטיק ווייך ברויט, און וואַרפט אין מויל אַריין מיט שטיקעלעך שאָקאָלאַד פון בוזעם, וואָס שייוועלע האָט איר פריער באַמערקט אַראָפּלקחנען פון דער פּאָליצע. ז'האָט זיך פאַרשעמט, שייוועלע, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום דרויסן, און וואַגט נאָך אַלץ זיך נישט אומקוקן אין קלייטל אַריין.

בליומע „סקאָפּס”, אַ דיקע צעווירענע מויד, ווי אומגע־לומפּערט אויסגעקנעטן פון פּאַרהאַרטעוועטער, קאָרענער ראָש־טשינע, און שמעקט טאַקע שטענדיק מיט אַ שאַרפן געזייערטן שוויס־ריח, — טוט נעמלעך דאָס, וואָס שייוועלע זעט מיט די אויגן דורכן אָקן. זי קנעט פּאַמעלעך, מעלה־גרהדיק מיטן דיקן צונג דעם קלעפּיקן זיסן קוואַטש אין מויל, און אויך אַזוי פּאַ־מעלעך קנעט זי אַ מחשבה אין קאָפּ: פאַרוואָס קאָן זי די קליינע שייוועלע, מאַכן אַזוי גיך אַ חשבון אויפן קאָפּ? און ציילט אַפילו נישט דאַבײַ אויף די פינגער! און זי, בליומע, מוטשעט זיך און מוטשעט זיך און באַרעכנט קוים־קוים אויף די פינגער... מילא זומער — גאָרנישט, אָבער ווינטער — די פינגער ווערן דאָך געפרוירן!

בליומע באַקומט שיעור־שיעור שברון־לב פון קנאה צו שייוועלען, אָבער באַלד טרייסט זי זיך מיט בייזפרייד:

... אַפילו קיין איין סאָלדאַט קוקט זיך דאָך נישט אום אויף דעם „גערגעלע”... און פאַר מיר — די כּפּרה!..

באַלד אָבער וועפּט זיך אויף די דאָזיקע מחשבה אויס פון איר קאָפּ, און ס'איז איר בלויז אַ חדוש:

... וואָס איז די מעשה, וואָס די מאַמע האָט נאָכגעשט אַרויסגעבראַכט קיין ציקאָריע און קיין פּייערטאָפּ?.. ס'איז אַזוי קאַלט אין די פּיס... ווען „עמעץ” קומט כאָטש אַריין...

עס קומט ווירקלעך עמעץ אַריין. אָבער נישט קיין סאָל־דאַט. ס'איז לייב שוחט. גייענדיק פון בית־מדרש מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, האָט ער, ווי אַלע טאָג, אָפּגעשטיגן אין קלייטל אויף אַ פּאָר געאיילטע רגעס, ווי ער גייט כּלומרשט דאָ־אַרום אַריין אין שטוב. (סוף־כּל־סוף איז דאָך עס פּאַר אים אַ חרפּה זיך אַוועקצושטעלן מיט „סקאָפּס” מויד!). ער וואַרפט אויף איר אַ שאַרפן פאָרשנדיקן בליק, מערקט און איז זיך עפּעס משער, און צעבייזערט זיך פּאַראַמאָל מיט נאַסע ברעמען פון שנײַ:

— וואָס שטייסטו דאָרט אויפן שוועל ווי אַ גולם!

סחורה האָט ליב אַז מען קוקט אויף איר, אַנישט ווערט זי גע־מינערט...

שייוועלע דרייט זיך אויס צעמישט, קוקט אַזוי אינם אָנ־געשנייטן ריוועלע פונם טאַטנס שמויסנהיטעלע, און שטאַמלט עפּעס אַ פאַרענטפערונג נישט צו דערהערן. דער טאַטע עק־בערט איר דורך מיט אַזאַ שאַרף־בייזן בליק, ווי ווילהעלמס אויף דעם בילד־קאַרטל, און טוט רוגזאַדיק אַ קלאַפּ מיטן טירל אין הויז אַריין. אָבער ער בלייבט נאָך שטיין הינטערן טירל, און פאָרשט מיט איין אויג דורכן שייבל: אפשר... ווען ער וואָלט איר געפּאַקט, דעם „סקאָפּ“, ביי דער האַנט!..

— מרדר!.. — מרוקעט אים בייז נאָך בליומקע „סקאָפּס“ און שייוועלע דרייט זיך צוריק אוים מיט אַ פאַרקאָכט הערצל אין גאַס אַריין, צו פאַרבאָרגן צוויי טרערן וואָס קויקלען זיך אָן אין די אויגן. זי דערזעט אָבער דורך דער טריבקייט פון די טרערן, דערנעענטערן זיך אַ שאָטן. זי באַוועלטיקט זיך, פינטלט־אַוועק די טרערן מיט די וויעס, און דערזעט שוין גאָר נאָענט „סקאָפּעכן“, ווי די קליינינקע שנייעלעך פאַרבלאָנדזשען צווישן איר אין האַלב־אָפענעם שוואַרצן מויל אַריין. זי קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן, און איר שטיל געלעכטערל דורך געוויין פאַלט יענער גלייך אין פּנים אַריין.

— ט'זיך צעכאַכעט דאָס „פּרענצל“! — טרעט יענע אַריבער די שוועל מיט אַן אָנגעצונדן־רויט פּנים, ווי דער פּיי־ערטאָפּ אין איר האַנט, און שטעלט אַרויס פון אונטער דער שאַל אויף דער סטויקע אַ שוואַרץ טעפּל מיט ציקאָריע, מיט אַן אומריינער פאַרגעלטער גלאָז, ווי אירע אַרויסגעשטאַרצטע ציין.

— איר זענט געדעכט!.. — צעפּעפּנט דעם שוחטס בייז־נקמהדיק קול דאָס טירל — קינדער דאַרפן אָפּהיטן דאָס „גע־שעפּט“, נישט שטיין אויף דער שוועל און גלאָצן אין דער וועלט אַריין!..

„סקאָפּעכע“ בלייבט שטיין פון איבעראַשונג ווי אַ גולם, און איידער זי באַוויזט קומען צו זיך, האָט זי שוין נישט צו

ווען צו רעדן. דער שוחט איז שוין אַוועקגעגאַנגען.

שייוועלע פאַלט-צו צוגעטוליעט צום ביישטידל פון דער טיר, ווי אַ דערשראָקן עופעלע. און צוויי שנירלען טרערן טוען איר אַ קאַפּ פון די אויגן. אין די אויערן אונטער דעם שאַלעכל רוישט איר „סקאָפּעכעס” בייזער געמורמל:

— טרינק-זשע, בליומע... נאַ דיר אַ שותּפטע!.. האָט אַ סך אריינגעלייגט... טרינק, טרינק, כ'האָב פאַרצוקערט... אַזאַ „פרענצל”!..

– פרעג, צי אַ סאָלדאַט קוקט זיך אַפילו אום אויפן „גערגעלע”, — העלפט איר ברומענדיק בליומע אַליין — ווען נישט איך...

שייוועלע וויל זיך אַ ריר טון פון אָרט און אַריינלויפן אין שטוב — אַ סוף, אַן עק! זי קאָן נישט מער שטיין אין קלייטל!.. זי וויל גיש... זאָל דער טאַטע טון וואָס ער וויל! אָבער אין דער רגע טראָגן אַריין צוויי זעלנער צוזאַמען מיט שאַרוועניש פון שטיוול אַ פריילעכן: ·

-- גוט-מאָיע, פרויליינס!

און זי בלייבט שטיין, שייוועלע, אויס געווינטשאַפט אויפן אָרט. וואָס הייסט, זי'ט אַוועקגיין; ווען סוחרים זענען דאָ?! אָבער זי דרייט זיך נישט אויס אין קלייטל אַריין.

איינער פון די זעלנער, אַ נידריק, מאַסיוו און רויט דייטשל מיט פּיסקעס ווי פּאָמפּעשקעס, וואָס קויקלען זיך אַרויף, ווי רויטע עפּל, אויף די גריבלעך פון זיינע קליינע, גרויע, חזירישע אויגן, ווען ער לאַכט, — איז דאָ פון די אָפטע קונים. דער צווייטער, אַ הויכער, שטאַלטנער יינגערמאַן, כמעט אַ פּאָר-בילד פון מיליטערלייט אויף די בילדער-קאַרטלעך, קענטיק פון אַ העכערן ראַנג, — איז דאָ אַ גאַסט צום ערשטן מאָל.

— די קליינע, — שטעלט פאָר דער זעלנער מיט אַ לאַ-כעדיק פּנים אָן אויגן — איזט נור צום פערקאַופען, אונד דיזע, די דיקע בלימכען — צום שלאָפען... כאַ-כאַ-כאַ!.. הער קאַפּראַל.

דער קאַפּראַל דרייט די בלאָנדע וואָנצעס, ברומט־אונטער, דענקט ווי צו מאַכן אַז נישט ער, נישט דער קאַמעראַד זאָלן זיין באַעולהס, און הייבט דערוויַיל אָן איינצוהאַנדלען:

— האָבען זי שאָקאָלאַדע, פרוילײן?

בליומקע, זיצנדיק אַזוי אויפן אָרט איבערן פּייערטאָפּ, דערלאַנגט פון דער פּאָליצע וואָס מע פאַרלאַנגט, און זאָגט די פּרייזן נאָך איידער מען פרעגט אויף זיי. „סקאָפּעכע" פאַר־שטעלט מיט זיך דאָס טירל אין הויז אַריין, און טאַלאָפּעט מיט די אויגן חדושלעך, ווי „דאָס קינד" איז שוין „קינע־נאָרע" אַ סוחרטע געוואָרן.

— אָבער דיזע שיינט יאָ איין דומקאָפּף צו זיין, — ברומען דעם קאַפּראַלס וואָנצן צום קאַמעראַד.

— יאָ, ס׳איז וואַר, — באַשטעטיקט דער קאַמעראַד: אָבער... דעסטאָ בעסער...

און כּדי צו אילוסטרירן זיין מיין, שטעקט ער ביני־לביני די האַנט כּלומרשט צו דער פּאָליצע, און צייגט דעם קאַפּראַל מיט די בלינד־לאַכנדיקע באַקן־קישעלעך איבער די אויגן, ווי זי מאַכט זיך אַרונטער אונטער איר שאַלעכל צום בוזים. ער ציקלט זיך אָנטציקט, און זיינע רויטע באַקן־פּאַמפּעשקעס טאַנצן־אונטער ווי געבראָטן און געברוינט אויף אַ סקאָוואָראָדע. דער קאַפּ־ראַל לאַכט מיט אים מיט.

אָבער ווען עס קומט צום באַרעכענען, גייען בליומקען אַרויס אַנגסטן אויפן פּנים. זי שלעפּט די רויטע פינגער, ווי געענדזענע פיסלעך, און פּרוּווט זיך מיט זיי אַרויסהעלפן.

— שייוועַ! — רופט זי לסוף צו הילף.

— שטייט פאַרלייגט מיט די הענט אויפן ט..! — טוט „סקאָפּעכע" אַ ברום, אַרויסגייענדיק פון קראָם.

שייוועלע גייט צו צו דער סטויקע, נעמט דעם בלייפע־דער, כאַפּט אַ קוק אויף דעם פּעקעלע סחורה, שרייבט גיך־גיך און זאָגט דעם סך־הכּל. דער קאַפּראַל לאָזט דערוויַיל פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ. זיין בליק טאַפּט ווי אַ פּילהאָרן איר

פּנימל, דעם קערפּער, אַראָפּ צו די פיס און צוריק אַרויף, און איז, צולעצט מודיע דעם קאַמעראַד מיט תּרעומות:

— אָבער זי איז יאָ נעט, די קליינע...

שייוועלע ווערט געריירט פון דעם ערשטן קאָמפּלימענט פאַר איר לעבן, און קוקט צון אים דאַנקבאַר אַרויף. אין ערשטן אויגנבליק אַנט זי, ווי פון דעם העלבאַלויכטענעם זאַל פון זכרון טוט זיך פלוצים אַ פראַל אויף אַ טיר. און אַ גארב ליכטיקע רויטע שיין וויל זיך אַריינרייסן אין דער פינסטערניש פון איר נפש. אָבער די טיר טוט זיך אויך אַזוי פלוצים אַ קלאַפּ-צו, און לאָזט איבער הינטער זיך נאָך אַ גרעסער פינסטערניש און אַ קלעמעניש אין הארץ.

די זעלנער קוקן זיך איבער מיט רעדנדיקע, אָפּמאַכנדיקע בליקן, און באַלד זיצט שוין דער זעלנער הינטערן סטויקע נעבן בליומען, ווי אַ ממלא-מקום פון דעם אַרויסגעשטופּטן פייער-טאָפּ, און דער קאַפּראַל פילט אויס די טיר נעבן שייוועלען, פירנדיק מיט איר אַ העפלעכן געשפּרעך. שייוועלע הערט אים צומיינסטן אויס און ענטפערט ווען-ווען צעשטרייט. זי וואָלט באַין-אופן נישט געזאָגט, אַז זיין אונטערהאַלט איז נישט אָנגענעם, אַדרבה, נאָר כמעט אַ פיזישער ווייטיק פייניקט איר זכרון: ווו האָט זי אים שוין איינמאָל געזען?.. און זי דערשפּירט באַכאַמאָל ווי די טיר פון זכרון-זאַל שטרעבט זיך אָן אַריינצו-שפּאַרן אין דער פינסטערניש פון איר נפש: יאָ, זי האָט אים געזען?.. אָבער ווו? ווען?..

— שייוועלע, קום אַריין עסן אָנבייסן, — קלאַפּן אָן טרוי-קענע, מאַמע-ציטעריקע פינגער אָן שייבל — דער טאַטע ויצט שוין באַרן טיש.

— אַנטשולדיקן זי הער קאַפּראַל, — טוט זיך שייוועלע אַ ריר פון אָרט — איך מוז וועג.

דער קאַפּראַל שמייכלט און גריסט ועלנעריש-העפלעך מיט די פינגער אויפן שלייף:

— ביט-שיין! אַאופוידערשאַוען... הויטע אַבענדס..

גנעדיקעס פרוילײן !..
מיט א קלאפעדיק הארץ, ווי זי וואלט באגאנגען א זינד, גײט שײוועלע ארײן אין שטוב, און שוין דער ערשטער ביסן שטעלט זיך איר ווי א ביין אין האלדז.

— נײן, לאה, — בײזערט זיך דער טאטע אויף דער מאמען — זי דארף עסן דעם אנבײסן אין קלײט. יענער סטויפ קאן דארט דערווײל די פאלעצעס אפראמען... אזא גולם מיט אזויפיל זיסע זאכן...

— לײב, וואס דו ווילסט, אבער דאס נישט, — זאגט די מאמע מיט אזא שטרענגן טאן, דאכט זיך, צום ערשטן מאל— איך וועל די שוועל פון דעם קלײטל נישט אריבערטרעטן. ס'איז פאר מיר טריף !.. חזיר !.. נאך צום אנבײסן איר נישט ארײנ-רופן !.. גי נאר א קוק סאראַ פנים דאס קינד האט שוין... זי טאנעט דאך פאר די אויגן..

— נו, נו ! — לאזט איר דער שוחט מיט א בײזער נישט אוועקגײן אין קײן ווײטע דרכים — און אז זי איז דארט, הײסט עס, גיט זי דען אכטונג ווי עס דארף צו זײן !.. כ'האב אלײן געזען, ווי דער „סקאפ" האט געשלעפט שאקאלאדע פון בוזים ארויס...

שײוועלע האלט זיך קוים אײן נישט ארויסצופלאצן מיט קײן געוויין. זי ווארגט זיך מיט די ביסנס ברויט, בריט זיך מיט דער הײסער יושקע, און אנטלויפט, נישט צו דער וועט אפגעגעסן, אין קלײטל ארײן, נאך אײדער דער טאטע הײסט זיך דערלאנגען מים-אחרונים.

ביזן אוונט שטײט זי בײ דער פאלעצע, קוקט-איבער צום הונדערטסטן מאל די בילדער-קארטלען, טראכט מיט געמישטן גע-פיל פון סימפאטיע און אפשטויס וועגן קאפראל וואס זי איז אים אזוי געפעלן געווארן, און זי קאן זיך אלץ נישט באפרײען פון דעם פײנלעכן וועלן זיך דערמאנען : ווו-זשע האט זי אים פארט אמאל ערגעץ געזען ?..

— גוט נאוונט ! — קומט ארײן סקאפ, גײענדיק פון דער

באַן-אַרבעט – חאָסטו עפּעס געלייזט געלט האַנט, בלומע? ציי דו טאָפּסט זיך דאָ נאָר מיט די סאָלדאַטן? אַ קרענק דיר אין די זאַטן אַראַן!.. האַ?

די מויד ענטפערט נישט. מרוקעט בלויז:

— זיין דאַנגע!..

און דו האָסט זיך שוין עפּעס אויסגעלערנט „שוהטקע"! — דרייט ער זיך אויס צו שייוועלען.

די האָרוואָרצלען צינדן זיך איר אָן אין שאַרבן, און זי דערזעט מיט איר פרעמדוועלטיקן אינערלעכן בליק, ווי די קרויזן אויפן קאָפּ טוען זיך א צעווייע אין דער לופט ווי אַ צעוויבלטער לייכטער פלאַם, און בלייבן באַלד ליגן אויפן שאַרבן ווי אַן איידעלער שיכט גרויער אַש.

— אַה? — קומט זי צו זיך ווי פון חלום — מע דאַרף טאַקע אָנצינדן דעם לאָמפּ.

— פּאַסט איר נישט צו ענטפערן, דער מיוחסת! — ברומט „סקאָפּ" אַוועקגייענדיק, און פאַרענדיקט שוין אויף דער גאַס אין אָונט אַריין — נישטאָ קיין מיוחסים באַ דעם מאָגן.. אַלע עסן און אַלע דאָסן...

דאָס אָנגעריבענע שוועבעלע טוט מיט אַ קליין פייער=צינגעלע אַ לעק די פינסטערניש און צינדט אָן דעם לאָמפּ. און שייוועלע, זיך ווידערשטעלנדיק אין דער טיר=רעם, וואַרפט אַ לאַנגן דאַר=אויסגעהונגערטן שאָטן אויפן ווייסן שניי, און אַ ווייטיקלעך=פאַרבענקטן בליק אויפן ריין-בלויען קאַלטן הימל, ווי פון געהאַקטע אייז=שטיקער. עס שפּיזלט אין דער נאַכט אַריין מיט שאַרפע שטערן=אויגן. עס נעמט אַ פראָסט. קוימענעס לאָזן אַרומשפּאַצירן שוואַרצע נישט=גוטע איבער די ווייסע דעכער. שטיבער טוליען זיך איינס צו ס'אַנדערע, וואָס ווייטער אַלץ נענטער און געדיכטער, און מיט זייערע רויטע שויבן=אויגן זען זיי אויס ווי אַ כאָפּטע אָן אַ סדר אָנגעוואָרפענע גרויסע לאַמטערנס, וואָס פרעמדע ריזיקע וואַנדערער האָבן דאָ איבערגעלאָזן. טירן פון קראָמן שטייען ווי רויטע אָפענע שאפעס און

ווארטן. ווי-ווי שטייט אין דער טיר-רעם אַ סילועט, ווי זי, שייוועלע, דאָ. פון ערגעץ קומט אָן אַ הייזעריק געלעכטער פון אַ גראַמאַפאָן. באַלד וועלן זיך מסתמא גראַע, זעלנערישע סילועטן אַ באַוועג טון אין דעם טונקעלן ווינטער-אָוונט — ער וועט קומען ?..

אַ זעלנער קומט אַריין, אַ זעלנער גייט אַרויס. שייוועלע באַרעכנט און נעמט צו געלט, און בליומע לאָזט, חעמען עס פאַרגליסט זיך נאָר, צו טון איר דאָס רעכט. שייוועלע זעט עס און פילט, און לעבט-אויף אין דמיון אַפילו אַזעלכעס וואָס געשעט נישט. זי ווערט פאַרברענט פון אינערלעכער בושה, און פון עפּעס נאָך אַ געפיל וואָס פויזעט בלינד אַרום אין איר נפש. זי פירט אַ קאַמף מיט די אויגן, אַזעלכע נייגיריקע און זינדיקע, און לאָזט זיי נישט באַאָבאַכטן וואָס מע טאָר נישט. די אויגן טוען איר ממש וויי... נעם אַנטלויף אין שטוב אַריין !.. דאָס האַרץ ציט טאַקע אויך אַזוי פון הונגער... אָבער ווי וועט זי אַוועקגיין אין סאַמע צייט פון לייזעכץ ?..

עס קומט אַריין בליומעס ברודער, ווי שטענדיק אין דער צייט, „העלפן”. נאָר טון טוט ער גאָרנישט. ער שפּאַרט זיך אָן מיט אַן עלנבויגן אויף דער סטויקע, גלאָצט אויס די אויגן און קוקט מיט אַ האַלב-אָפן מויל, ווי זיין מאַמע, צו די זעלנערישע הענט, וואָס קריכן אויף פאַרשידנעאַרליי אופנים צו דער שיזעסטער אונטער די מלבושים.

איינעם אַ זעלנער פאַרגלוסט זיך אָנצינדן אַ פּאַפּיראָס דוקא פון דעם פייערטאָפּ אונטער בליומעס קליידל. ער בייגט זיך אַראָפּ און טענטלט זיך דאָרט עפּעס זייער לאַנג.

— ביטע, ביטע, — שטאַמלט בליומע, פילנדיק ווי ווייט אַ זעלנערישע האַנט קאָן דערגרייכן, און זעענדיק אַז דער ברודער לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ: דער ברודער שטייט היער...

— אַ-אַ-בער... — ציט אויס דער זעלנער, הייבט אַרויס אין האַלבן פּראָפיל אַ רויטן פּרצוף מיט אַ שטעכעדיק שאַרף

איג: — דיזען קערעל קאָנען מאַן יאָ הערויסשמייסען. ניכט וואָר?..

יענער טוט פון שרעק אַ מרוקע, און ציט אָפּ. ס'באַ־גלייט אים אַ צעפרידענער סאָלדאַטישער געלעכטער אַזש ביז ווייט אין מאַרק אַריין. אפילו שייוועלע טוט אַ שמייכל; אָבער ער ווערט איבערגעשוירן דורך אַ ווייטיקלעכן צוויק אונטערן האַרץ. עס חלשט איר ממש דאָס הערצל. דערלאַנגענדיק אַ זעלנער עפּעס אַ קלייניקייט, וויקלט זי אָפּ אַ שאָקאָלאַדקע און לייגט אין מויל אַריין. אין דער רגע סאָפּעט אַריין אין קראָם „סקאָפּעכע" מיט אַ טשייניק טיי און קנישעס מיט קאַשע.

— אַ בראָך איז נישט צו מיינע יאָר! — צערעפּעט זי דאָס גאַנצע מויל — די קליינע איז דאָך גאָר אַ באַשערין... זי'ט דאָך אונדז בדלות שטעלן!.. מיין קינד ט'האָרעווען... דעם גוף מיט דער נשמה... און דאָס „פּרענצל" וועט פרעסן שאָקאָלאַדקעס!..

שייוועלע טוט אַ שפּיי אויס דאָס שטיקל שאָקאָלאַד, ווי עפּעס אַ מיאוסקייט, און די הענט רייסן זיך ממש צו די האָר פון קאָפּ — ווײ!.. ווײ!.. ווײ!.. וואָס וויל מען פון איר לעבן האָבן?..

צום גליק קאָן די „סקאָפּעכע" דאָ לאַנג נישט שטיין. די זעלנער קוקן זיך איבער, לאַכן פון איר פּרצוף, און ווער־ווער איז איר מכבד מיט אַ שטורקע הינטנאַרומער. זי פאַר־קלייבט זיך באַצייטנס מיט אַ קללה:

— אַ בראָך!.. אַזאַ באַגומעניש — און דאָס וועט אונדז די ביינער צעטראָגן...

שוין נאָענט צו זיבן אַ זייגער, ווען מע מוז שליסן דאָס קלייטל. קומט אַריין דער קאַפּראַל מיטן קאַמעראַד.

— גוט אַבענד, ליבע פרוילײן! ווי גייט'ס? — באַגריסט ער איר היימיש, ווי ער וואָלט איר שוין חדשים געקאָנט, און טוט איר לייכט אַ גלעט איבערן קאָפּ.

זי רוקט זיך שרעקעוודיק אָפּ.

— גוט אָבענד, פרוילײן „בלאָנדכען"! — באַגריסט דער קאַמעראַד בליומען מיט לאַכעדיקע רויטע פּיסקעס, װי עפּל, אײ־בער די אױגן, און קריגט גלײך אַן אײנלאַדונג:
— קאָממען זי היער, חער „קונדע־ס"...
דער קאַפּראַל קויפט עפּעס נאַשערײ, און איך מכבד שיי־וועלען. דאָס מאָל זאָגט זי זיך נישט אָפּ. און ווייל זי האָט זיך שוין מיאש געווען צו טרעפן, ווי זי האָט אַמאָל דעם קאַפּראַל ערגעץ געזען, איז איר איצט שוין דוקא אָנגענעם צו שטיין מיט אים אויף דער טיר, אויסהערן זײַנע קאָמפּלימענטן, און שפּירן ווי צוויי ברענענדיקע אויגן גליען זיך אַרײַן אין איר שטערן, ווי שוואַרץ-אָנגעגליטע זיגלען אין ווייס פּאַפּיר.
אינדרויסן, פונם שאָסיי אַראָפּ, טוט אַ כאָרכל מיט אַ מע־טאַלן גערגעלע דאָס פײַפל פון דער נאַכט-וואַכע. ס'הײסט: ס'איז שוין זיבן — מע דאַרף שליסן די געשעפטן.
די זעלבער מאַכן זיך גרייט אַוועקצוגיין. שייוועלע לייגט צוזאַמען געהעריק די פּודעלעך מיט די צוקערוואַרגן. דער קאַמעראַד פּאַלט צו מיט די דיקע ליפּן צו בליומעס, און זיי זויגן זיך ווי פּערדישע פּיאַווקעס. דער קאַפּראַל דריקט שייוע־לען די האַנט און ווינטשט איר איידל און צערטלעך:
— גוט־נאַכט... אונד זיסע טראַאומע...
זיי גייען אַרויס און דרייען מיט בליומקען. שייוועלע קוקט נאָך באַדענקט און פאַרבענקט, און פאַרקײַטלט אַ האַלבע טיר. זי דערמאָנט זיך, אַז עפּעס האָט זי באַכנישט אויפן אָרט געלייגט, און גייט עס טון. אין דעם מאָמענט ווערט דער לאָמפּ ווי פון זיך אַליין אַרײַנגעדרייט, און צוויי שטאַרקע הענט גרייפן איר פאַר דער טאַליע, און טוען איר אַ דריי אויס, ווי אַ ליאַלקע, צו זיך.
— אוי! — טוט זי שטיל־פאַרגליווערט אַ שריי־אויף, און הייבט אַרויף די אויגן. זי דערזעט איבער זיך אַ רויט פּנים מיט שוואַרץ־רויטע ווילדע אויגן — דער קאַפּראַל!
— איך וויל היער מיט דיר בלײַבן! — פאַלן אים אַרויס

די ווערטער פון מויל, ווי געגליטע שטיינער פון א וואסער-זאָט.

שייוועלע רייסט זיך. וויל זיך באַפרייען. אָבער זי שטייט געקלאַמערט ווי אין אייזן. פון שרעק קריכן איר אַרויס די אויגן, און אין זייער פולקייט טוט זיך א גיס אַריין א גאנץ פאַרגעסן בילד... דאָס איז דאָך ע ר !.. דער וואָס איז דעמאָלס באַפאלן שפרהן...

— גוו—אַ—אַ—

אָבער איר גוואַלד ווערט דערשטיקט אין אַן אָפּן, דורש-טיק מויל.

— שייוועלע! — קלאַפּן ציטריקע מאַמישע פינגער אין שייבל: — קום-זשע שוין אַריין.

זי ווערט פריי. זי טוט זיך אַ ריס, ווי אַ משוגענע, טוט אַ לויף דורך אָפּגעלאָזענע טירן אין שטוב אַריין, נישט אַכטנדיק אויף דער מאַמעס נאָכגעשרייען, און בלייבט שטיין מיט ווילדע אויגן אויפן טאַטנס ווייס-אַנטבלויזטער האַלז, איבער וועלכער עס גליטשט זיך דער קאַלטער שימער פון אַ חלף-שאַרף. זי באַטראַכט אים אַ רגע שאַרף, בייז און גיפטיק. און פּלוצים טוט זי זיך אַ וואָרף אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַן אויס-געבראָכענעם געיאָמער פון אַן עקשנותדיק קינד. זי וואַרפט זיך פון זייט אויף זייט, קלאַפּט מיט די פיס אויף דער פּאָד-לאָגע, ווי אין אַ באַראַבאַן, און פאַרוואַרפט דאָס העלדזל ווי אַ קרבן:

— נאַ טאַטע! — קוילע!.. קוי-וי-לע!.. שע-ע-ע-כט!..

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דער זייגער וואַרגט זיך, ווי געשטיקט פון אַרומיקער שטיל-קייט, און קלינגט אויס ווי אַ געוויין: צוועלף ביי נאַכט. אין שטוב איז שטאַרק אָנגעהייצט, און די לופט איז געפּרעסט מיט אַ ריח פון היציקער לאַנגער קרענק, פאַרמישט מיט אַראָמאַטן פון רפואות און קאַרבאָל. די לאַדן זענען צוגעמאַכט, און שפּיגלען די שוויס-

טרערן וואָס רינען אָפּ פון די שויבן. די גלעזערנע טיר איז ווייך פאַרקלאַפּט מיט אַ בויך פון היי און שטרוי־זאַק. די סטעליע, ווי אַ געדיכטער שאָטן, ליגט נידריק און הענגט־אַראָפּ ווי מיט שוואַרצע טיכער אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס מעבל: די ספרים־שאַפע, דער טיש, די קאָשעטע און די שטולן צערינען אין שאָטן, אין שטיל־שווייגעניש אין דערוואַרטונג. אין אַ ווינקל אויף אַ קליין, נידריק טישל שטייט טיף־אַריינגעדרייט אַ לאָמפּ. אַ פאַרבאָרגן פלעמל אונטער דעם קאָלפּעקל קוקט אַרויס דורך די שפּאַרונעס פון דער מאַשינקע, און באַלייכט אַ קראַנק געלעגער.

איבער שייוועלעס פּנימל, וואָס ליגט שוין אַזוי וואָכן אין אַן אומרויקער היץ־קרענק, הויערט אַ שווערער, געדיכטער שאָטן פון דעם אייז־פּענכער וואָס ליגט ווי אַ ווייס־ברודיקע יאַרמלקע אויף איר קאָפּ. זי אָטעמט שטאַרק און קורץ, און באַוועגט טייל־מאָל די סיגניטורקעס פון די רפואות־פלעשלעך אויפ׳ן טישל. דורך אַ דינער קאָלדערע צייכנט זיך שמאָל און דאַר איר פיגורל. צופיסנס זיצט לאה די שוחטקע אינם ברודיקן טשיפּעק וואָס גיסט זיך צוזאַ־מען אין איין מאַסקע מיט איר אַלטן אויסגעמאַטערט־געלן פּנים. איר קאָפּ, געבויגן צו דר׳ערד, איז פאַרגליווערט אין אַ שטאַרקן שלאָף.

פון צייט צו צייט טוט שייוועלע אַ באַוועג מיטן קאָפּ. און די שטיקלעך אייז אינם פּענכער קלאַפּן אָן ווי קליינע ביינדלעך. ווי זי וויל זיך פון עפּעס שווערס באַפרייען. פון איר טרוקענעם שווערן צונג פּלאָנטערן זיך אַרויס נישט־בינדיקע פראַזן און ווערטער:

— אַה?.. וואָס־זשע ווילסטו?.. הער קאַפּראַל, רויטער האָן... אָט ליג איך דאָך צעשפּרייט מיט הענט און פיס... איך האָב דיך ליב!.. וואָס־זשע קוקסטו אַזוי רויט?.. בלוט... בלוט... נישט דאָס מיינסטו?.. ווילסט מיין בלוט?.. גיי צו מיין טאַטן... ער איז אויך אַ רויטער... איאָ... זיין נשמה הענגט אויף דער וואַנט... ער וועט עס טון פאַר דיר.., ווילסט מיך נישט? ווילסט בעסער איר!.. „סקאָפּ“!.. „סקאָפּעכע“!.. „סקאָפּ“!.. קעפּ... קעפּ...

קעפּ... אָפּגעשניטענע..! נאַ, שנייד מיינעם אויך !.. האַ !.. דאָס ביסטו עס דער ווייסער ?.. דער בעקער !.. וואָס־זשע לאַכט איר האָסדיטיטשער היימלאָזע ?.. נו, גיב אַ ברויט... גיב... פיר מיך אונטער דער האַנט אויף דעם בעט פון די ברויטן... אַזוי... אַזוי... די ברויטן שניידן מיר דאָס לייב... אוי — וי !..

זי טוט אַ שטאַרקן דריי מיטן קאָפּ. דער פענכער גליטשט זיך אַראָפּ. זי עפנט די אויגן, און זיי קויקלען זיך הין־און־צוריק אין די אָרביטן. די אויגן גליטשן זיך אַרויף אויף דער מאַמעס פנים, און בלייבן אַן אויגנבליק שטיין מיט אַ שטראַל פון באַוווסטזיין.

— דאָס איז די מאַמע, — שעפּטשעט זי שטיל מיט אַ טאָן פון באַשטעטיקן.

אָבער באַלד בלאָנדזשעט איר בליק אַוועק, און פאַלט אויף דער וואַנט ווו עס הענגען די חלפים. אַ כוואַליע היץ פאַרשווענקט איר דעם מוח. זי פאַרלירט דעם באַוווסטזיין. אוז אַ קראַמפּט אַ געהיימע, אַ פרעמדע באַוועלטיקט איר גוף. זי זעצט זיך אויף, דרייט אַרויס דעם לאָמפּ, און שטעלט אַראָפּ די באַקעטע אויסגעשטעקנטע פיס. עס צעמישט זיך איר אין קאָפּ. זי טוט זיך אַ וואַקל אומצעפאַלן. אָבער דאָס קילקייט פון דער פאָדלאָגע לויפט דורך מיט אַ שוידער דורך איר גאַנצן קערפּער, און לאָזט איר נישט פאַלן אין חלשות. אַ לופּטיקע, אין בלויזן העמד, באַוועגט זי זיך ווי זי וואָלט געגאַנגען אינדערלופטן. זי דערנענטערט זיך צו דער וואַנט און דערזעט אין שרעקעוודיקער פרייד איר אייגענעם לאַנגן שאָטן, ווי ער שטרעקט אויס די האַנט אַרויסצוציען דעם חלף.

אַהאַ ! — שעפּטשעט זי מיט נצחון : — דו ביסט ווידער געקומען !..

זי ציט אַרויס דעם עופות־חלף, גייט מיט אים צוריק, און זעצט זיך אויפן בעט. און ווידער דערזעט זי אין שרעקעוודיקער פרייד דעם שאָטן אויף דער וואַנט, דאָס מאָל שוין מיטן חלף אין דער האַנט. און זי רעדט ווידער מיט נצחון :

— אַהאַ!.. ביסטו טאַקע פאָרט געקומען — וויפל איך וואַרט שוין אויף דיר!.. פאַרוואָס ביסטו דעמאָלס אויפן וועג אַנטלאָפן?!. ביסט דאָך אַזאַ שיינער!.. אַזאַ שלאַנקער!.. נעם מיך אַרום!..

זי נעמט זיך אַרום מיטן חלף אין דער האַנט און שמייכלט:

— דער טאַטע, זאָגסטו, איז שולדיק?.. מיין טאַטע האָט דאָך נישט קיין נשמה. אָט האַלט איך זי אין דער האַנט...

זי טראָגט צו דעם חלף צו די אויגן:

— טייערער! שיינער!.. נאַ, נעם און שעכט... ווער וועט עס וויסן, ווער ס'האָט עס געטון... דו, צי דער טאַטע?..

זי טראָגט צו דעם חלף צום האַלדז, און שטעכט אַריין די אויגן אינם שאָטן:

— אַזוי... נענטער... נענטער ריר צו דעם חלף צו מיין האַלדז... גלעט... גלעט... און פאַראַמאָל — כי — — — —

אַ דין שטראָמל בלוט טוט ווי אַ רויטער פאָדים אַ ציטער-דורך די לופט אין אַ האַלבן קרייז, און פאַלט מיט אַ רויטן פלעק דער שוחטקע אין רעכטן אויג. איר ברעם טוט אַ ציטער, און איידער נאָך זי קומט צו זיך, נעמט-אויף איר מאַמיש געהער אַ ווייכן מענטשלעכן גסיסה-כאָרכל אין איינקלאַנג מיטן מעטאַלענעם כאָרכל פונם וואַנטזייגער, וואָס וואַרגט זיך מיטן אויסקלינגען: האַלב איינס!

זי דערזעט די נאַס-רויטע קישן, אין וועלכער עס וויקן זיך שייוועלעס האָר. זי שפרינגט אויף, בייגט זיך איבער שייוועלעס פנים וואָס ליגט אין פראָפיל צו דער וואַנט, און טוט זיך אַ וואקל, אַנידערפאַלנדיק גאַזנדיק אויף דר'ערד... אַ רעווע פון אַן אָקס רייסט איר אויף די אויגן... זי דערזעט לייבן. איבגאַנצן אין ווייסן; דאָס פנים — קרייד; דער קאָפּ אָן דער יאַרמלקע און די באָרד — צעשויבערטער שניי; די אויגן — ביינקעס אָנגעצויגן מיט בלוט פון געהאַקטן לייב, — שטייט ער, רייסט זיך פאַר די פאות און רעוועט. זי הייבט זיך אויך אָן שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ, און רייסן זיך די וואָרצלען

פון די גרויע האָר:

— דו!.. לייב!.. האָסט איר געשאָכטן!.. גע־שאָ־אָ־כטן!..

זי שפרינגט אויף, לויפט אין קיך אריין, קומט צוריק מיט אַ פאַרטעך אַש, און יאָמערט, זין בעטנדיק:

— לייב!.. נאַ... זיי איר מכסה... מכסה... מכסה..

זי טוט אַ פאָכע מיטן פאַרטעך, און דאָס גאַנצע צימער ווערט איינגעהילט אין שטויביקן נעפּל. און פון נעפּל אַרויס יאָמערט דאָס קול פון דער משוגע־געוואָרענער מאַמע:

— אַש!.. אַש!.. אַש!..

פאַראַמאָל הילכן די לאָדן, קלינגען די שויבן, און די באַכט־וואַכע רופט פון דרויסן:

— אין נאָמען דאָס געזעטצעס!..

אונטער איין דאך.

פרייטיק פארטאג. די צוגעמאכטע טירן פארטייבן דאס
ערב-שבתדיקע פארעניש אין קיך, און ס'איז נישט ביכולת אויפ-
צווועקן בערישן צו דער ארבעט. אבער בעריש נויטיקט זיך
נישט אין קיין וועקער. צו דער געהעריקער צייט, פינקטלעך,
טוט עס אים א זעץ-אויף פון געלעגער, ווי א פאר פעסטע
הענט וואלטן א ריס געטון די אקסלען. און ער בלייבט זיצן
מיט פארשטיקטן אטעם, שווער ווי א זאק פארשטיינערטע וואלך,
ווי אן ארויפגעשרויפטער שווערער באלעם. דרייט זיך לאנגזאם
אויס זיין קאפ צום פענצטער מיט אן אינעווייניקסטן, זינגענדיקן
סקריפ, און די פארשלאפן-רויטלעך-אויסגעוואשענע אויגן פאר-
זשמורען זיך, אריינשווימענדיק אין דעם פארריסט-רויטלעכן שיין-
קרייז פון דעם אריינגעדרייטן לעמפל אויפן טיש. אויסמיידנ-
דיק די שיין, פאלט זיין בליק אויף די סיוו-געפרוירענע בלינדע
שויבן, און דער גאנצער ווינטערדיקער דרויסן טוט א שווים
אריין אין זיין דמיון מיט אזא קלארער ווירקלעכקייט. אז א
קעלט-שוידער גייט אים דורך פון דעם נישט-באטאפלטן
פענצטער ביז א סעלט אויף די פלייצעס. פון דער גאנצער
ווינטער-פאנאראמע וואס פארשלינגט מיטן בלענד פון שניי,
טיילט זיך אויס איין ווינקל: אן אייגענער קרייז נאקעטעביי-
מער קייגנאיבער דעם צעשטערטן, געלאטעטן וואקזאל, א נידריק
זוי אין זיך אליין איינגעטוליעט. באראקל אינמיטן. און א קראנ-
מחנה, וואס נעסטעט אין דעם בוימער-קראנץ. שניידט אינדער-
זייך איבערן קאפ די לופט מיט שטאל-פארביקע פליגל, ווי שערן

וואָלטן בלעך געשניטן, און פאַרטויבן די אויערן אַ המונישן קראַ. דאָרט אַרבעט ער.

בעריש ווערט פּאַראַמאָל קלאָר צו וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער, און גייט צו, צורעכטמאַכנדיק די גאַטיעס, מיט ברייט-באָרוויסע טריט צו זילבערמאַנס געלעגער. יענער שלאָפט מיט אָנגעשטרענגט געזיכט, דאָס מויל צעעפנט אין דער וועלט אַריין מיטן געלן שימער פון עטלעכע גאָלדענע ציין. ער בייזערט זיך מיט אַ שאַרפן כראָפּ דורכן דיקן, קורצן נעזל.

— זילבערמאַן! — וועקט אים בעריש נישט דרייסט — שטייט-אויף!

זילבערמאַנס נעזל טוט אַ פייפלדיקן כאָרכל, די ברעמען צוקן, די דיקע ליפּן לייגן זיך צוזאַמען, און ער שלאָפט ווייטער.

בעריש טרייסלט אים שוואַך ביים אַקסל, זילבערמאַן סאָפּעט שווער אָפּ, און קוקלט איבער בערישעס פאָרשנדיקן פּנים צוויי קעלבענע נאָכשחיטהדיקע אויגן.

— וואָס איז? אַ?

— איר האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז מיר'ן אָפּגערעדט, איך זאָל אייך אויפוועקן?

זילבערמאַן קנייטשט דעם שמאָלינקן, האַרטן שטערן און כאַפּט געדאַנקען:

— אַהאַ!.. יאָ... נו? איז שוין צייט?.. אַ-אַ-ך!

— ווו האָט איר דעם זייגער? — פרעגט בעריש — טוט אַ קוק.

געוועגלעך פרעגט בעריש קיינמאָל נישט ביי זילבערמאַנען וויפל דער זייגער איז. ער האָט זיך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז זילבערמאַן „פאַרגינט נישט" אויסצוזאָגן וויפל דער זייגער איז געננוי. אָבער איצט וואַרט ער דאָך זיכער, אַז זילבערמאַן וועט אים נישט נאַרן, ווייל ער, זילבערמאַן, וועט דאָך אויך האָבן „אַ נוץ" פון דעם.

זילבערמאַן דרייט זיך נישט-גערן איבער אויף אַ זייט, און ציט אַרויס דעם גאָלדענעם זייגער פון הינטערן קישן.

— האַלב זיבן, — זאָגט ער מיט אַ פּויל קול, ווי אַ זויערע הויט וואָלט זיך דעם נאָכגעשלעפּט.

— שפּעט! — דערשרעקט זיך בעריש.

זיי טוען זיך איילנדיק אָן. זילבערמאַן שלעפּט-אַרויף די הויזן שטייענדיק אויפן געלעגער, און סאָפּעט שווער, ווי אַ סאַמאָוואַר.

— ביסט שוין אויפגעשטאַנען, בעריש? — עפנט אויף ראַציע-חיה די טיר און שטעקט אַריין אַן אַלט וואַקסן פּנים פון הינטער אַ טשיפּעק — ס'איז מיר אַזאַ שאָד געווען דיך צו וועקן! גיס-אָפּ נעגל-וואַסער. ס'איז שוין פאַרטיק טיי. מינדל!..

זי פאַרשווינדט און באַלד קומט אַריין מינדל מיט אַ זידיק טשייניקל טיי. זי זעט איצט אויס נישט-געוועגלעך אויסגעוואָקסן אין איר קורצן, ווייסן הינטערקליידל.

— האָט קיין פאַראיבל נישט, זילבערמאַן, וואָס איך גיס אייך קיין טיי נישט אָן, — אַנטשולדיקט זי זיך מיט אַ מילד פּנים — עס פעלט מיר פון די הענט. פונם אויוון פאַל איך גלייך אין באַליע אַריין. איך האָב היינט אַ סך וועש צו פאַר גרייטן.

— און דו אויך, ברודערקע, — פאַרענדיקט זי מיט אַ שמייכל צו בערישן.

— המם... — ברומט זילבערמאַן, און באַמיט זיך שמייכלען צו מינדלען, אקערנדיק מיט שאַרפן גרויען בליק אויף איר אַנטבלויזטן האַרץ-לייבל.

ווי אַ מענטש אַן אָפּגעזונדערטער און אָפּגעהיטער, גייט זיך זילבערמאַן צו צו „זיין" ווינקל, וווּ עס שטייט אויף „זיין" טישל „זיין" סאַמאָוואַרל מיט „זיין" איבריקן באַלעבאַטישקייט, צינדט אָן די שפּירט-מאַשינקע. און קאָכט-אויף פאַר זיך טיי. ער טוט זיך אַלס פאַמעלעך, מיט צייט, און מיט קאַלטע לעבער. בעריש יאָגט אים אונטער.

— בעריש, עס טאָגט שוין, — איז מודיע ראַציע-חיה פון קיך, און באַפעלט: דאַוואַפן לייג נישט אָפּ אויף שפעטער.

בעריש פאָלגט און הערט זיך איין צו זיינע אייגענע האַ־מעטנע באַוועגונגען. ווי זיינע הענט זענען עס פון דער אַר־בעט געליימט געוואָרן צום תפילין-לייגן!

איצט הערט זיך דאָס פּאָרעניש אין קיך. דאָס קנעטן ברויט און דאָס ריישן קאַרטאָפליעס. עס שמעקט מיט זויערס און מיט צוגעברענטע קאָטשערע. עס זינגט אַרויס פריילעך און קוויטשעדיק פון אַ סקאָוואָראָדע, און באַלד פאַרשמעקט די שטוב מיט לאַטקעס אויף אייל. מינדל דערלאַנגט לאַטקעס.

— אָט איז שוין כדאי געווען אויפצושטיין, — צעגיסט זיך אַן איילינק שמייכעלע איבער זילבערמאַנס פנים, וואָס זעט איצט אויס, רויט און פאַרשוויצט פון דער בריענדיקער טיי, ווי אַ גלאַנציקע לאַטקע. ער נעמט גיריק דאָס טעלערל לאַט־קעס, טאַקע מיט אַ שטיקל פון מינדלס האַנט, כדי זי זאָל אַ רגע שטיין בלייבן, און קוקט בעת-מעשה אַריין אין דער טונקל־קייט פון איר האַרץ-לייבל, וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון איר לייב ביים אייננבויגן זיך צום טישל.

אָפּגעגעסן, בינדן זיי אַרום מיט שמאַטעס די שטיוול, פעלצן זיך אָן און לאָזן זיך גיין. אין קיך טוט זיי אַ באַק די פנימער דאָס אָפענע רויטע אויוון-מויל, וואָס אָטעמט מיט רויט-שוואַרצן ריס, און עס קאָוועט זיי צום אָרט דער אומווילן אַרויסצושטעקן דאָס פנים פון דער רויער קעלט.

— אַ גוטן טאָג! — מאַכט זיך בעריש האַרץ.

— אַ גוט יאָר! זיי מצליח! — ווינטשעוועט צו ראַציע-חיה — און איר אויך זילבערמאַן.

— המם... — ברומט ער, ציט זיך אַריין אין זיך, און גייט אַרויס נאָך בערישן.

— אָנקוקן קאָן איך אים נישט! — זאָגט מינדל פאַר־דריסלעך — אַזוי ווי די שיפן וואָלטן אים אונטערגעגאַנגען! עס פּאַסט אים נישט! לייטישער אודאי פון בערישן!..

אויפגעעפנט די טיר פון קאָרידאָר, בלייבן בעריש מיט זילבערמאַנען שטיין א רגע; דער דרויסן איז פול מיט געדיכטן ווייס־רויכיקן נעפּל. דער בליק בלייבט איינגעפּאַסט אין אַן ענגן שיין־קרייזל, ווי א לאָמפּ־פלעמל הינטער א ווייס־פּאָר־צעלייענעם אבאזשור. פון דעם פענצטער פון נאָענטן באַראַק, ווו עס איז די זעלבערישע קיך, קוקט א רויטער פייער און צעשווימט ווי בלוט. זיי לאָזן זיך גיין לויט דער דאָזיקער שיין. פון דער באַראַק־וואַנט טיילט זיך אָפּ א שוואַרצער שאָטן, ווי א טינט־קלעק, און דערנענטערט זיך שווינדלענדיק צו זיי. פנים־אל־פנים באַגריסט זיי דער קוכער ווילהעלם:

— גוטן מאָ! וואָ געהען זי דען הין?

— גוט מאָיע! אַרבייטן, — ענטפערט בעריש קורץ.

— יאַוואָל! — דערוויטערט זיך ווילהעלם, און איז מוסיף ויגגענדיק — אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס!

— זאָל אים אַזוי ניחא זיין צו קריכן צו די ווייבער... ווי מיר איז איצט ניחא די „אַרבייט"! — שילט אים זילבערמאַן נאָך.

זיי שפּאַנען ווייטער אַריין אינם נעפּל, ווי בלינדע. פאַר זיי און אַרום טונקלען הייזער, שטאַלן, געביידען, צעשווומען ווי וואַסער־פלעקן איבער ווייטע שניי־פעלדער. ווינציקע, שוואַרצע רויכן פון קוימענס קנוילן זיך נידעריק, אין זיך אַליין אַריין, און מישן זיך מיטן נעפּל, ווי שוואַרצע לאָקן אין זייף־שוים.

עס נעמט א פראָסט אויפן טאָג. ער שפּאַרט זיך זיי אַריין האַרב אין די נעז און שטיקט דעם אָטעם, ווי זיי וואָלטן אַריינאָטעמען שטיקלעך אייז.

— א גוטן טאָג אויסגעקליבן זיך צו גיין דאָס ערשטע מאָל אַרבעטן! — האָט זילבערמאַן גרויס תּרעומות.

— דערפאַר וועט ער אונדז, דער צוגספּירער, פריער אָפּלאָזן צוליבן שבת, — טרייסט אים בעריש ווייך, ווי פאַרשולדיקט.

דערנענטערנדיק זיך צום ברונעם ביים אַרויפגיין צום

שאסיי, שווינדלט זיי פונדערווייטן א מאדנער פלעק, ווי פון א באוועגלעכער גרויסער וואגשאל. הארטביים ברונעם גייט זיי פארביי הערשל וואסערטרעגער מיט די קראמיסלעך. דערשפירט זיי, בלייבט ער שטיין (ווען ער גייט מיט ליידיקע עמער, טוט ער שטענדיק אזוי, כדי נישט איבערצוגיין מיט ליידיקן), און הייבט אויף דעם קאפ, וואס איז פארקוטשמעט הארט ביז די אויגן.

— גוט מארגן! — זאגט ער.

זיי דרייען זיך אויס צו אים:

— א גוט יאר!

— האט קיין פאראיבל נישט, — שטאמלט ער מיט קלע-מעניש — וואס איך בין אייך איבערגעגאנגען מיט ליידיקן... א שלעכטער סימן... איך האב אייך נישט דערזען... געגאנגען פארטראכט...

— עט! — זאגט בעריש, און קוקט זיך איין פארחדושט אין הערשלס פנים — וואס א שטייגער האט עס אזא פראסטער ייד צו טראכטן?.. און זעט ווי זיין יאטערנדיק לינק אויג צוקט און ציט-מיט כסדר מיט א פארבארגן נערוונפעדעמל הינטער דער הויט פון דער באק דאס לינקע ליפנווינקעלע מיט דער געפרוירענער וואנצע, וואס הענגט נאך ווי אן אייז-צעפל.

— וועמען טראגט איר עס וואסער? — פאראינטערעסירט זיך זילבערמאן, און איז באלד מגלה זיין כונה, זיך ווענדנדיק מיט תרעומות צו בערישן — איז דאך נאך דא מענטשן וואס ווילן נישט און דארפן נישט אליין ארבעטן, און עס לוינט זיך זיי צו באצאלן!

— ווייס איך, באקומט ער א מסיח-לפי-תומודיקע טרייסט פון הערשל וואסערטרעגער — ווער צאלט היינט פאר וואסער-טראגן. טאמער האב איך געציילטע פארלעך וואסער אין די „קאפייגעס". אנישט וואלט איך מיר נישט געקאנט אפארען נאך נעכטן מיט דער ארבעט, מישטיינס געזאגט? נאר, איר ווייסט נישט? ס'איז שוין אזא געוווינטשאפט, אזא. אזויפיל

יאָרן געווינט געווען צו טראָגן וואַסער פּרייטיק פאַרטאָג.

— אַ שיינע געווינטשאַפט! — ברוגזט זיך זילבערמאַן מיט שפּאָט.

— המם... אַלץ איז אַ געווינטשאַפט, — פילאָסאָפירט הערשל אָראָפּשטעלנדיק די קראָמיסלעך — איך ווייס?.. איך מיין אַז די מלחמה וועט זיך שוין גאָרנישט קאָנטשען... איר פאַרשטייט?.. אז זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט דערצו די אומות־העולם..

בעריש מיט זילבערמאַנען קוקן זיך איבער און צעלאַכן זיך.

— יאָ, יאָ, איר זענט גערעכט, הערשל, — שטימט בע־ריש צו פאַרשוילדיקט — זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט.

— איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, — איז הערשל ממשיך, און באַטראַכט זיי שאַרף מיטן לינקן צוקנדיקן אויג — איר זענט דאָך געלערנטע.. אין בית־מדרש, צי אַזוי... איז, זאָגט מיר, וואָס איז די מעשה וואָס זיי שווייגן? פאַרוואָס דערלאָזן זיי עס?

— ווער איז דער זיי? — פאַרוווּנדערט זיך בעריש.

הערשלס לינק אויג צינדט זיך אָן און טריפט אַרויסצוקנ־דיק אַ טרער. ער איז מפורש זיין כוונה:

— זיי די גוטע יידן... די רביים... ווען כ׳פלעג טראָגן וואַסער פאַרן אַלטן מגיד. זכרון צדיק לברכה...

— די שלעכטע צייט האָט געמאַכט אויס גוטע יידן, — צעלאַכט זיך זילבערמאַן, ברומענדיק שפּאָטיש, און טוט אַ צי אַוועק בערישן — קומט, די פיס פרירן.

הערשל קוקט זיי נאָך פאַרטראַכט. שאָקלט מיטן קאָפּ באַדויערנדיק, נעמט אָנשעפּן אַ קעסעלע. און ווען דער זוויד קרעכצט אין דער לופט, רעדט ער צו זיך אַליין:

— זיי זענען נישט שולדיק... זיי... נאָר אַז מע גלויבט נישט אין זיי... דערפאַר איז אַזאַן אומגליק אויף דער וועלט..

אויפן שאָסיי באַוועגן זיך אַ סך שאָטנס אין דער אייגע־נער ריכטונג וואָס זיי. דער עולם גייט צו דער אַרבעט. אָנ־געפּעלצט, פאַרזונקען אין זיך, גייט זיך יעדער זיין וועג. קיי־נער מאַכט זיך נישט זעענדיק דעם צווייטן. מע זאָגט זיך קיין גוטמאָרגן נישט. אַפילו די וואָס גייען אינאיינעם, שווייגן אויך, נישט פאַרבייטנדיק קיין וואָרט צווישן זיך. ווי דער פראָסט וואָלט זיי אָפּגעקאָוועט, און נאָר די פיס איבערגעלאָזן פריי. ערשט אַראָפּגעמענדיק זיך אויפן וועג צום וואָקזאַל ווערט אַביסל היימלעכער. דער מזרחדיקער הימל־ברעג ווערט רויט און פאַרבט ראָז דעם נעפּל. דער נעפּל ווערט שיטערער. דיביימער ביים זייט וועג שוואַרצן זיך דייטלעך מיט צווייג און צווייגלעך. די טעלעגראַף־דראָטן הענגען דיק און ווייס פון טויגעפריר, ווי אויפגעדראָלן פון קעלט. אַ וואָראָנע פליט פאַרביי מיט אַ קרא. פונם דורכגעמאַכטן וועג פילט מען זיך פריש און דורכגעוואָרימט. און בעריש דערמאָנט זיך אויפן קול:

— גיין פרייטיק פאַרטאָג אין בית־המדרש אַריין לערנען איז געווען געשמאַקער... היינט איז אַזאַ שטילקייט אין שטאָט ווען מען גייט פאַרביי אַ שטוב. ס'איז קיין חדוש נישט אויך. וואָרן ווער האָט היינט צו באַקן וויפל אַמאָל: קיכלעך, חלה איז דאָך אַ יקר־המציאות. און ברויט באַקן אויך ווייניק. גאַנצע מחנות גייט מען דאָך פון דער פאַרשטאָט מיט געקויפטע ברויטלעך ביי די דייטשן. אַ חוץ וואָס די אַרבעטער ברענגען זייערע פאָרציעס וואָס זיי קריגן... אַמאָל — פלעגט אַזוי שמעקן פון יעדער שטוב אַרויס. ס'האָט געראַשט, געקלאַפּט, מ'האָט געשטויסן, געריבן...

זילבערמאַנען טראַכט זיך בעת־מעשה אייגענע רעיונות:

... איך האָב נישט געטראַכט בלייבן ביז דער לעצטער מינוט. רייזיקירן צו בלייבן פונאַנדערגעשיידט מיטן ווייב! זיי, די באַלעבאַטים, האָבן זיך איינגעאָרדנט, נישקשה, ווי עס באַ־דאַרף צו זיין. מ'איז זיך פריצייטיק אָפּגעפאָרן. און איך „דער מענטש" האָב געדאַרפט בלייבן ביז דער לעצטער מינוט.

אַ טובה מיר געטון — מ׳האָט מיטגענומען דאָס ווייב! אָבער מ׳האָט זיך דאָך באַדאַרפט באַרעכענען, אַז אַ לעצטצע מינוט האָט שוין נישט קיין צווייטע. הגם איך האָב אויסגערעכנט אפילו צו בלייבן אויך... ווער־זשע האָט געקאָנט קלערן, אַז דאָס וועט געדויערן מער ווי אייניקע חדשים... הינטער די אויגן זאָלטן זיי שוין געווען באַצאָלט, די באַלעבאָנדעס. פאַר רפוי און פאַר בושת... כ׳וואָלט אודאי אַראָפּגעלייגט אין קעשענע אַ צענטויזנט מאַרק... גיי ווייס, אַז אָן אַ באַפולמעכטיקונג טרייבט מען דיך אַרויס, ווי אַ הונט, פון וואַלד... איצט גאָרנישט: נישט דער וואַלד, נישט קיין געלט. נישט דאָס ווייב... וואַלגער זיך... ווי לעבט מען עס אַזוי?!

זילבערמאַן באַקומט רחמנות אויף זיך. און אַזוי ווי אַרום איז דער שנייאיקער פּליין אַזוי ווייס, קאַלט און פרעמד, און קיין גאָענטערער נפש ווי בעריש, מיט וועלכן ער גייט איצטער צום ערשטן מאָל אַרבעטן, איז נישטאָ, דערפילט ער זיך עין אים נעענטער און גייט אַרויס מיט לשון. ער הייבט אָן דאָרט ווו ער האַלט אין רעיון:

— איר פאַרשטייט, בעריש, איך האָב עס נישט געטאָרט טון. חתונה האָבן צו פינפאונדרייסיק יאָר. און גלייך נאָך דער חתונה זיך שיידן מיטן ווייב! איר מיינט דאָס איז אַ קליי־ניקייט?

ער דרייט זיך אויס צו בערישן און כוקט אים מיט פאַרשנדיקע אויגן. וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט עס אויף אים געמאַכט.

— וואָס־זשע. — פאַרשטייט נישט בעריש — דאַכט זיך. אַז מע היט אייך אָפּ ביי אונדז אין שטוב מיט יעדער קלייניקייט די שוועסטער...

— יאָ, אָבער ס׳איז פאָרט נישט קיין ווייב... איר פאַרשטייט? איר זענט נאָך אַלץ אַ בית־מדרש־יינגל...

און כדי צו געווינען ברישעס פאַרשטענדניש פאַר זיך, גייט ער אַרויס מיט קלאָרערע אַרגומענטן.

— און דאָ — דאָס געלט לאָזט זיך אויס! איר זעט דאָך אַז איר האָט מיר געקאָנט איינרעדן גיין צו דער אַרבעט. וואָס? איך בין געווינט דערצו? איך בין געווינט געווען צו שאַפן אויף יענעם. איר פאַרשטייט? איך בין טאַקע גע־ווען נאָר אַ מענטש׳ ביי יענעם, אָבער ביי זיך אין וואַלד ביי דער אַרבעט בין איך געווען אַ פריץ. אַרבעט — אַ, אַר־בעט איז נישט קיין געשעפט. ס׳איז נישט פאַר מיר; איר פאַרשטייט

ער האַקט אָפּ און פאַרטראַכט זיך. אין עטלעכע ־געצ איז ער מוסיף:

— נישט מער, איך קלער: אפשר וועל איך מיך קאָנען אַריינדרייען אַ ביסל אין מסחר מיט די דייטשן. כאָטש פון וואַלד האָבן זיי מיך אַרויסגעטריבן די ימח־שמוניקעס!

— ווייסט איר וואָס, — מאַכט אים בעריש אַ פאָרשלאָג — איר ווייסט דאָך, דער צוגספּירער פאַרקויפט אַלץ נאָר מיר אַליין. איז אויב איר ווילט, לאָמיר מסחרן אין שותפות. סיי ווי קאָן איך אַלץ אַליין נישט פאַרטראָגן.

זילבערמאַנס קליינע אויגן צינדן זיך אָן, ווערן פון גרוי־גרין ווי ביי אַ קאַץ פאַר אַ מויזנאָרע. אָבער זיין פנים ווערט ריקאַ מילד און מיט אַ ווייכן פּוטערדיקן קול כאַפּט ער אָן בערישן פאַרן שאַליק:

— געדענקט־זשע, בעריש, איך האַלט אייך ביים וואָרט!

— געזאָגט איז געזאָגט, - אַנטשליסט בעריש.

עס טראָגט זיך פאַרביי איבער וייערע קעפּ אַ מחנה זאָ־ראָנעס, ווי עס וואָלט אַ פאַך געטון מיט אַ שוואַרצער בלעך אין דער קופּטן.

— קראַ! קראַ! קראַ!

עס דאַכט זיך, אַז דער הימל האָט זיך אויבן צעשאָטן אויף שטיקלעך.

זילבערמאַן רייסט אַרויף דעם קאָפּ, און דערזעט די צוזאַ־מענגעדרענגטע באַראַקעס, וואָס האָבן זיך צעלייגט ווי אַ

גאַנץ שטעטל אין ביידע זייטן פלאַנט אַרום דעם צעשאָסטענעם וואָקזאַל.

— איר זעט יענעם באַראַק צווישן די ביימער, — ווייזט אים בעריש מיט דער האַנט — דאָרט אַרבעטן מיר. אָט גייט פונקט אַרויס פון דאָרט דער צוגספּירער. איך וועל אייך טאַקע שוין באַקענען מיט אים.

די קאַלטע ווינטער-זון, אַרייַנגעשפּאַרט דורכן גרויסן פענצטער אין שמאָלן אַפּטייק-צימערל, צעשפּאַרט די ווענט מיט אייגענער ליכט און מיטן בלענד פון שנייאיקן דרויסן. בלויז אין רעכטן ווינקל פון דער פענצטערוואַנט שטייט דאָס מעדיקאַמענטן-שענקל אין שאָטן און שפּיגלט מיט גלאָזיק-גלאַנציקער שוואַרצקייט. נעבן שענקל אויף אַ טאַבורעט שטעלט זיך רייזעלע און ווישט עס אַרום פונם שטויב.

זי האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן זיך אָנצוטון ווי געהעריק, און דאָס פעלדשערל האָט שוין אָנגעקלאַפּט דורך דער וואַנט מיטן דנאָ פונם ליוּלקעלע, און אַרייַנגעקרייעט, ווי אַ יינגער האָנטשיק:

— ראָזליין! ליבעס ראָזליין! קאָמם העריין!

בעת זי פּאָרעט זיך אַזוי ציען זיך אירע שמאָלע ווי נאָך פאַרשלאָפענע אייגעלעך צוזאַמען, און דורך דינע וויע-שפּאַרונקעלעך שניידט זי איבערן גלאָז מיט איר בייגעריקן בליק, ווי מיט געשליפענעם דימענט, איר אייגן צוריקגעשפּיגלט לופטיק געשטאַלטל: אַן אָוואַל קעפּל מיט אַ פּנימל פון אַ יינג צעפלאָשעט פייגעלע; אַ דאַר העלדזל צווישן צוויי צעפּלעך-הבדלות. וואָס ווערן פאַרפּאַלן הינטער אַרויסגעהויבענע אַקסעלעך; אַ קוים באַבערגלט הערצל: אַ דינינקע טאַליע, ווי אַ טשערעטל. וואָס צעפּאַלט זיך, ווי אַ פאָכער, מיט אַ פּילפּאַלבנדיקן, ווייסבלאַנקענדיקן הינטערקליידעלע, איבער באָרוויסע מאָגערע פיסלעך

אין לינקן ווינקל פון דער אייגענער וואַנט אַנטקעגנאיבער

שטייט אַ טישל מיט פלעשעלעך, סלאָיקלעך, פּודעלעך און פאַרשידענע אָפּעראַציע־מכשירים. אַרום די זאַכן טענטלט־אַרום דאָס פעלדשערל מיט קאָמישע באַוועגונגען פון אַ מאַריאָנעטן-ליאַלקעלע, און גלאַנצט מיטן פּליכל ווען עס פאַלט הינטער דער זונשיין. אין זיין מויל-ווינקל טאַנצט־מיט מיט אים זיין קליין ליולקעלע, וואָס מער ווי עס לאָזט רויך פון אויבן, לאָזט עס פאַרביי אַ סלינע פון הינטן איבערן פאַרשפּיצטן שיטערן, ווי פון נעץ אויסגעקראָכענעם, שוואַרצלעך־גרויען בערדל.

דאָס פעלדשערל ווייסט אַליין נישט וואָס מיט אים געשעט, ווען די קליינע רייזעלע קומט אַריין. אַלץ הייבט אָן אַרום אים צו טאַנצן. טאַנצט ער גופא אויך מיט. טאַנצט דאָס ליולקעלע אין מויל-ווינקל. טרייסלט זיך דאָס זייגער־קייטל מיטן ווילהעלם-ברעלאָקל אויפן איינגעפאַלענעם זשילעטל. און דער שלעכטער צאָן פונפאָרנט, וועלכן „ס'איזט שאדע" אַרויסצערייסן, הייבט זיך אָן אַפילו צו שאָקלען. ער איז פאַרוווּנדערט און צעמישט. ווי אַ האָנטשיק ווען ס'הייבט אָן טאָגן: ער איז דאָך שוין א מאַן אין די יאָרן, און די קליינע — אַ יינג קינד! וואָס זאָל ער דען מיט דער קליינער מאַכן?..

דעם פעלדשערל ציטערן די הענט. און די פינגער פאַרלירן וואָס זיי נעמען שטומפּיק אָן. ער קאָן נישט איינשטיין ביים טישל, לויפט אַלעמאָל פאַרביי דעם פענצטער, ווערט פאַרשלינגען אין דער זונשיין, און שפּרינגט צוריק אַרויס מיטן פּליכל, ווי מיט אַ וויסן טעלער, אין דעם שאָטן פון צווייטן ווינקל נעבן רייזעלען:

— ראָזליין! ליבעס ראָזליין! ווי געהט'ס?

ער זעצט זיך צראָפּ אויף אַלטעטשקע ציטעריקע קני, קלאָמפּערשט צו באַטראַכטן דאָס שענקל הינטן, און לויפט-אום מיט די אייגעלעך הין-און-צוריק, ווי מייזעלעך וואָס זוכן די נאָרע־לאָך, אין די ווייסע שפּיצן פון רייזעלעס מייטקעלעך. עס שלאָגט אים אין פּליכל אַ היץ פון הינטן אַרויף, און דער שאַרבן טאַנצט־אונטער ווי אַ פּאָקרישקע איבער אַ פאַרזיצנדיקן

טאָפּ. ער שפּרינגט־אויף, כאַפּט אַרום רייזעלען העכער די קני, און צאַפּט אָפּ מיט דער סלינע:

— הויטע בעקאָמט ראָזליין קאַפּע אונד רייז!

רייזעלען ווערט עקלדיק אויפן ניכטערנעם הערצל. זי באַפרייט זיך שרעקעוודיק, קינדיש־ברוגז פון זיין אָרעמס, און פאַרגעסט זיך באַלד אין דער פרייד, וואָס זי וועט באַלד קריגן עפּעס פון „פריצלען". זי שמייכלט: — דאַנקע שעהן! און דערפרישט זיך באַצייטנס מיטן ריח פון דער געברענטער שמעקעדיקער קאַווע.

רייזעלע פאַרענדיקט מיטן פעלדשערלס הילף דאָס אויסשטעלן אַלץ אין אָרדענונג אין שענקל. קריגט פון איב צוויי בייטעלעך קאַווע און רייז, ווישט אָפּ פון שמאָלנקן שטערנדל די עקלדיקע סלינע וואָס זיין נאָס־וואָנציקער קוש האָט אויף איר בעת־מעשה געלאָזן, און וויל פאַרביילויפן דאָס אויסבעטן־צימער צו זיך אין שטוב אריין. אָבער פון דער שוועל דערזעט זי דאָרט עטלעכע מיידלשע פנימער פון באַשאַלטע קעפּ און אַקסל אַרויס. זי ציט זיך צוריק פאַרשעמט און פאַרדודעט. ביז היינטיקן טאָג האָט זי דאָ געזען אַלס פּאַציענטן נאָר זעלנער און זעלנער.

— ראָזליין וויל היער בלייבן? — דערפרייט זיך דאָס פעלדשערל — ביט־שעהן! ביט־שעהן!

רייזעלע שטעלט זיך הינטער דער טיר און קוקט דורך דער אָפּגעלאָזענער שפּאַרונע. די מיידלעך שטייען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ צו דר'ערד, צוגעדריקט איינע צו דער אַנדערער ווי אַ סטאַדע שעפּסעלעך הינטער דער בייטש פונם פּאַסטעך.

— רייזעלע! קום שוין אַריין, — קלאַפּט אָן דורך דער וואַנט ראַציע־חיה: איך גיי דאָך שוין אין שול דאַווענען. און דו האָסט נאָך קיין טיי נישט געטרונקען. וויי צו מיינע יאָר!

אויף דעם הייבן די מיידלעך אַביסל העכער די קעפּ, און פון הינטער די שאַלן אַרויס דערזעט זי גליען פּנימער און אויגן גלאַנצן ווי איינגעטונקען אין טרערן. די נייגיריקייט

לאָזט איר נישט אַוועקגיין.

— באַלד, באָבעשי, באַלד, — ענטפערט זי אויף וויפל מעגלעך שטילער, כדי די מיידלעך זאָלן איר נישט דער־הערן. זי פאַרזשמורעט שטאַרקער די אייגעלעך און קוקט ווייטער.

דוואָסיקע אהרון שניידערס און פייגע די היימלאָזע טיילן זיך אַרויס פון די איבריקע מיט זייער פיינערער און לייכטע־רער קליידונג, מיט די אָפּענע פּנימער אין בלויזע קעפּ. זיי שמועסן צווישן זיך און גרענען מיט חציפהדיקע אויגן די „באַ־לעבאַטישע". האַלטן אין איין שמייכלען, און שיסן פון צייט צו צייט פאַרשפּיצטע גלעכטערלעך אין דער גערוימער פּירפּענצטערדיקער, זון־פאַרטרונקענער, געקאַלכטער סאַליע אַריין.

רייזעלע דערפילט פאַראַמאָל איבער זיך און אַרום זיך, ווי עס דרינגט אין איר אַריין דעם פעלדשערלס אייגנטימלעכער נישט־אָנגענעמער ריח פון צווישן די פאַרשידענע אַפּטייק־ריחות, וואָס גייען פון אים אַרויס, און מאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין, אָבער זי באַוויזט עס נישט צו טון.

— גוט מאָרגן! — עפּנט דער דאָקטאָר פויערבאַך די קעגנאיבערדיקע טיר פון פאָדערהייזל אין סאַליע אַריין. ער בלייבט שטיין אויף דער שוועל. זיין הויכע שטאַלטנע פיגור פילט־אויס דעם האַלבן אָפּענעם טיר־קאַסטן און זיין רויט־פּראָס־טיק יינג פּנים גליט ווי אַ שקיעה־זון. ער באַטראַכט פאַר־חדושט די אומגעוויינטלעכע נישט־דערוואַרטעטע געסט. דאָס פעלדשערל לויפט אים אַרויס אַנטקעגן, באַגריסט אים הינטיש־אונטערטעניק, ציט אַראָפּ פון אים דעם מאַנטל, און גיט אָפּ אַ באַריכט:

— דערהאַלטן געוואָרן פון דער אָרטסקאָמענדאַנטור אַ באַפעל אונטערצוזוכן די פריילינס פון די קאַזנע־הייזער, אָן אָפּלעגעניש.

— המם... — פאַרשטייט גלייך דער דאָקטאָר, שטעכט די מיידלעך מיט אַ קורצן דורכדרינגנדיקן בליק, פאַרבייסט די

דרויט-בלוטיקע ליפּן און שמייכלט מיט מילכיקער אָנוואָנסיקייט. ער הייסט שליסן די דרויסן-טיר און מאַכט זיך גרייט.

ס'הייבט זיך אָן די אונטערזוכונג. עס פאַלן אומגעשיקט און געצווונגען אַראָפּ שאַלן, קליידלעך און הינטערקליידלעך. דאָקטאָר פויערבאַכס אומרחמנותדיקע הענט רייסן פּעטלקעס, קנעפּלעך, בענדלעך, פאַרקאַטשען העמדער אַרויף ביז איבער ברוסטן, און מיידלשע קערפּערס קאָרטשן זיך אין שאַנד, פאַרגאָסענע ביז די טיפסטע קערפּער-ריוועלעך מיט זונשיין. יינגע נאַקעטע פיס, אין שיך און זאָקן, גליווערן, שמאַכטן און קוועטשן זיך צוזאַמען, ווי די פיס פון אַ פערד ווען עס שטייט הינטער אַ קאַלטן גאָס-רעגן; אָבער זיי ווערן אויפן דאָקטאָרס באַפעל צעוואָרפן ווי העלצער. ציטריקע הענט פלאַטערן-אום איבער דעם האָריקן שאָטן הינטערן בויך-שפּוע, ווי דערשראָקענע טויבן איבער דער נעסט וואָס אַ פרעמדער פויגל האָט באַזעצט. און אויף אַלעמענס אויגן פאָרעט זיך דער דאָקטאָר און טוט וואָס ער טוט. אָבער קיינעמס אויגן זעען נישט, ווייל זייערע קעפּ בייגן זיך אַלץ טיפער, ווי זיי וואָלטן אַריינקריכן צווישן די אייגענע ברוסטן און דאָרט איינשטילן די צעשפּרונגענע שלייפן. און „פּריצל" פאָרעט זיך דאָרט אויך. האָט פאַרשטעקט דאָס ליולקעלע אין זשילעט-קעשענע, און פאָרעט אַרום ווי אַ קעצל אַרום אַ קניילכן פאָדעם, אַרום איינגעבויגענעם דאָקטאָר. ער שפּרינגט-הינטער אויף די אַרויסגעשטאַרצטע שפּיציקע קניעלעך, דערלאַנגט, שפּרינגט-אָפּ מיט צעפּאָרענע הענטלעך, און קוקט מיט אַרויסגעזעצטע אייגעלעך, ווי אָט טוט ער אַ שפּרינג מיט אַלע פיר אויפן דאָקטאָרס ברייטע פּלייצעס.

רייזעלע שטייט דורכגעצונדן פון בושה און ברענט ווי אַ קינדל.

— רייזעלע! וואָס איז היינט געשען מיט דיר? געוויינט — קלאַפּט די מאַמעשי פון דער צווייטער זייט וואַנט.

רייזעלע טוט אַ כאַפּ ביידע הענטלעך צו די אויגן, ווי

זי וואָלט זיי זיך וועלן אַרויסרייסן. זי לויפט צו האַרט צו דער וואַנט און שעפּטשעט כּמעט וויינענדיק:

— באַלד, מאַמעשי, באַלד.

אויף דעם הערט זיך דעם קוכער ווילהעלמס אָנגענומענע שטים:

— פריץ! לאס דאס קינד פריי. זי האָט ווידער טיי געטרונקען נאָך געפרישטיקט.

שנעל פּטרט דער דאָקטאָר אָפּ איין מיידל נאָך דער אַנ־דערער. יעדערער גיט ער עפּעס א צעטעלע. אָבער לאַנג פּאָרעט ער זיך ארום פייגע דער היימלאָזער. זי ליגט מיט אומגעצוווּנגען־צעיזאָרפּענע הענט און פיס, מיט א שמייכלדיק פּנים פון צעשויבערטע האָר ארויס, און רייסט שטיקער פון דעם דאָקטאָר מיט ארויסרופנדיקע בליקן, ווי מיט צווענגלעך. זי זוכט צו טרעפן זיין בליק. ווען ער בייגט זיך איבער באָענט צו איר קאָפּ, רוימט זי אים עפּעס איין אין אויער. דער דאָקטאָר גראָזשעט איר מיט א פינגער, און שאָקלט דאַביי צוזאָגנדיק מיט קאָפּ...

נאָך פייגען, וועלכע אַנטלויפט נישט תּיכף און בלייבט ווארטן, קומט די פון דוואָסיקע אהרון שניידערס. דוואָסיקע גייט עפּעס וואָגיק, ווי א קאַטשקע, און אירע באַוועגונגען ביים אראָפּוואַרפן דאָס אָנטועכץ זענען שטייף־שווערלעך. עס מאַכט אומגעדולדיק דעם דאָקטאָר:

— מאכען זי׳ס מאל שנעללער!

זי טוט זיך אַ לייג אויף דער קאָשעטע, ווי זי וואָלט אַנידערגעפאַלן. איר בויך בלייבט ליגן שטאַרצנדיק־הויך, ווי אַ פאַס. אינמיטן איז ער איר טיף איינגעשניטן מיט אַ ראָזן פּאַס, און זעט אויס ווי מיט א רייף אַרומגענומען. קענטיק, אַז זי האָט זיך ערשט נישט לאַנג באַפרייט פון זייער אַן ענ־גען פּרעס.

רייזעלע פארשטייט נישט וואָס דאָס זאָל באַטייטן, און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון דעם דאָקטאָרס פינגער, וואָס

זוכן אַרום דעם רויטן צייכן און טאַפּן דאָרט, משמעות, עפּעס אָן.

אַראָפּגעצויגן צוריק דאָס העמד, טוט דער דאָקטאָר אַ שמייכל:

די פּרוכט ווירד מאַן שאָן ניכט טעדטען... אומזאָנסט...

ווייטער... — ווייזט ער אויף דער לעצטער. זי איז אויך פון די היימלאָזע. אַ בלאָנדע מיידעלע מיט בלויע כּשרע אויגן. זי טוט זיך אויס מיט אַ היסטערישן געוויין. דאָס פּעלדשערל רייסט פון איר ממש דאָס אָנטועכץ. ווייס לייב, ווי פּריש־אויפגעשניטענע פּרוכטן, בלענדט אויף דער שוואַרצער סערווע פון דער קאָשעטע. אַ בלאָנד קעפּל קרויזן, ווי צו־זאַמענגעשלענגלטע זון־פּאַסיקלעך, טוט זיך אַ וואַלגער מיט אַ פּנימל בלאַס ווי אַ מאַרמאָר צו דר'ערד.

— וואַסער! — באַפעלט דער דאָקטאָר מיט אַן ערנסט פּנים. דאָס פעלדשערל טוט איר אַ באַשפּריץ און לייגט איר גלייך דאָס קעפּל. דער דאָקטאָר פּאַרעט זיך שנעל און אָנגע־שטרענגט. דאָס מיידל וואַרפט זיך ווי אין קאָנווולסיע:

— מאַ—מע! מאַ—מע!

— אונשולדיק! — קאָנסטאַטירט דער דאָקטאָר, זיך אויס־גלייכנדיק, און גיט־צו מילד און ערנסט: אונשולדיק, קליינער ענגעל!

רייזעלע ציטערט מיטן גאַנצן קערפּערל. עס ברענט איר שטערן איבער די אויגן, ווי אַ קאָמפּרעס מיט הייסע זאַלץ. און צוויי הייסע טרערן טריקענען איר אויס אויף די בעקלעך פון אייגענער היץ.

ווען די דרויסנטיר פאַרמאַכט זיך הינטער דער היימלאָ־זער מיידל. און דאָס פעלדשערל זיצט געבויגן נעבן דאָקטאָר, וואָס דיקטירט אים אַ באַריכט צו דער אָרטסקאָמענדאַנטור וועגן דער אונטערזוכונג:

... אנשטעקענד... שוואַנגער... —

גליטשט זיך רייזעלע פאַרביי, און טרעפט זיך אין פאָ־

דערהייזל פּנים־אל־פּנים מיט דער באָבעשי, וואָס קומט מיטן סידור פון דער שול.

דאַלבּ דריי בייטאָג. אין עס־חדר, ווו עס שלאָפן די ווייבער איז שטיל. די לופט איז דורכגעזאַפּט מיטן שאַרפן ריח פון צוגעברענטע מאכלים, וואָס קומט פון דעם הרובע־איי־ווערע מיט אַ זינגענדיקן קליעקן. פון דריטן, נישט־באַהייצטן חדר, הערט זיך דורך דער צוגעמאַכטער טיר אַ פּליעסקן און שוועכן פון וואַסער: מינדל דערוואַשט דאָרט אַ פּאָר שטיק־לעך גרעט. ס'איז שוין אויפגערוימט. די פּאָדלאָגע, מיט סימנים, אַז זי איז אַמאָל געווען געפאַרבט, איז אָפּגעוואַשן און אויסגעלייגט מיט סטעשקעס פון אַלטע זעק. די זיך־אַראָפּלאָזנ־דיקע זון אין דער צווייטער זייט פון שטעלכל־דאַך, וואָס שטייט פאַרן פענצטער ווי אַ ווייסער שול־טאָפּל, און וואַרט שוואַרצע וואָראָנעס זאָלן זיך אויף אים שטעלן און שרייבן היראָגליפן מיט די נעגל, — פאַלט נעבן דער הרובע, ווו עס טריקנט ווייס וועש. די בעטן זענען זויבער פאַרבעט און צוגעגלעט. דער טיש, אַרומגעשטעלט מיט בענקלעך אין די זייטן און מיט אַ שטול פון אויבנאָן, איז שוין פאַרשפּרייט, און באַצירט מיט צוויי געשייערטע מעשענע לייכטער. אינמיטן די לייכטער שטייט אַ גלאָז וואַסער מיט אַ גאָלדן גרויסן און דיקן בוימייל־אויג, אַרומגעפּאַסט מיט אַ זילבערן רינגל; אינמיטן רינגל איז אײַ־בערגעוואָרפן אַ זילבערן פּאַסיקל מיטן אויסגראַווירטן פּסוק: „שמור וזכור את יום השבת לקדשו”; דורכן רערעלע אינמיטן פּאַסיקל שלענגלט זיך אַרויס אַן איינגעטונקען געל קנייטל. און וואַרט מע זאָל עס אָנצינדן. אַרום ליגן אַ צענדליק האַלבע ציגל מיט איינגעשמאָלצענע דינע וואַקסענע ליכטלעך.

ראַציע־חיה איז זיך נוהג פון אייביקע יאָרן, אָנצוצינדן פאַר יעדן פון דעם געזינדל צו צוויי ליכטלעך צום ליכט־בענטשן און עטלעכע גלאַט אזוי לכבוד שבת. אָפּזאָגן זיך פון דעם צוליב דער מלחמה, צוליב וואָס דער מאַן האָט דעם זילבערנעם

שבתניק מיט די לייכטער אָװעקגעפירט מיט זיך, צוליב דעם וואָס אויף ליכט איז אַזאַ יקרות, — וועט זי זיך באַין־אופן נישט. ווען ס׳איז אַפילו אַרויס „די גזירה" פון דער קאָמענדאַנטור, אַז מער ווי צוויי ליכט טאָר מען אום שבת אין אַ יידישער שטוב נישט אָנצינדן (לויט איין נוסח, מחמת עקאָנאָמיע, לויטן צווייטן — מחמת חשד אַז מיט די שבת־ליכט ווערט געגעבן סיגנאַלן די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען), — האָט זי זיך מיט דעם אויך נישט גערעכנט, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן אויבערשטן, אַז ווי באַלד די פּראָנט־שטוב איז פאַרנומען פון דייטשן, און שוין היימישע, טאָ ווער וועט עס קומען שפּיאָנירן אין די הינטערשטע פענצטער, וויפל ליכט עס ברענט. זי האָט דעמאָלס נישט מער ווי געמאַכט אַ געגוייען חשבון. צוויי פאַר זיך; צוויי פאַרן מאַן — האָבן מיר פיר; צוויי פאַרן בן־יחיד — האָבן מיר זעקס; פיר פאַר די מיידלעך (גאָט ווייסט וואָס מיט זיי איז געוואָרן, וואָרן ע ר ווייסט עפּעס ווי מען דאַרף אַכטונג געבן!...) — האָבן מיר צען; דריי צינדט אָן מינדל פאַר זיך, פאַרן מאַן און פאַר רייזעלען (זאָל געזונט און פרום זיין!) — האָבן מיר אינאיינעם דרייצן; נו, און דעם „שמור וזכור" פאַרן טאַטנס וועגן, זכרון צדיק לברכה, — דאָס מוז זי אָנצינדן. יענעם ערשטן פרייטיק פאַרנאַכט האָט עס פונקט צום ליכט־בענטשן אָנגעטראָגן אַ פאַרשפּעטיקטע וואָראָנע אויפן שטאַל־דאַך, און זי האָט געהאַלטן אין איין מבשר זיין: — קראַ! קראַ! קראַ!.. אָבער ראַציע־חיה האָט זיך אַפילו מיט דעם שלעכטן סימן נישט גערעכנט. זי האָט אויסגעשפּיגן, אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: — קרע רוע גזר דין!.. און געבענטשט ליכט.

ראַציע־חיה מיט נשמה־יתרהדיק־אויפגעלויכטן באַברילט פנים הינטער אַ געל־זיידענער פאַטשיילע, זיצט ביים טיש איבערן טייטש־חומש. רייזעלע מיט אַן אייסגעצוואָגן שריינט־פאַרקעמט קעפל און פריש פנימל, לייגט חלות אויפן אויבנאָן טיש דעקט זיי איבער מיט אַ קאָלירט טישטעכל, און קוקט פאָרשנדיק אויף דער באָבעשי. ראַציע־חיה נעמט אַרויס דעם

קאָפּ פון ספר און זיפּצט-אָפּ.

— וואָס איז, באָבעשי? — פרעגט רייזעלע און שנירעוועט וויטיקלעך די ליפּעלעך.

— וואָס? — שאָקלט ראַציע-חיה שווער-געמיטלעך מיטן קאָפּ. און פּינטלט מיט די ווייסע ברעמען — אַז איך דערמאָן מיך וואָס שבת איז אַמאָל געווען: וואָס דאָ האָט זיך עס איבערגעקערט!... און פּאַר מיר איז דאָך דאָס אַלץ ווייניק געווען... וואָרן איך פלעג דאָך געדענקען אַנדערע שבתים און אַנדערע ימים-טובים ביי מיין טאַטן אין שטוב, זכרון צדיק לברכה!... אַזאַ אָפּגעהיטקייט... אַזאַ הייליקייט... און הייגט — גאָרנישט!... נישטאָ וואָס צו רעדן... אוי!... אוי!.. וואָלט כאָטש דער זיידע דיינער געווען... אַזוי איז דאָך דער גאַנצער עול אויף מיר. אַזאַ עול!... אויף אַלץ אין אַלעמען מוז איך האַלטן דאָס אויג. בעריש זאָל נישט פאַרפעלן אַ דאַווענען, וואָרן ער איז דאָך געבעך דערשלאָגן פון דער גויאישקער אַרבעט. פון דער גמרא אוועקגעשלעפּט, ווי איז מיר! און דאָ זיין חברותא מיט זילבער-מאַנען — מיינסטו איז מיר צום האַרצן?... אל תשכון — דו זאָלסט נישט לאָזן וווינען, באהליך — אין דיין געצעלט, עולה— אומגערעכטיקייט... והרחיקנו — און דו זאָלסט אונדז דערווייטערן, משכן רע — פון אַ שלעכטן שכן... און די גויאישע שכנים זענען בעסער!...

זי האַקט אָפּ. טוט אַ קוק מיט בליצעלעך אין די אויגן צו רייזעלען, און זאָגט ווייטער, שאָקלענדיק דעם קאָפּ מיט פאַרדרוס:

—המם... און די מאַמע דיינע היט זיך נישט אָפּ, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

זי ווערט ערנסט-שטרענג און וואָרנט מיט אַ פינגער:

— און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, הערסט רייזעלע?

— איך הער, באָבעשי.

— טאָמער זענען זיי זיך מיחד, די מאַמע מיט זילבער-

מאַנען, אָדער מיטן ערל, בלייבן אַליין, פאַרשטייסט? זאָסטו תיכף אַריינגיין... אויב מיטן ערל — איז מיט אַן אויסערייד עפּעס, ער זאָל נישט חלילה, דערצאָרנט ווערן... אַ גוטער ערל איז ער אפילו...

רייזעלע ציט צוזאַמען די וויעס, ווי קינדער טוען עס קעגן לאָמפּ־פייער, און איר דאַכט זיך, אַז פון דער באָבעשיס ליכטיקן פנים און ברענענדיקע אויגן ציען זיך דינינקע שטראַלן ביז צו איר. זיי דריגגען אַריין אפילו צון איר אין הערצל. עס ציט איר צו דער באָבעשי. זי זעצט זיך צו נעבן איר אויפן בענקל, און טוליעט זיך צון איר ווי אַן עופעלע.

— באָבעשי, — רעדט זי אָפּ פונם הערצל דאָס וואָס עס פרעסט איר כסדר — היינט זענען „דאָרט" געווען יידישע מיידלעך...

— איך ווייס, איך ווייס, — שלאָגט איר די באָבעשי דערשראָקן איבער — כ'האָב געהערט אין גאַס. אַ גזירה: יידישע מיידלעך זאָל מען חושד זיין אין זנות. רחמנא לצלן!... אַז ווו עס קומט נאָר אַריין אַ זעלנער אין שטוב אַריין...

זי פאַרגלאָצט די אויגן, און הייבט אַרויף בעטנדיק די הענט:

— רבונו של עולם! אויף מיין שטוב זאָל זיין נישט אויסגיסן דיין צאָרן... ואל תביאני — און דו זאָלסט מיר נישט ברענגען, לידי בזיון — צו קיין שמאַך און שאַנד!... אין זכות פון מיין הייליקן טאַטן און די גרויסע ערלעכע יידן, תלמידי חכמים, וואָס פלעגן זיצן בא זיין טיש, און הערן תורה פון זיינע הייליקע לעפצן...

בעת זי רעדט אַזוי, ווערט דאָס גערויש פון וואַשן אין דריטן חדר איינגעשלונגען אין דער צוהערנדיקער שטומקייט פון די ווענט. נאָר זיי באַמערקן עס נישט. מינדל האָט דאָרט פאַרענדיקט דאָס גרעט־וואַשן און טראָגט אַ פעקעלע גרעט צו צוהענגען עס ביי דער הרובע. אויף דער שוועל בלייבט זי שטיין, כדי צו הערן וואָס די מאַמע רעדט צו רייזעלען. זי

שטייט פאַרשוויצט פון האָרעוואַניע, האַלטנדיק דאָס פעקל גרעט מיט ביידע הענט אויפן בויך, דאָס הינטערקליידל הויך אַרויפגעצויגן פונפאָרנט כמעט ביז די קני, און זעט מחמת דעם אויס מעוברת.

— און איך האָב געזען, — דערשרעקט זיך רייזעלע פאַר דעם וואָס זי רעדט — ביי איינער איז דער בויך געווען אַזוי הויך... געשוואָלן... דער דאָקטאָר האָט געטאַפּט און געטאַפּט.

— פו! פו! — שפייט ראַציע־חיה ענערגיש אַרונטערן טיש — ווי צו מיין לעבן! צו וואָס האָסטו זיך צוגעקוקט צו אַזעלכע טמא זאַכעכישן... אומריין געמאַכט די כשרע קינדערשע אייגעלעך... (שטיל, צו זיך אַליין:) מע דאַרף שוין אָנהייבן אַכטונג געבן אויף איר אַליין אויך... ווי צו מיינע אַלטע יאָרן!... (הויך:) פע, רייזעלע! אַנטלויפן באַדאַרף מען פון אַזעלכע זאַכן! וואָס ווילסטו, די טומאה זאָל זיך, חלילה־וחס צו דיר צוקלעפּן?!...

רייזעלע ציטערט אויף פאַר דער לעצטער דראָונג, און איר פּנימל ציט זיך צוזאַמען צו וויינען.

— מאַמע! — קומט אַריין מינדל, און צעהענגט אויפגערעגט די שטיקלעך גרעט — שוין! האָסט שוין מיטן קינד אויך אָנגעהויבן דרשענען דיינע זאַכן? לאָז כאָטש איר צורו!

ראַציע חיה זיפצט אונטערטעניק:

— וואָס דען? די מאַמע דאַרף שוין שטומען. אַז די טאָכטער איז געוואָרן די פּרנסה־געבערן, אַז אָך און ווי מיינע יאָרן!... פאַרוואָס־זשע פאַרגעסטו די פערצן יאָר וואָס דו ביסט געזיצן מיטן קינד אויפן טאַטנס קאָפּ...

מינדל טוט זיך אַ זעץ פאַרהאָרעוועט אויפן בענקל ביי דער הרובע, סאָפּעט שווער, איר פּנים ווערט מיט יעדן הרף־עין אויפגעגליטער, און זי שיסט אויס:

— און אַז איך וואָלט איצטער געהאַט דאָס „באַשיינונג״, וואָס איר האָט מיר אויסגעקליבן, און דאַרפן האָרעווען מיט

בלוט פון זייַנעטוועגן אויך, וואָלט שוין געווען בעסער? אַ...?

— אַוודאי בעסער, — ציט ראַציע־היה צוזאַמען די דיגע ליִ־פעלעך, ווי זי וואָלט פון זיי גיפטיקע שפּיזעלעך אַרויסגעלאָזן: אַ מאַנספּאַרשוין אין שטוב איז שוין אַנדערש... ווייל דער ערל, אַז ער דאַרף זיך היטן...

רייזעלע קאָרטשעט זיך פונם מחלוקת צווישן באָבעשי און מאַמעשי, קנייטשט ווערימלעך מיטן קליינעם שטערנדל און וויל נישט דורכלאָזן קיין וואָרט פון דעם וואָס דאָ ווערט גערעדט.

— נו, און בעריש איז קיין מאַנספּאַרשוין נישט? — פרעגט מינדל מיט רוגזא — און אַז דיר איז באַשערט געווען די זאָלסט זיך מיט דיין מאַן צעשיידן, מיטן טאַטן, קאָנסטו עפּעס אויפטון?...

— איז טאַקע אַז אָך און וויי צו מיר, ווי איך בין פאַר־בליבן, און וואָס מיינע אַלטע אויגן דאַרפן צוזעען...

אויף דעם קומט אומדערוואַרטעט אַריין בעריש. אַ געפּרוירן־בלויער, מיט אַ פאַרדראָלעגנער נאָז, אַ רוגזאַדיקער ווי אַ שטיק וואָלקן, מיט אַ ליידיקן זאַק אונטערן אָרעם.

— זעט־נאָר, בעריש! — דערפרייט זיך רייזעלע מיטן פעטער, און מיט דעם וואָס דער פייניקנדיקער מחלוקת וועט זיך איבעררייסן.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי, — פאַרוווּנדערט זיך מינדל, און באַטראַכט בערישן, ווי ער גייט פאַרביי צו זיך אין חדר, מיט אַ דורכנעמענדיקן בליק.

נאָר אויף ראַציע־היהן מאַכט, דאַכט זיך, בערישעס אַריינ־קום נישט קיין איינדרוק, זי וואַרפט נאָך צו שטאַמלענדיק עטלעכע ווערטער צום פריערדיקן געשפּרעך:

— אַ מאַן מיין איך... אַ מאַן... אַ ייִדישע טאָכטער טאָר נישט וווינען אָן קיין מאַן...

ס'הערט זיך ווי בעריש פעלצט זיך דאָרט אָפּ, סאָפּענדיק און אָכנדיק, און בלייבט שווער זיצן אויף זיין סאָפקע. ערשט

איצט כאַפּט זיך ראַציע־חיה וועגן בערישן. פיר פאַרגלעזערטע אויגן קוקן זיך איבער דערשטוינט, אין דער השערה, אַז עפּעס איז געשען. רייזעלע קוקט פרעגנדיק פון דער באָבעשין צו דער מאַמעשין און צוריק. איר הערצל רייסט זיך אַריינצוגיין צו בערישן, אַרגומענטן זיין קאָפּ און פרעגן: וואָס איז די מעשה? אָבער זי שעמט זיך און בלייבט זיצן אויפן אָרט זיך איינהערנדיק. ס'הערט זיך אַ פריקרע מאַנסבילש כליפּען. ראַציע־חיהס וויעס הייבן אָן צו פינטלען אַזוי שנעל, ווי אַ האָלץ וואָלט זיך איר פאַרשטעקט אין די אויגן. מינדל ווערט בלאַס, פאָכעט מיט די באָזלעפלעך און כאַפּט זיך קניפּן די באַקן, רייזעלע לייגט פאַרקלעמט דאָס קצפל אויפן טיש און נעמט דאָס טישטעך אָפּצווּווישן אַן אָנגעלאָפענע טרער.

— מע דאַרף זיך פאַרקעמען, — זאָגט מינדל מיט אַ געוויסער כונה, נעמט דאָס געשפּאָלטענע שפּיגעלע פונם פענצטער און זאָגט נאָך העכער: רייזעלע, דאַכט מיר, אַז דו האָסט דאָס קעמל געלאָזן ביי בערישן אויפן פענצטער?...

זי גייט אַריין אַהינצו, און באָבעשי מיט אייניקל הערן זיך איין צום געשפּרעך דאָרט:

— ניין בעריש, ס'איז עפּעס געשען. זעסט מיר נישט איינרעדן!

— כ'ווייס דאָרט וואָס. ס'איז מיר פאַרגאַנגען שפּאַרעס ביים האָלץ־זעגן.

— מינדלס שטים ווערט דאָרט שטילער, נאָר זיכערער:

— בעריש, איך בין דאָך נישט די מאַמע. וועסט מיר נישט איינרעדן אויפן בוידעם אַ יריד. זע־נאָר! וואָס איז דאָס? די רעכטע באַק איז דאָך דיר געשוואָלן! מ'האָט דיר געשלאָגן?

— אַז דו זעסט, וואָס־זשע פרעגסטו?

— ווײ איז מיר! ווער? ווי אַזוי? פאַרוואָס?

— דער צוגספּירער.

— דיין צוגספּירער? פאַרוואָס? ס'האָט זיך דען עפּעס

געמאַכט? דו האַנדלסט דאָך מיט אים כסדר.

— ער וועט שוין מער מיט מיר נישט האַנדלען, איך ווייס אַליין נישט וואָס מיט אים איז פּלוצים געשען. אינדערפרי ווען איך האָב אים באַקענט מיט זילבערמאַנען, האָט ער מיט מיר געשמועסט ווי אַלע טאָג. נאָר שפּעטער אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער צוגעקומען צו דער אַרבעט און האָט זיך אָנגעהויבן צו מיר צו טשעפּען. דערנאָך ביים מיטיק ווען איך בין צון איב אַריינגעקומען מיטן זעקל פּאַרנעמען די זאַכן וואָס כ'האָב ביי אים נעכטן געקויפט, איז ער אויף מיר אַרויפגעפאַלן מיט אַ רציחה, ווי אַ קצב צום שינדן, און האָט מיך אָנגעהויבן ש׳אָגן. ער האָט נאָר געהאַלטן אין איין שרייען: שטויל׳ע און זיך נישט געלאָזט אויסרעדן קיין וואָרט. פון זיינע אַלע געשרייען האָב איך פאַרשטאַנען נאָר איינס, אַז עמעצער האָט אויף מיר אָנגערעדט, אַז איך האָב אים באַשווינדלט מיט די פּרייזן.

— וואָס־זשע עפּעס פּלוצים? רבונו־של־עולם! ווער האָט עס אים געהאט אָנצורעדן בייז אויף דיר? וועמען טשעפּעסטו דען?

ראַציע־חיה שפּרינגט אויף פונם אָרט, און לויפט אריין צו זיי מיט שנאהדיקע בליקן, די אַראָפּגעפאַלענע ברי־לן באָמבלען זיך איר נאָך אויף אַ שטריקל:

— און איך וועל דיר זאָגן ווער! — פינטלט זי מיט די ברעמען נישט קאָנענדיק אַריבערטראָגן דאָס שטעכעדיקייט פון אייגענעם שאַרפן בליק -- דאָס איז די אַרבעט פון דעם ימח־שמוניק. אייער זילבערמאַן, דער טיליגענט, האָט עס אָפּגעטון, ימח־שמו זאָל ער ווערן!

— מאַמע, — שלאָגט איר מיידל איבער מיט פאָרוואורף: דיינע איינפאַלן!

— שעלט נישט, מאַמע, — וואָרנט איר בעריש מיט בקשה.

— זאָל אים אַזוי דאָס טריפה האַרץ איינפאַלן, דעם רשע! — ווײַל די אַלטע נישט נאָכגעבן — דו מיינסט אַז ער רעדט צו דיר מיט די גוטע ריידעלעך, מיט מענטשלעכקייט, מיט טיליגענטישקייט. איז תורת־לאָקשן!

— דאָס קריכט ער עס נאָר נאָך דיר אַזוי, — דרייט זי זיך אויס צו מינדלען — מיינסט איך בין קיין מבין נישט... אַז אָך און ווי צו מײַנע אויגן, וואָס זיי האָבן אַמאָל געזען און וואָס זיי זעען היינט!

— וואָס זאָגסטו, בעריש? — דרייט זיך מינדל אַוועק פון דער מאַמען, נישט צו הערן אירע טענות־מענות.

— איך ווייס אַליין נישט, גלויב מיר. עפּעס קאָן איך אים נישט חושד זײַן ער זאָל אַזוי גראָב זײַן. אַז איך אַליין האָב אים איינגערעדט ער זאָל גיין צו דער אַרבעט. און אויפן וועג האָב איך אַפילו גערעדט מיט אים וועגן שותּפות־מאַכן אין די געקויפטע זאַכן. וואָרן וואָס? ס׳פעלט סחורה? וואָלט איך נאָר געקענט אַזויפיל פאַרטראָגן.

— זעסט דאָך, — באַדויערט מינדל — אַז ס׳איז נישט באַשערט, ביסטו היינט געקומען מיט אַ ליידיקן זעקל.

— חכמים, — זאָגט ראַציה־חיה גיפטיק־שפּאָטיש — וואָס דאַרף ער דײַן שותּפות? אַז ער קאָן מיט דײַן סחורה בעסער אַליין האַנדלען!

— איך ווייס? — צווייפלט בעריש אויף אַ קול — עפּעס האָב איך אים טאַקע געטראָפן עטלעכע מאָל רעדן מיטן צוגס־פירער אויף אַ זייט. וואָס האָט מיר געקאָנט איינפאַלן... און פאַרוואָס האָט ער עס מיך שוין אָפּגעשיקט אַהיים און אים נישט?..

— ועסטו שוין! — פייערט ראַציע־חיה איר טרויעריקן נצחון, און גייט גלייך איבער אין יאוש — נו, וואָס־זשע וועט דאָ זײַן? וואָס וועט זײַן? און אַז ער וועט דיך חלילה אינגאַנצן פון דער אַרבעט אָפּזאָגן? ווי! ער האָט דאָך איצט דעם ביסן ברויט פון מויל אַרויסגעריסן, דער משומד איירער!

וויניק הארעװעט זי דא, מינדל נעבעך, ביי דער באליע!..

עס קומט אריין אין איילעניש דער קוכער ווילהעלם. א הויכער פלייציקער ברונעט מיט א פעסטער מאנסבילשער גאמבע, ווי פון שטאל, פארשמירט און איינגעריסט דאס פנים. זיינע גרויסע שווארצע אויגן גלאנצן ארויס ווי ברען־קויל. פארבייגייענדיק רוקט ער שמייכלענ יק אונטער א שאקאלאדקע.

— ער דארף שוין די וועש.

מינדל גייט מיט אים אין צווייטן חדר

— לאז אפן די דלת.. — דערמאנט ראציע־חיה. רייזעלע וויל נאכגיין.

— גיי נישט, אפשר... — קווענקלט די באבעשי — דער ערל קאן נאך אחר־כל־המעשות אין כעס ווערן. ס'איז דאך איצטער דער איינציקער אויסשטעל אויפן שטיקל ברויט... אזא יאר אויף מיר, ווי דער ערל איז לייטישער פון דעם יידישן רשע!

זי הערט זיך צו. מינדל דערציילט אים דארט די געשיכטע, אז זילבערמאן האט געמסרט בעריש, אז בעריש האט געקריגן געשלאגן. ווילהעלם ווידער קאן נישט אזוי שנעל תופס זיין דעם ענין, און פרעגט אלץ איבער: — אבער אום גאטעס ווילן! ווארום דען? און אז ער איז שוין משמעות, תופס, טוט ער פאראמאל א צעפראל די טיר, בלייבט שטיין אויף דער שוועל, ווי א ברענענדיקע האלאוועשקע, און פרעגט מיט א צארן וואס רויכערט אריין אין זיינע קויל־שווארצע ציטעריקע דראטיקע וואנצעס:

— איז דאס װאהר, בעריש?

— וואהרשיינליך.

— אלזא, — באשליסט ווילהעלם — דער זילבערמאן ווירד הויטע אבענדס פאן היער הערויסגעשמיסען! פערפלוכטער קערל! דאנערוועטער!

— אוי־ווײ! א דונער האט מיך נישט געטראפן, —

פארבריכט ראַציע־חיה די ביינערדיקע פינגער — אַ יידן אַרויס־
וואַרפן!

— הער ווילהעלם מאַכט שפּאַס. ניכט וואהר? — זאָגט
מינדל מיט אַ חניפהדיקן שמייכל. ווערט בלאַס און בעט זיך —
מאַכען זי מאל קיינע וואנטירדען, הערר ווילהעלם, איך ביטע
איהנען.

— גוט, גוט, — לעשט זיך ווילהעלם אַ ביסל. מאַכט
צורעכט מיט צערייצטע באַוועגונגען דאָס פּעקעלע וועש אונטערן
אָרעם און פאַרנויגט זיך — איך איילע יעצט. האַבע די עהרע!
אַאוף וידערשאַאוען!

מע האַלט שוין ביים סוף פון דער סעודה.

— רייזעלע, — זאָגט ראַציע־חיה, פאַרפּלאָנטט פון דער
היייליקייט פון שבת און פון די זעטיקע געווירצטע מאכלים —
וואָס־זשע? אַפילו דאָס ביסל מערנצימעס וועסטו איך נישט
עסן?!

— איך וויל נישט, באָבעשי, — פאַרקרימט זיך רייזעלע,
און קוקט אומעטיק דורך די אויגנשפּעלטלעך, ווי אַן עופל קעגן
שיין, אויף בערישן.

— איך ווייס נישט וואָס, — צוקט די אַלטע מיט די
אַקסעלעך — זי איז דאָך שטענדיק אַן אויסקלייבערן. נאָר ווי
היינט — קיינמאָל נישט! פונדעסטוועגן עסט זי דאָך שטענדיק
עפּעס, און היינט פון אינדערפרי אָן... אַזוי ווי זי איז אַריינ־
געקומען פון לאַזאַרעט, האָט זי אַפילו קיין גלאָז טיי נישט
געוואָלט טרינקען... פרעג וואָס שלעפן זיי אַזויפיל דאָס קינד
אַהינצו?!

— מאַמע, — רוגזאט מינדל — שוין ווידער הייבסטו אָן?
וויפל מאָל כ׳האָב דיר שוין געזאָגט! אַז דו וועסט נישט האָבן
דאָס ביסל קאַקאָאָ פון אירעטוועגן, וועט שוין זיין בעסער?
פאַר איר האָסטו דאָך אודאי נישט וואָס מורא צו האָבן!..

— אַז הלואי זאָלן עס מיינע אויגן נישט זען, — פינטלט

די אַלטע מיט די ברעמען, און ווי זי וואָלט עפּעס געקייעט מיט די בלויזע ליפּן – וואָס דאָס קינד האָט זיך דאָרט אָנגעזעען... אַז דער דאָקטאָר באַטראַכט מיידלעך — דאַרף אַוודאי דאָס קינד זיין דאבּיי...

— רייזעלע, — שלאָגט זי זיך אַליין איבער, כדי די טאָכטער זאָל עס נישט טון — פּרוּוו עסן עטלעכע לעפל. דאָס צימעס האָט דאָך דעם גאַנצן טאָג די שטוב פאַרשמעקט. ב'האָב אין אים אַריינגעבראָקט א ביסל דיניע ער זאָל זיין מאסקע. געוועזן נאָך נעמען אַ פּערטל שמאַלץ... אַז וואָס זיי גיבן נישט דאָס איז נישטאָ...

— איך קאָן נישט, באָבעשי, איך קאָן נישט. דער קאָפּ טוט מיר וויי, — בעט זיך רייזעלע מיט אַ רחמנות-פּנימל.

מינדל לייגט פאַרשנדיק א האַנט אויף רייזעלעס שטערן.

— אויבער זי האָט, חלילה, קיין היץ נישט אַצינד, — דערשרעקט זי זיך: ס'איז איר וואַרים דאָס קעפּל. אפשר איז געוועזן אַ טשאַד פון אייוועלע?

בעריש זיצט די גאַנצע צייט שטום, הערט זיך צו וואָס די ווייבער רעדן, און לאָזט נישט אָפּ קיין אויג פון רייזעלען, זיך היטנדיק נישט צו טרעפן זיך מיט אירע אויגן-שפּעלטעלעך. ערשט איצט זאָגט ער אַ וואָרט:

— מ'עט אָפּבענטשן — לאָז זי גיין שלאָפן.

— און ע ר איז נאָכנישטאָ! — באַמערקט מינדל מכּוח זילבערמאַנען.

מע בענטשט. די ליכט אין די לייכטער-רערן הויבן אָן צאַנקען. די קליינע ליכטלעך זענען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען און געלאָזן אויף די ציגל פּעטע פאַרריסטע חלב-פלעקן מיט אויסגעלאָשענע שניצלעך, ווי שוואַרצע ווערים. בלויז דאָס בוימייל-קנייטל אין דעם גלאָז לייכט ווי פריער, באַוועגט זיך מחמת ראַציע-חיהס שאָקלען-זיך ביים בענטשן, און לאָזט אַ שוואַרץ שנירעלע ריס. דאָס דאָזיקע טיש-ווינקל זעט אויס ווי אַ קליין בית-עולמל מיט מצבות...

עס קומט אריין זילבערמאַן. אָנגעפּעלצט. דורכגעפרוירן מיט אַ געמאַכטן ברייטן — גוט-שבת! ער גייט זייטיק, דורכשמוגלענדיק אַ פול זעקל אין צווייטן חדר אַריין. עס שאָקלט זיך און סקריפּעט דאָרט זיין בעט. די ווייבער קוקן זיך כּונהדיק איבער.

— ס׳איז שבת! שבת-קודש, — פאַרגלאָצט ראַציע-חיה די אויגן — דערלאַנג אים עסן, מינדל.

ביים ברעג טיש, וו עס ליגן די ציגל, זעט איצט זילבערמאַן אויס מיט דער זעקסטאָגעדיקער וואָכעדיקייט, וועלכע ער האָט נאָכנישט באַוויזן פון זיך אַראָפּצעוואַרפן, ווי אַן אבל אויף אַ בית-הקברות. ער גראָבט די אויגן אין טעלער, עסט מיט גיכיקן אַפּעטיט, און די הינטערשטע דיקע ליפּ הענגט אים אומשולדיק אַראָפּ, אָבער מע קוקט אַלץ אויף אים מיט פולע פאַרשנדיקע בייזע אויגן, ווי אויף אַ קאָטער וואָס האָט נאָרוואָס אויפגעפרעסן אַ שוועלבעלע און אַ פאַרבלוטיקט פעדערל האָט זיך אים צוגעקלעפּט צו די פייכטע וואָנצעס.

— איר ווייסט, בעריש, — זאָגט זילבערמאַן מיט אַ פול אָנגעשטאָפּט מויל — דער צוגספירער אייערער איז נישט קיין קליין שטיקל רשע—האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט ביז אַזוי שפּעט אין אָוונט.

— אדרבה, — טוט ראַציע-חיה אַ בליצל מיט די אויגן און זאָגט שטעכעדיק — איר זעט דאָך סאַראַ גוטער מענטש ער איז, אַז ער האָט בערישן אָפּגעלאָזן כמעט האַלבן טאָג...

— און האָט מיר נאָך נעגעבן צידה-לדרך... — זאָגט בעריש הכנעהדיק מיט אַ פאַרוואָלקנטן שמייכל.

אָבער זילבערמאַן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווּסט און גאָרנישט פאַרשטאַנען, הייבט אַרויס די גרויע, טיף אין קאָפּ זיצנדיקע אייגלעך און פרעגט תּמעוואַטע:

— טאַקע? איר האָט מיט אים געמאַכט הײנט געשעפט אויך?...

— הממ... — ברומט בעריש, און די ווייבער קוקן זיך

איבער מיט דער דייטלעכער כונה: ווי א מענטש האָט עס א פאַרוואַשן פנים!...

— נו, וואָס־זשע חדושט איר זיך, — זאָגט ראַציע־חיה מיט גיפט: נישט איין שלעכטער ייד איז דאָ אויף דער וועלט און נישט איין גוטער גוי... איך זאָל נישט האָבן געזינדיקט מיט די רייד... אָט אַ שטייגער...

— מאַמע, דערמאָנט איר בעריש: האָסט דאָך אַליין פריער געזאָגט — ס'איז שבת! שבת־קודש!...

עס שטעלט זיך אַ שווער שווייגן.

ס'קומען אַריין דאָס פעלדשערל מיט'ן קוכער ווילהעלם.

דאָס פעלדשערל באַמערקט מיט חידוש:

— זאָגנאַבענד, אונד היער איזט זאָ טריעב!

בעריש רוקט זיך אַרויס פון הינטערן טיש כדי צו מאַכן פלאַץ פאַר ווילהעלמען נעבן דער שוועסטער, און זעצט זיך אויפן בענקל נעבן דער הרובע. רייזעלע רוקט זיך אויך אַרויס, כדי „דער ערל זאָל נישט אין כעס ווערן", און זעצט זיך נעבן בערישן. בעריש לאַדט־איין דאָס פעלדשערל, און מאַכט אים אַן אָרט נעבן זיך. אָבער דאָס פעלדשערל דאַנקט שיין, שטאָפט אָן דאָס ליולקעלע, פאַררויכערט, און אַז אַ סלינע הייבט אים שוין אָן צו באַנעצן דאָס בערדל, קוקט ער זיך אויס אַ פלאַץ און זעצט זיך נעבן רייזעלען. זי דערשפירט צוזאַמען מיט די אַפטייק־ריחות וואָס גייען פון אים אַרויס, אויך דעם ריח פון בראָנפן, וואָס וועפט זיך אויס פון מויל. זי דרייט אָוועק דאָס קעפל מיט עקל. אָבער דאָס פעלדשערל ציקלט זיך פון נחת: — ליבעס ראָזליין! ליבעס ראָזליין! און גלעט איר, ווי מע גלעט, נישט אַ קינד, נאָר אַ פרוי, אויפן קעפל, אויף די בעקלעך און נאָך ווייטער.

ווילהעלם, אַ זויבערער, אָן די מינדסטע סמנים פון זיין פראָפעסיע, אַ פריזירטער און פאַרפוצטער, זיצט זייער ערנסט. ער מאַכט אָפטער צורעכט די דיקע וואָנצעס, זיינע גלאַנציקע אויגן, ווי איינגעטונקען אין בוימל, שווימען איבער ראַציע־חיה'ס

קאָפּ גלייך אין פענצטער אַריין, וואָס צאַפּלט ווי אַ פליגל קעגן די גוססע ליכט. ווי ער וואָלט איצטער געווען, ווילהעלם, מיט דער נשמה, נישט דאָ, אין אַן אָקופּירטן שטעטל, נעבן אַ פרעמ־דער יידישער פרוי, נאָר דאָרט אין דער ליבער היימאַט נעבן זיין אייגן ווייב מיט די קינדערלעך, וועגן וועלכע ער האָט אַזוי אָפטער ליב צו רעדן. אָבער זיין רעכטע האַנט הינטערן טיש באַוועגט זיך אָן אויפהער, ביז סוף־כל־סוף גיט זיך איר איין אַרונטערצוגנבענען אַרום מינדלס טאַליע. דעמאָלט דערפילט ער מיטן אינסטינקט, אַז דאָ דערנעבן זיצט אַ קאָנקורענט, וואָס פאַרפאָלגט בגנבה זיינע בעוועגונגען. און ווען מינדל הייבט זיך אויף דערלאַנגען זילבערמאַנען דאָס צימעס, דרייען זיך זיינע אויגן איבער אויף אים אָנגעשטרענגט און בייז. טייל־מאָל שיטן זיי מיט פונקען ווי אַ בוימל־קנויט ווען ס׳פּעלט אויס בוימל.

ראַציע־חיה ציט שטאַרקער אַראָפּ דאָס גאָלד־געלבלעכע זיידענע טיכל איבער די אָנגעבריִלטע אויגן, גראָבט זיך אַריין אין דיקן סידור, לייענט און באַהערשט מיט איר זינגענדיקן גע־שעפּטש די טאַנצנדיקע טונקלקייט פון חדר:

— יהי רצון — עס זאָל זיין דער ווילן פון צו דיר, גאָט, מיין גאָט און דער גאָט פון מיינע עלטערן, אַז די תורה זאָל זיין מיין עסק, און דו זאָלסט גיבן צו מיר: איין גוט האַרץ, און איין גוטן חלק, און איין גוטן חבר, און נידעריק געמיט. און דיין נאָמען זאָל נישט ווערן פאַרשוועכט דורך מיר, און דו זאָלסט מיר נישט מאַכן אַ רייד אין דעם מויל פון לייטן...

זי פאַרגלאָצט די אויגן, שאָקלט מיטן קאָפּ, און לייענט ווייטער:

— און מיין גוף זאָל נישט זיין צו פאַרשניידונג, און מיין האָפענונג זאָל נישט זיין צו טרויערונג, און דו זאָלסט מיר נישט מאַכן באַדאַרפין צו דער גאָב פון איין בשר־ודם, וואָס זייערע גאָב איז ווייניק און זייער שאַנד איז פיל...

מיט אַ פּאַטשיילע־שפּיץ ווישט זי אַרויס אַ טרער פון אַ

קנייטש אין פּנים, און אַקצענטירט:

— נאָר צו דיין האַנט, וואָס זי איז פול, און ברייט, און אָפן, און הייליק...

די ליכט ווערן פאַרלאָשן, ס'ווערט איר פינצטער אין די אויגן. זי קוקט זיך אַרום. מינדל מיט ווילהעלמען זענען ביים טיש נישטאָ, אַריינגעגאַנגען אין אַלקער מסתמא. זילבערמאַן, וואָס האָט אונטערן מאַנאָטאָנעם לייענען איינגעדרימלט, רייסט איבער אינמיטן אַ כראָפּ, און קוקט זיך רויט אַרום. בערישעס קאָפּ לאָזט זיך דרימלענדיק אַראָפּ צו דער ברוסט, טוט אַ פאַל, אַ צעשאָקל זיך, און דרימלט ווייטער. און אין שאָטן זיצט רייזעלע צוזאַמענגעגאָסן מיטן פעלדשערל.

דאָס פעלדשערל האָט שוין מיט זיין קליין האָריק הענטל אויסגעטאַפּט דורכן קליידל איר קערפּערל ווי קליין און דאַר עס איז. איצטער רוקט זיך זיין הענטל אַראָפּ נידריקער איבער איר שויס און טוט צאַפּלדיק אַ גלעט איבער דעם טיפן פאַלד, וואָס ליגט ווי אַ קליינער אַנקער באַ אירע שמאָלינקע דיכן. רייזעלע טוט אַ שפּרונג-אויף, ווי אָפּגעבריט זיך, און אירע אייגעלעך צעגייען זיך ווי ביי אַ קעצל אינדערפינצטער:

— אַלץ איז זיי ווייניק, די חזירים!...

בעריש טוט זיך אַ טרייסל, עפנט די אויגן און פאַרשטייט. אָבער ער קוקט אומבאַהאָלפן, ווי באַטאָג ווען דער צוגספּירער האָט אים געפּאַטשט, און חדושט זיך אויף רייזעלען. זילבערמאַן טוט בייזפריידיק אַ שמייכל, געגעצט אָפּ אויף אַ קול, און גייט אַריין צו זיך שלאָפן.

— ענטשולדיגען זי, הערר ווילהעלם, — זאָגט ער פאַרשלאָפן: איך מוז שלאַפען געהן...

עס הערט זיך דאָ, ווי די סאָפּקע אויף וועלכער ווילהעלם מיט מינדלען זענען געזיצן (און אפשר געליגן) האָט האַסטיק אַ זעץ געטון אָן דער וואַנט, משמעות, מ'איז אויפגעשפּרונגען מיט פּענד. עס הערט זיך אַ ראַנגלען, אַ שאַרווען מיט פיס, מינדלס געשעפּטש מיט געבעט, אַ בייז ברומען, און באַלד

פירט מינדל ווילהעלמען בגוואַלד אַרויס פאַר דעם עלנבויגן.

— קאָממסט מיט, קאַמעראַד? — ווענדט ער זיך מיט צאָרן צום פעלדשערל — יאַיואָל.

זיי גייען אַרויס. מע שושקעט זיך איבער, אַז ווילהעלם האָט זיך געכאַפּט זילבערמאַגען שלאָגן. נסים וואָס ס'האָט זיך געענדיקט אָן אַ סקאַנדאַל.

— אַ לייטישער ערל פונדעסטוועגן, האָט פאָרט געפאָלגט, — זאָגט מינדל שווער-אָטעמדיק, און דאָס פנים ברענט איר ווי פאַרטאָג קעגן אויוון.

מע לייגט זיך אין די בעטן מיט שווערן געמיט. די אַלטע לייענט קרישמע שעפטשענדיק און געניצט, ווי זי וואָלט אַן עין-הרע אָפּגעשפּראָכן. פון באַלד שלאָפט מען איין פאַרמאַטערט און צעבראָכן פון האָרעוואַניע און האַרץ-קלעמעניש.

בלויז איין רייזעלע קאָן נישט איינשלאָפן! דרייט זיך מיט פאַרשלאָסענע אייגלעך פון זייט אויף זייט, און וויל מיט איר קליינעם מוחל אין נאָכנישט אַנטוויקלטער ווייבלעכקייט דערגיין דעם סוד פונם לעבן לויט די דערפאַרונגען פון הייַנטיקן טאָג. פון גרויס אָנשטרענגונג הייבט זיך איר אָן דרייען דאָס קעפּל. פאַר די אויגן וויקלען זיך קאָלירטע ליענטעס, ווי רעגנבויגנס, און ווערן פאַרלאָשן אין טונקעלע ציטעריקע רעדער-פאַראַמאָל — — — —

עפנט זיך מיט רעש די טיר און עס פאַלט אַריין דאָס פעלדשערל. קאָמיש! אָנגעטאָן איז ער אין דער קליידונג פון טריינע דער בעטערן. דאָס ליולקעלע טאַנצט שווינדלענדיק אין איר אָנצייניקן מויל. זי בעט צו — — פייגע דער הימלאָזעד אויפן ברית... די באָבעשי, די מאַמעשי, און זי, רייזעלע, טוען זיך אָן שבתדיק, לאַכן מיט פריידיקע פנימער און גייען... אויבנאָן ביים טיש זיצט דער פרומער פעלדהועבל, וואָס האָט ביי זיי לאַנגסט געקוואַרטירט, און פלעגט פאָרלייענען פאַר דער באָבעשין דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט אויף דייטש. דער „מיסיאָנער" איז געקליידערט רבייאיש, מיט אַ שטריימל. ס'איז דער

עלטערזיידעשי, זכרון צדיק לברכה!.. איבער אים שטייט די באָבעשי און שאָקלט זיך דבקותדיק מיט פאַרגלאָצטע אויגן איבער די גלאַנצנדיקע ברילן־גלעזער... ער האַלט, ווי שטענדיק, אַ קליין דייטשיש ביכעלע אין האַנט און זאָגט אין דעם מיט אַ נגון, ווי די באָבעשי פון סדור אַרויס:

— יעזוס שפריכט צו איהר: געהע הין, רופע דיינע מאַנן און קאָם הער!

— דאָס ווייב אַנטוואָרטעטע אונד שפראַך צו איהם: איך האַבע קיינע מאַנן.

— פינף מענער האָסט דו געהאבט. אונד דען דו נון האסט, דער איזט ניכט דיין מאנן; דא האסט דו רעכט געזאַגט.

— דאס ווייב שפריכט צו איהם: הערר, איך זעהע, דו איין פראָפהעט ביזט...

נעבן עלטערזיידעשי זיצט דער דאָקטאָר, דער בעל־ברית... דער עלטערזיידעשי איז סנדק... זעלנער טראָגן אַריין דאָס קינד... דער קוכער ווילהעלם, איינגעריסט ווי אַ קוימענקערער, מיט אויגן רויטע ווי אַריינגעדרייטע לאָמפּן, טראָגט אַ לאַנגן בלאַנקענדיקן חלף...

— דער מוהל גייט! דער מוהל גייט! — ווערט אַ שמחה, און ער ווערט איינגעשלונגען אין דעם רעדל פון יידן מיט דייטשע זעלנערישע קאַסקעס און דייטשן מיט יידישע היטעלעך...

דער עלטערזיידעשי טוט אַ געשריי:

— בדמיך חיי! בדמיך חיי!..

דאָס קינד וויינט, רייסט זיך...

— ויקרא שמו בישראל... זבל בן... בן... בתולה...

— מזל־טוב! מזל־טוב!..

מע גרייט צו דער סעודה... באַקעטע מיידלעך אין די שיך און זאָקן זיצן אַרום טיש... זי, רייזעלע, און דאָס בלאָנדע היימלאָזע מיידעלע, „דער קליינער ענגעל" אויך אַזוי... ס'איז אַזוי נישט שיין!.. און די באָבעשי שווייגט גאָר!.. דוואָסיקע אהרון שניידערס טאַנצט, און פויקט מיט די פויסטן אין נאַ־

קעטן בויך אַריין... ווילהעלם מיטן פאַרבלוטיקטן חלף פאַרשטעקט אין גאַרטל... פון חלף קאַפּעט אָפּ בלוט... דערלאַנגט צום טיש...

— לחיים!.. לחיים!.. אויף בריתן און אויף חתונות!.. — שרייט מען פון אַלע זייטן אויף יידיש.

— פּראָזיט!.. פּראָזיט!.. — ענטפערט מען אויף דייטש.

מע עסט... זי עסט אויך... פּלוצים טאַפּט זי אָן אין טע־לער עפּעס אַ האַרט שטיקל נישט קיין צעקאָכטס... זי באַטראַכט עס... עפּעס... זי דערשרעקט זיך, און וויל אַ געשריי טון: — גוואַלד! ס'איז דאָך דאָס הענטעלע פונם קינדעלע!.. נאָר איי־דער זי שרייט אויס, ווערט איר נישט גוט און פינצטער אין גאַנצן גופל... זי טוט אַ פאַל מיטן קעפּל הינטערן טיש אויס־צוברעכן... קעגן איר טוט אַ שפּרונג־אויף אַ דאַר שוואַרץ הינטל... שטעלט זיך קעגן איר אויף די הינטערשטע פיסלעך און דרייט מיטן ווידעלע... זי דערקאָנט עס: ס'איז דאָך „פּריצל״!.. דאָס הינטל לעקט איר דעם שויס...

— פּאַשאָל!.. — שרייט זי מיט עקל, און ברעכט־אויס אויף זיין קאָפּ...

דאָס הינטל טוט אַ צעפּן אַ שוואַרץ מויל אָן ציין, צע־בילט זיך אַלט און קרענקלעך:

— האַ—או! האַ—אווו!

און פרעסט זיך איין מיט נאַסע פוילע יאַסליס אין דעם גראָבן פלייש פון איר נאַקעטן לייב — — — — — — — —

דאָס הרובע-ווינקל אָטעמט אַריין אין דער שלאָפנדיקער צעפּריעטקייט פון דעם חדר מיט טרוקענער היץ, ווי אַ רויט־צעגליטע שטאָלערנע לונג. זילבערמאַן, אויפגעכאַפּט זיך צוויי אַ זייגער, קאָן שוין מער מחמת דער היץ נישט איינשלאָפן. ער דרייט זיך וואָגיק מיט זיין קליין יאָדערדיק גופל פון איין זייט אויף דער צווייטער, און דאָס אייזערנע וואַנדער-בעטל הינ־טער אים צערעפּעט מיט אַ סקריפּ די צעבויגענע פיסלעך, און האַלט אים קוים אונטער. די צוגעברענט־שמעקעדיקע היץ נעמט

דורך די קאָלדרע, און זי ליגט אויפן לייב טרוקן-הייס, ווי א בלעך. עס וואָלט איצטער דוקא אָנגענעם געווען א שוויץ צו טון. דער קערפער טרוקנט, לעכצט און ציט זיך אין שמאַכטונג צו אַן אומבאַשטימטער פייכטער וואַרימקייט. די היץ שטיקט אים. זילבערמאַן טוט בייז א מרוקע, און לאָזט אויס מיט א קללה אויף די דייטשן, וואָס הייצן די הרובע אויף דער צווייטער זייט אין אויפנאַם-צימער.

—דער רוח זאָל זיי וויסן, ווי זיי פאַקעווען דאָס אָן א הרובע האָלץ אויף דער נאַכט! זי וועט ווען עס איז צעשפּרינגען ווערן!

ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קאָלדרע. די ערשטע רגע אָטעמט ער אָפּ לייכטער. די פייכטערע לופט פון חדר שטילט אין אויגנבליק דעם דורשט פון זיין לייב. אָבער באַלד טרוקנט עס ווידער פון דעם היץ-פאַכנדיקן שטראָם, וואָס נאַ'ט איצט דירעקט אויפן לייב. און זיינע אַלע רמח-אברים ווערן דורכ-גענומען מיט א זוכעניש און גאַרעניש, וואָס פייניקט ווי דורשט און רייצט גלייכצייטיק מיט צוזאָגענדיקער הנאה.

...אפשר, — טראַכט ער — וואָלט מען באַדאַרפט איבער-שטעלן דאָס בעטל קעגנאיבער בער:שעס סאָפּקע.

אָבער פון דעם רעיון גופא לויפט אים דורך א שוידער דורך די ביינער:

... דאָרט ביי דעם פענצטער, וואו עס יאָגט אַריין א ווינט! א רעוומאַטיזם פעלט אים נאָך צו באַקומען!

— אוי! — זיפצט ער אָפּ, וויקלט זיך צוריק איין אין דער קאָלדערע, און ווערט צעגאַנגען אין א שמאַכטנדיקער בענקשאַפט, ווי א ציגעלע צוקער אין א שטאַרקער הייסער גלאָז טיי, ביים געדאַנק:

... ווען זי איז דאָ דאָ, שיינע!...

אין ערשטן חדר האָט זיך אינמיטן שנאָרכנדיקן שלאָף-געריוש אַריינגעשניטן א סקריפּנדיקער קרעכץ פון א בעט. דאָס שלעפּט אַריין זילבערמאַנס רעיון אַהינצו. ער איז זיך

משער. אַז דאָס האָט אַ סקריפּ געטון מינדלס בריוו און קורץ בעט. און אין דמיון דערזעט ער איר, מינדלען ווי זי האָט זיך אויסגעצויגן אין איר גאַנצער לענג, און די שפּיצן פּיס־פינגער דריקן אויפן צופיסנס־ברעטל פונם בעט.

...סאַראַ שלאַנקע זי איז! — טראַכט ער מיט אַ חשק, וואָס מאַכט אים פּייכט די ליפּן: ווי די פּאָלקע וואָס כ'האָב געהאַט אין וואַלד־קאָנטאָר... און זי איז נאָך גאַנץ שיין אויך... אַז אַ יאָר פערצן ווי זי לעבט נישט מיטן מאַן... ער, זילבער־מאַן, איז שוין געוויס געווען מיט איר אויף אַ דרך... ווען נישט אָט־דער־אָ קראַסאַוועץ, דער קוכער ווילהעלם... צו אַלדע שוואַרצע יאָר האָט עס אים אָנגעטראָגן! און גיי קאָנקוריר מיט אַ קוכער וואָס האָט אַלדאָס־גוטס צוצושטעלן...

זילבערמאַנען טוט עס פּאַראַמאָל אַ צינד אונטער פון אייפערזוכט, זיינע פּייכטע דיק־פלײשיקע ליפּן שטייען־אָפּ איינע פון דער אַנדערע, און די פּויל־געלע ציין טוען יאַ קריך אַריינבייסנדיק זיך אין דער נאַכט־פינסטערניש, ווי אַן אַ שוואַרצער שטיק ברויט.

... וואָלט כאָטש דאָס קליינע „ווערימל" נישט געווען!.. — טראָגט זיך פלוצים איבער זיין כעס אויף רייזעלען—אַז ווו דו זייסט עס נישט, דאָרט וואַקסט עס דיר אויס!... קוקט נאָך ווי אַ דער שראָקן מייזל פון דער מויזלאָך אַרויס...

... און וואָס?... — גיסט זיך זילבערמאַנען פּאר אַמאָל אַריין אַ פינצטערער וואַרעמער שטראָם אין שאַרבן אַריין— און וואָס ווען איך טו אַזוי אַ פּאַרלעש דאָרט די גלאָז?... בעריש כראָפּעט ווי אַ געהרגעטער נאָך די פּעטש... די אַלטע — איז שוין גלאַט עובר־בטל... און כ'טו זיך אַ כאַפּ אַריין... ניין!... זי וועט נישט ביישטיין דעם נסיון... נאָר די קליינע?... די קליינע?..

עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם. די פיס ציען זיך ציטערנדיק צוזאַמען, און ער שוידערט אויף מיטן גאַנצן גוף. ער זעצט זיך אויף מיט אַזאַ באַהיטעוודיקייט, ווי ער וואָלט געווען

פון גלאָז, שטעקט אַרויס די פּיס פון היגטער דער קאָלדרע און שטעלט זיך אויף. ער גייט אַריין, געבויגן אויף די שפּיצן פינגער, אין ערשטן חדר. ער שטייט נעבן מינדלס בעט. זיין אַראָפּהענגנדיקע ליפּ שאָקלט זיך. מינדל ליגט מיט אַ פּאָררי־ס נעז קאָפּ, די ברוסטן רייסן זיך אַרויס פון הינטערן העמד, ווי ברוינע שוואָמען פאַר אַ רעגן, און גרויען אין דער טונקל־קייט פון דעם אָרעמען געלעגער נעב איר, צענויפגעדרייט אין דרייען, ליגט דאָס „ווערימל" מיט איין הענטל פאַרוואָרפן אַרום דער מאַמעשיס האַלדז.

זילבערמאַן בייגט זיך אַראָפּ, און רוקט זיך לענגאויסן בעט כמעט אויף אַלע פיר. ערשט ווען ער דערהערט איבערן קאָפּ מינדלס שמעקנדיקן אָטעמען, גלייכט ער זיך אַביסל אויף, און טוט מיט נישט קיין געוועלנלעכער חיהשער לייכטקייט אַ ציִ אַרויס אויף די הענט רייזעלעס קינדיש און מאָגער קערפּערל. רייזעלעס הענטל ווי ס'איז פריער געלעגן אַרום דער מאַמעשיס האַלדז, אַזוי טוט עס זיך אַ שלענגל אַרום זילבערמאַנס, און איר קעפּל צעוואָרפענע האָר פאַלט אויף זיין אַקסל.

ער טראָגט זי אַוועק, ווי אַ קאָטער אַ מייזל ווען ער היט זיך פאַר אַ קאָנקורענט, און לייגט זי ביי זיך אויפן בעטל. ער וואַרט אַ רגע, אַ פאַרגליווערטער פון שרעק. הערט זיך איין. קומט אַריין צוריק. פאַרלעשט דאָס בוימייל־קנייטל, און זיכער אין זיין זיג, זוכט ער, ווי אַ קאַלב מיט גרהדיקע ליפּן מינדלס ברוסטן — — — — — — — — — — — — — —

— —

רייזעלע כאַפּט זיך פאַראַמאָל אויף. פילט, אַז ס'איז איר נישט גוט פון היץ ביז צום ברעכן. עפנט די אויגן, און דערזעט זיך אינדערפינצטער נישט אויפן אָרט. דערשרעקט זיך און הייבט אָן אַרומזוכן דער מאַמעשי. איר שרעק ווערט נאָך שטאַרקער. זי וויל אַ געשריי טון. נאָר דער געשריי שטעלט זיך אין האַלדז, ווי אַ פויסט. זי דערהערט בערישעס

כראָפּען, און מארקירט, אַז זי איז אין צווייטן צימער. ווי אַזוי? וואָס? ווען? זי קאָן זיך עס נישט דערקלערן. זי קריכט שטיל אַראָפּ פון געלעגער מיט אַ ווייטיקער שרעק, און רוקט זיך מיט טאַפּנדיקע פינגער אָן דער וואַנט צו דער מאַמעשי. אַ שטיל נאָר שרייענדיק געשעפּטש פון דער מאַמעשיס בעט טוט אַ טרייסל מיט איר הערצעלע, ווי מיט אַ בלעטל:

— מינדל, האָט קיין מורא נישט... איך וועל נאָר ליגן... אַזוי... — סאָפּעט קרומענדיק איין קול.

— ניין... גייט אַוועק!.. איכ'ל שרייען, זילבערמאַן! — ענטפערט אָטעמדיק אַ צווייט היימיש נאָר פאַרענדערט קול.

רייזעלע פאַרשטייט. ווערט צעמישט. גנבעט זיך שוידערנדיק צו דער טיר אין קיך אַריין. לויפט פון קיך אין פּאָדערהייזל, פון דאָרט אין אויפנאַם-צימער, פון אויפנאַם-צימער אין אַפּטייקל. אַ פּלוצים-אויפגעריסענע שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל שלינגט איר פאַראַמאָל אינגאַנצן איין.

— וואָס איז געשעהן?! — שפּרינגט אויף ווילהעלם פון געלעגער.

רייזעלע קאָרטשעט זיך ווי אַ וואָרים, ציטערט, און קוים וואָס זי רעדט אַרויס.

— אָנקל ווילהעלם, דער זילבערמאַן פּייניקט די מוטער... ליגט בײַ איר אין בעט...

ווילהעלם טוט אַ שפּרונג. די טאַבורעט נעבן זיין קאָשעטע קערט זיך איבער און דערלאַנגט אין דער אַראָפּהענגענדיקער שלאָפנדיקער האַנט דעם פעלדשערלס. ער כאַפּט זיך אויף, און זיינע וויעס, ציטערנדיקע אין דער שיין פון עלעקטרי, שלינגען רייזעלעס קערפּערל, ווי אַ נעץ אַ קליין פישל. ווילהעלם זוכט עפּעס אין אָנטון. געפינט, און טוט ווי ער גייט און שטייט, אַ צעשויבערטער, מיט ווילדע אויגן, ווי אַ משוגענער, אַ לויף אַרויס מיטן לעמפּל אין דער האַנט. רייזעלע לויפט נאָך אים. אָבער דאָס פעלדשערל טוט איר אַ כאַפּ

אויף די הענט צוריק אין דער פינצטער אַריין. און איר פּחד־אויסגעשריי ווערט דערשטיקט הינטער דער קאָלדרע הינטער דעם פעלדשערס דאַרע ברוסט, וואָס פאַלט אויף איר ווי אַ קבר־ברעטל.

אין דער רגע טוט די גאַנצע שטוב מיט דער אָנגעזאַמל־טער וואַרימער נאַכט־און שבת־שטילקייט אַ שוידער־אויף פון אַ רעוואָלווער שאָס — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיטן מאַנס הסכּמה

דער פראָסט האָט שטאַרק גענומען איבער אָוונט. האָט אַזוי איינגעקלאַמערט די שטוב, אַז טיילמאָל האָבן דער דאַך און די ווענט געקרעכצט. ער האָט מיט גרויסע שווערע שטיקער שנייאיק אייז אַרומגעלייגט די ווענט, און זיי קוקן בייז אין גרויע דורך די פענסטער אין דער טונקלקייט פון שטוב. ביי דעם לאַנגען אויוון מיטן געלבלעך־שוואַרצן אָנגעריבענעם שוויס־פלעק זיצט אויפן טאַפּטשענדל ביילקע די פּאָנפּעוואַטע איבערגעבויגן מיטן פּאָרנט איבערן פירוואָכעדיקן קעלבעלע. זי באַרקעמט עס מיטן פירקאַנטיקן צוואָג־קעמל. דאָס קעלבעלע, אַ ווייס מיט שוואַרצע פלעקן ווי אויסגעלאַטעט, שטעקט מיטן קעפּל צווישן אירע פיס. עס האָט הנאה פונם קראַצן, טויטשעט טיילמאָל מיטן קעפּל אין ביילקעס שויס אַריין, ווי עס וואָלט געזויגן, און אָטעמט אין איר הייס אַריין. דאָס פאַרשאַפט ביילקען גרויסן כּמעט מאַמעשן פאַרגעניגן.

— הערסטו, בערל, — הויבט זי אויף דעם קאָפּ מיט אַ צעשויבערטן גרעק, קוקט מיט אויפגעלויכטענע אויגן צום מאַן און ציקלט זיך — עס וואַרימט בעסער פון אַ פייערטאָפּ. אַזאַ גוט יאָר אויף מיר!

בערל, קעגנאיבער ביים שניידערישן טיש. אין אַ שפּענצער מיט העלגעבלימלטע באַרכענע אַרבל, מיט אַ באַפּעדערט אָפּגעשאָסן סאַמעטן יאַרמלקעלע אויף די שוואַרצע קרייזעלעך, הייבט פאַמעלעך אַרויס דעם קאָפּ פון די זעלנערישע הויזן וואָס ער טרענט־אויף, און קוקט אויף איר מיט פאַרטוטשעטע, רויטלעך־

אַרומגעזוימטע אויגן, אָן זינען.

— וואָס האָסטו אויסגעסלאָפּעט די אויגן? פאַרשטייסט נישט וואָס מע רעדט צו דיר? — בייזערט זיךביילקע, און דער כּעס פאַרשטאָפּט איר שוין אינגאַנצן, ווי מיט הייסער וואַטע, דאָס פאַרוואַקסענע געזל.

— אַז איך זע נישט, — פאַרענטפערט זיך בערל — דער לאָמפּ אָנם קאָלפּאַק נעמט דאָך אַרויס די אויגן; קאָפּטיעט — ווי אַ רויך וואָלט פאַר דיר כּסדר געשטאַנען.

ער נעמט אַריינציען אַפּאָדים אין אַ נאָדל, און רעדט ווי צו זיך אַליין ווייטער:

— עס דערמאָנט מיך, ווי איך פלעג אַמאָל קערן מיטן טאַטן עליו־השלום אַ קוימען. איך בין אויבן. דער טאַטע שרייט פון הינטן דורך דער טרובע: — דראָן־דראָן! דראָי־אין לאָז אַריין די באָמבע מיט בעזעמל און דער רויך וואָלט יעט דערווייל אין די אויגן אַריין!

— שוין געהערט! געהערט! — שלאָגט אים ביילקע איבער, אָבער זי בעט זיך באַלד איבער — גיב נאָר אַ קוק צום קעלבעלע ווי עס ביאָכעט זיך מיר אין שויס, ווי אַ גחתל, ווי אַ ק...

— ווי אַ קינדעלע?! — צעציקלט זיך בערל און זיין באַוואַקסן פּנים און פאַרוועלקטער שטערן-ווערן פלוצים באַלויכטן פון אַן אינעווייניקסטן ליכטיקן דמיון און אַן אויסנווייניקסטן לייכטן שמייכל.

— קינדעלע!.. קינדעלע!.. — פאָנפעט אים ביילקע איבער — אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ!.. אַליין קאָן ער נישט מאַכן... און רעדט נאָך כּסדר... — ווי אַ קעצעלע זאָג איך!

בערלס פּנים לעשט זיך צוריק אויס, ווי אַ פאַרריסטער לאַמטערן, אָבער ער לאָזט נישט אַראָפּ דעם קאָפּ. און מיט אָנגעשטרענגטן בליק צעגייט ער זיך ווי אַ פעטס־פלעק אַרום ביילקעס איינגעבויגענעם גוף אין דער טונקל פון אויוון דאָרט.

צייטנווייז פאַלט אים איין, בערלען, אפשר איז אַ ליגן גאָר, אַז די מניעה איז אין אים. אפשר איז זי גאָר שולדיק. אַנומלטן, בעת אַ מחלוקת אין בית־המדרש, טוט אים פרעסאייזן אַ זאָג בפני־כל־עם־ועדה: — בערעניו גוי! ווער ווייסט נישט אַז דיין פלוניתטע האָט מען פון דיינעט־ועגן אַרויסגעשלעפט פון באָרדעל. די פאַנפעוואַטע נפקה האָט דאָך שוין דיר אויך באַפרענצלט! — האָט ער אים, בערל, אָפגעענטפערט: — אַז פראַגצן זאָלן זיך דיר שטעלן אויף דיין געשוואָלענע ליפּ, ווי דאָס איז א ליגן! — ליג היינט. ליג מאָרגן...— פאַרפאָרט אים פרעסאייזן צוריק – אָבער קיין קדיש וועט זי דיר נישט מאַכן, די אויסגעכראַשעטע!..

ווער ווייסט?.. אָבער שטענדיק ווען ער קוקט זיך אַזוי צו צו איר, אַזוי ווי איצטער, צו זיין יידינע, מיטן דיקן הינטן ווי דער הינטן פון אַן אויסגעזיצטן־אויסגעפּאַשעט געגדזל, מיטן פולן בוזים ווי אַ קליין איינגעדעקט דייזשקעלע מיט אויפגעגאַנ־געגער ראָשטשינע. און מיטן ווייסן שמאַלציקן פנים און האַלדז, קאָן ער עס באין־אופן ביי זיך נישט רעכט מאַכן, אַז אזא ווייב זאָל קיין קינדער נישט קאָנען מאכן. און אַז זי, ביילקע, וואַרפט אים נאָך פאָר, אַז ער איז דער שולדיקער אין איר אומגליק, ער „דער דאַרער כראָנדיעק”, ווערט ער שוין איבער־געצייגט אין זיין שולדיקייט און נישטיקייט, און אַרבעט שטאַר־קער מיט די פיס אויפן ניימאַשין, צו פאַרטויבן די ביטערע רציונות אין קאָפּ.

בערל לאָזט לסוף אַראָפּ די אויגן צו פאָדים־נאָדל און פרעגט מיט חנופה:

— די קאַץ עפּעס זעט מען נישט?

רייזל, ווי שטענדיק ווען בערל פאַראינטערעסירט זיך מיט אירע ליבלינגס בעלי־חיים, ווערט ווייכער:

— די קאַץ? אָ, זי האָט זיך שוין היינט, ברוך־השם, גוט אָנגעזשערעט מיט פלייש. מילקע האָט געבראַכט פון די סאָל־דאַטן פון קיך. כי־כי־כי! איצט ליגט זי שוין ביי מיר אין

בעט און וואַרימט מיר אויס דאָס געלעגער.

אַ פאַרבענקטער מרוק ווי אַ זיפץ מיט אַ ווייטיקלעכער שאַרף שניידט דורך די וואַנט. די קו, די מאַמע, האָט זיך פאַרבענקט נאָכן קינד, דעם קעלבעלע. דאָס קעלבעלע, אויסגעקעמט און אויסגעגלאַטיקט, די גלאַנצעדיקע שוואַרצע לאַטקעס — אמתער אַטלאַס, טוט אַ דריגע-אונטער, פאַררייסט דאָס קעפל, און טוט אַ שטויס-אָן אָן ביילקעס אַראָפּהענגענדיקן בוזים.

— אוי! — שרייט ביילקע אויס פון ווייטיק און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ צום חלשן.

דאָס קעלבעלע פאַרקרייזלט און צעצאַפּלט דאָס ווײַדעלע, לאָזט אַרויס אַ רופנדיקן מע, צעשפרינגט זיך איבערן שטוב, און שטויסט-אָן דער ביימאַשין. די ביימאַשין טוט אַ שוידער מיטן שטאָלערנעם איינגעווייד, און לאָזט פון זיך פאַלן מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ די גרויסע שער.

— אַ קרענק דיר אין קאָפּ! — שפּרינגט בערל אויף אַ דערשראָקענער — שיעור האָט עס מיר דער מאַשין נישט איבערגעקערט. די ביינער קאָן עס מיר צעטראָגן!

ער לויפט צו דער טיר, וואָס פירט אין הויז אַריין, און איידער ער באַווייזט נאָך צו עפענען זי ווי געהעריק, טוט אים דאָס קעלבעלע אַ שפּאַר אָפּ די פיס, און מיט אַלע פיר — אין קאַמער, פון קאַמער אין שטאַל אַריין.

— מו-ו-ו! — דערפרייט זיך די קו מיט אַ ציטער איבער דער גאַנצער פעל און שטעקט אַרויס אַ צונג צו באַלעקן.

— מע-ע-ע! — ציטערט דאָס קעלבעלע מיטן ווייכן לייב און רייבט זיך אַרום אים מיטן מאָרדעלע.

בערל גייט צוריק צום טיש, און דערזעט ביילקען אַ פאַרחלשטע. זי ליגט אויפן טאַפּטשנדל מיט אַ פאַרוואָרפענעם בלאַס-געלן פּנים. איר קערפּער איז גרייט אַראָפּצופאַלן אויף דר'ערד, ווען נישט דער לינקער פוס, אין אַ בלויען בייוולענעם זאָק אַרויסגעשטעקט פון הינטערקליידל, וואָלט שטעקן-געבליבן

ווי אַ שטיק האָלץ אויף דער פּאָדלאָגע און שפּאַרט איר אונ־טער. די שרעק טוט בערלען אַ קלאַפּ אויף דער ברוסט מיט צוויי פויסטן פּאַראַמאָל. זיינע אויגן ווילן זיך אַרויסקערן אויף דער פּאַרחלשטער, און אַ גוואַלד ווערט אים דערשטיקט אין האַלדז. ווי אַ כאָרכל. אויף דעם עפּנט זיך דאָס טירל פונם צווייטן חדר, און עס קוקלט זיך אַריין, ווי אַ פּעסל, אַ פאַר־שלאָפן דיק, נידריק יונגערמאַנטשיקל אין די שלייקעס און זאָקן. דאָס איז שמוליק בלעכער, אַ היימלאָזער וואָס האָט זיך דאָ נישט לאַנג אַהער אַריינגעקליבן אין שכנות.

— איך האָב פון דרימל געהערט דאַכט זיך אַן אוי, און דאָ איז פּלוצים שטיל געוואָרן, — ציט ער פּאַמעלעך מיט אַ קוויטשיק קעלכל פון אַ הייזעריק בלעכן פייפל — האָב איך פאַרשטאַנען — ס׳איז עפּעס.

— עהע! — דערשרעקט ער זיך דערזעענדיק בערלס ווייסן פּנים מיט די צעפּירטע הענט, און ביילקען אַן אויסגע־צויגענע — וואָס איז דאָס? ביילקע חלשט? לאָזט נאָר!

רירעוודיקער קויקלט ער זיך צו צו ביילקען און טוט איר אַ צעשאָקל:

— ביילקע! קומט צו זיך! וואַסער! וואַסער, בערל!

בערל לויפט געליימט אין הויז אַריין נאָך וואַסער. שמו־ליק שפּיליעט דערווייל אויף מיט פּאַרגראָבהויטיקט בלעכערנע פינגער די קנעפּלעך פון ביילקעס האַרץ-לייבל.

— נאַט אייך וואַסער! — סיקעט בערל.

— שפּריצט אויפן פּנים, — באַפעלט שמוליק, און טוט ווייטער זיין מלאכה.

— אָוואַ! סאַראַ חתונה! — באַוווּנדערט ער כמעט מיט שרעק אַן אָנגעדראָלענעם ברוין־שוואַרצן סיניעק, ווי אַ טשע־רעפּאַכע, צווישן ביילקעס ווייסע ברוסטן. ער לייגט אַרויף ביילקעס אַראָפּהענגענדיקן פוס אויפן טאַפּטשאַנדל, און רייבט איר אויף די שלייפן מיטן געלענק פונם גראָבן פינגער. ביילקע קומט צו זיך פון ווייטיק.

— אוי! — זיפצט זי אָפּ און עפנט די אויגן — ס׳ברענט ווי אַ פייער!...

— אַ האַנטעך! — באַפעלט שמוליק — מע דאַרף צוּלייגן אַ קאָמפּרעס.

און ווען ער ווייקט דעם האַנטעך אין דער קוואָרט, און דרייט אים פּאַמעלעך אויס, ווי ער וואָלט אַ בלעך געבויגן, קערט דערווייל ביילקע אַרויס די ברוסט פון צעשפּילעטן לייבל אַרויס. זי האַלט זיי אונטער׳ ווי צוויי קײַלעכדיקע בולקעס אויף לאָפּעטעס פאַרן זעצן אין אויוון אַרײַן.

— אַ-אַ-אַ! — זיפצט זי אַ צווייטן מאָל אָפּ, ווען דער קאַלטער קאָמפּרעס טוט אַ שטאָך ווי מיט צענדליקער אייז-נאָדלען אין די דערהיצטע ברוסטן אַרײַן. און זי צעוויינט זיך פאַראַמאָל מיט אַ פּאַנפּעוואַטע, יאָמערלעך-ביטערן געוויין:

— אַ מאַמע ביי אַ קינד פאַרעט זיך נישט אַזויפיל... אַזוי געטריי... געצוואָגן, געקעמט און געקראַצט עס... און דאָס-באָך אין האַרצן אַרײַן!.. אַ פינצטער יאָר זאָל איך האָבן נאָך דיר, ווי פינצטער ס׳איז מיר געוואָרן אין די אויגן.. אויף דער קאַץ פרעגט ער זיך נאָך דער עקר... אַז אַליין קאָן ער קיין קאַץ דעם עק נישט פאַרבינדן!... וואָס טויג מיר דיין קאַץ מיט דיין קעלבל... די קאַץ וועט מיר נאָך אויך אַמאָל די אויגן אויסדראַפּן אין שלאָף... אָ—אָ—אָי!... אַ קינד גיי מיר.. אַ קינד... מיט אַ קליין קעפּעלע און מיט הענטעלעך. און מיט פיסעלעך.. פאַר אַ מאַמע מאַך מיך... אַז הלואי וואָלט איך דיך נישט געווען דערקאָנט, גאָט אין הימל!

— שאַ! שאַ! ביילקע באַרויקט זיך, — ווײקלט איר שמוליק אַרום די חלות מיט אַזעלכע שאַרפע דריקן, ווי ער וואָלט זיי נאָך וועלן דערקנעטן — אַז גאָט וועט וועלן וועט איר נאָך האָבן אַ קינד אויך... אַזאַ יידינע ווי איר, אָן עין-הרע! זעט פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר...

און געבויגן אין דרייען, ווי אַ הפקר-הונט מיט אַן אונטערגעשלאָגן פיסל פאַר דער יאַטקע, שטייט בערל און קוקט

שטום מיט די רויט=באַזוימטע אויגן אויפן ווייבס אויפגעטראָגע־נעם און גוט איינגעדעקטן בוזים, ווי דער פּיעקעלאָס פּרייטיק פאַרנאַכט.

צען אַ זייגער. ביינאַכט. בערל האָט שוין אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אָפּגערוימט פון טיש. די לאָמפּ הענגט שוין אינמיטן שטוב אויפן דראָט הינטער דעם בלעכענעם אַבאַזשור מיטן פאַרגעלבטן ווייסן פּאַפּיראָס-פּאַפּיר. אין שטוב איז דערפון אַביסל-ליכטיקער. בלויז די שויבן באַוואָרפענע מיט גרויע-ווייסע געוויקסן, ביימער שטאַמען און בלעטער, קוקן נאָך גרויער. ביים אויבנאָניקן דרייעק פון טיש זיצן בערל מיט ביילקען, און שוויצן אין דער פּאַרע פון אַ גרויסער, שוואַרצער, ערדענער שיסל פון ביזן אויג מיט שוואַרצע טייגלעך און פאַרווייסטער וואַסער מיט מילך. בערל סטאַרעט זיך, אַז אין דער צייט וואָס ער שעפּט אָן איין לעפל געקעכץ, זאָל זי, ביילקע אָנשעפּן צוויי. וואָרן זי, ביילקע, איז דאָך עפּעס אַ יידינע. ס'איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טון. אין אַ גרויסן מאָגן דאַרף מען אַ סך אַריינלייגן, עליי אַ קו: אָבער ער? וואָס? ער אַרבעט זיך עס איבער? פּאָרקעט זיך דאָס גאַנצע אָוונטן איבער שווייסיקע זעלנערישע הויזן. נאָר די אויגן איבערצופירן — אַזאַ אַרבעט!

קעגן זיי, אָן דער אַנדערער זייט טיש אין דער לענג, זיצט שמוליק. ער עסט אויך דאָס אייגענע. נאָר פונזיינעטוועגן, זינט יענעם אָוונט ווען ער האָט איר אָפּגעראַטעוועט פון חלשות, געפינט ביילקע שטענדיק דאָס בעסטע און שענסטע פונם געפעס. ער עסט פון אַ ווייס שיסעלע מיט אַ לעפל פון פּאַיאַנס. אָבער שמוליק ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן אינם עסן, לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון ביילקעס פּנים וואָס גלאַנצט שווייסיק אַרויס דורכן פּאַרע=נעפּל. דער איידעלער לעפל שטעקט אין זיינע פאַרגליווערטע בלעכענע פינגער, ווי די גאָפּעלעך אין דער האַנט פון בר=מנן. עס גייט אים אָט=אָפּנים נישט דאָס עסן. פונדעסטוועגן כדי נישט אַרויסצורופן קיין שאלות מצד די באַלע=

באַטים, רוקט ער פון צייט צו צייט דעם לעפל צום רויטן פנים, שמופט אים אין מויל אַריין און קייעט נאָכלאָזיק לפי־תּומודיק, ווי אַ קו מעלה־גרהט. פון ביילקעס אויגן איז דאָס נישט פאַר־הוילן. נחת־רוח צעגיסט זיך איר איבערן וואָרעמען גוף, חי בוימל איבער אַ הייס פּלעצל אום פרייטיק. זי ווייסט, אַז זי איז עס דער גורם. אָבער זי מאַכט זיך נישט ווּיסנדיק און פּאָנפעט אויס:

— שמוליק, וואָס איז עס מיט אייך עפּעס געשעען? עפּעס עסט איר מיר ווי אויף מאָרגן. אַזוי עסט אַ מאַנס־פּאַרשוין?!

שמוליק, געטראָפן אומגעריכט, פאַרלירט זיך און שטאַמלט אַרויס:

— איר הייסט נישט? מע שטאָפּט זיך מיטן טרפות פונם קעסל דאָרט ביי דער באַן, קערט עס צוריק דעם גאַנצן טאָג — מע איז דאָך פאָרט אַ ייד! — און דער מאָגן איז פיל, ווי אַ חזיר וואָלט אין דיר מיט אַלע פיר אַריינגעקראָכן.

— פו! — שפּייט בערל אויס, און אַ שוואַרצער לאָקש בלייבט אים הענגען אויף דער וואָנסע.

ביילקע צעלאַכט זיך תאוהדיק און פּאָנפעט באַרימעריש:

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך עס צעשפּיגן! איך האָב שוין אַמאָל געזען יידן עסן אפילו ווייסן, רויען חזיר אויך. איך זאָל אַזוי דערלעבן איבער אַ יאָר אַ קינד אויף די הענט! ווען איך בין געווען אַ דינסט אין דער „רעסטעראַציע"...

ביילקעס גלעכטער קריכט אַריין אין שמוליקן מיט ווייכע וואַרימע און קיצלדיקע פינגער. ער צעלאַכט זיך דריבנע מיט זיין בלעכן־פייפלדיקן קולכל, און לאָזט פאַלן דעם לעפל פון צווישן די פינגער. ער בייגט זיך אַראָפּ הינטערן טיש אויפהייבן אים. אָבער ער קריכט דאָרט אומזיסט אויף אַלע פיר. ער געפינט אים נישט.

— מע דאַרף אַראָפּנעמען די לאָמפּ, — עצהט בערל. אָבער שמוליק איז נישט מסכּים:

— מע דאַרף נישט, בערל, מע דאַרף נישט, כ׳על אים באַלד געפינען.

ער שאַרוועט ווייטער הינטערן טיש, שלאָגט זיך אָן אָן זײַן שטאָלן, און ער ווייסט שוין פאַרוואָס — מע דאַרף נישט. דאָס ווייסטביילקע אויך. ווייל שמוליק האָט זיך דאָרט צוגע־שאַרט צו איר און באַטאַפּט מיט ציטריקע גראָבהויטיקע הענט, ווי נישט־געשמירטע לעדער, אירע הוילע פיס ווייט הינ־טערן קליידל אַרונטער.

— כי־כי־כי! — צעלאַכט זי זיך דריבנע — ווי אַ קאָטער דרייט ער זיך דאָרט אַרום נאָכן לעפל. אַ קאָטאַ! אַ קאָטאַ!

שמוליק קריכט אַרויס מיטן לעפל אין דער האַנט, אויס־געררויעט ווי אַ חזיר, און דאָס פּנים איז רויט ווי אַ באַריק באַרוואָס די הויט פון אים אַראָפּגעשיילט. ער פילט זיך זייער נישט היימלעך, ווי אַ גנב געכאַפּט מיט דער גנבה אין האַנט, און כּדי זיך צו פאַררעדן, דערמאָנט ער זיך פּלוצים:

יאָ, ביילקע! איר האָט דאָך מיר געזאָגט צו ווייזן מילקעס פאָטאָגראַפיע. כע־כע־כע! איך וואָלט אַ בעלן געווען...

ביילקע, ווי זי זיצט, אַזוי רוקט זי אַרויס פון טיש דאָס טישקעסטל, נעמט אַרויס פון אַ פּלאָנטער שמאַטעס, לאַטעס און כּלערליי שערעמס אַ קאַרטל, און וואַרפט עס אים צו.

שמוליק באַטראַכט די פאָטאָגראַפיע: מילקע ווי זי שטייט און גייט! די יופּקע פון העכער דעם בוזים ביז אַראָפּ העכער די קני, פונוואַנען ס׳הייבן זיך אָן ברייטע, פאַרבלאָטיקטע מאַנס־בילשע שטיוול; ס׳קוקן אַרויס פון אָפּגעשטאַנענע כאָליעוועס בלאָטיקע הוילע קני; אַ צעיוירן ברייט פּנים אין אַ פירעק פון פרייצעלאָזענע, צעשויבערטע קורצע שיטערע האָר; אַ ברייט־צעצויגן מויל איבער אַ שורה געלע פערדישע ציין; אויגן, ווי שווארצע טינטפלעקן, לעכער — אַ פּנים אידיאָטיש־לאַכנדיקע אַנטציקונג; — נעבן איר — דער קוכער, אַן אויסגעטריקנטער, ביינערדיקער דייטש פון לאַנדוויער מיט אַ זעלנעריש היטל אויפן

שפּיץ קאָפּ, אָן אַ פּידזשאַק; ער איז מיט דריי קעפּ העכער פּאַר איר, און לאַכט איבער איר גולמעוואַטע אין דער וועלט אַריין; צעפּוילטע ציין און אויסגעלאָשענע אויגן פון אַ שוואַרץ־פּאַרריסטן פּנים אַרויס; — ביי זייערע פּיס רויכערט אַ טשוהו־נענער טאָפּ מיט קוילן...

— כי־כי־כי!, — צעלאַכט זיך שמוליק; ווי די שדים פון אַ געליבט פּאָויל פון גהינום אַרויס. זאָל איך אַזוי לעבן!

ער באַמערקט, אַז בערל זיצט ביי־אָנגעלאָדן, ד׳כאַפּט זיך אַז עס מוז דאָך בערלען פּאַרדריסן וואָס מע שפּעט־אָפּ פון מילקען: פּאָרט אַ שוועסטער — און גייט גלייך איבער צו אַן ערנסטער פראַגע:

— זי ברענגט כאָטש עפּעס אַריין אין שטוב?

ביי ביילקען מיט בערלען איז שוין דערוויי״ל ליידיק די שיסל. ביילקע קלערט שוין וועגן אריינגיין בעטן שמוליקן. ווי דידאָזיקע פראַגע טרעפט איר ווי אַ קראַץ אויף אַ יאַטערנדי־קע וווּנד:

— אַז אַ בראָך זאָל איך שוין נאָך איר האָבן, נאָך דער שטיק פליישׁ מיט אויגן, צי איך האָב עפּעס פון איר! פרעסט זיך דאָרט אַליין אָן, ווי אַ פוילע קאָץ, און קומט מיט אַ פולן „טרעלבאָך״ און שטוב אַריין, זיך אויספּאָפּן. אָקרים וואָס זי ברענגט אַמאָל אַ שטיק טרפות דער קאָץ זיך אָנצוזשערן. האָט אָפּגעווויינט די קאָץ פון מיר, אַ כאָליערע איר אין די זייטן! באַלייטנס מיידן — האָט מען כאָטש פון זיי. פּרנסה האָט מען. נאָר דאָס איז דען אַ מויד? אַ נבלה איז דאָס! אַ שטיק...

בערל שווייגט און גרימט־איבער אין זיך. וואָס וועט ער טון, אַז זי וועט דער שוועסטער אינגאַנצן פון שטוב פּאַרטרייבן? זי איז דאָך ביי איר אפילו נישט חשוב ווי די קאָץ אָדער דאָס קעלבל. אָבער שמוליקן איז אַ שאָד וואָס ביילקע רייסט זיך אַזוי דאָס האַרץ, און ער שלאָגט איר איבער:

— און צוריק גערעדט, אַז עס וועט אייך באַשערט זיין פּרנסה, וועט זי קומען פון אַ צווייטער זייט... וועט זי קומען . . . וואָס מע קריגט עס, משטיינס געזאָגט

בײַ די זעלנער! אַביסל צעקראַכענעם האָניק, צוגעברענטע גערשטן פֿאַר קאַווע, און ברויט מיט זעגעכץ!.. נישטקשה, נישטקשה, פֿאַרדינט עס נאָך אײַער שכן צו יעדער צײַט.. כע־כע־כע!.. שמוליק איז נישט קיין שלעכטער... איך זאָל אַזוי לעבן... איר וועט זעען...

— אָבער אַז זי וועט מיר ברענגען אַ ממזר אין שטוב אַרײַן, די נבֿלה! – שיסט ביילקע פֿלוצים אויס מיט שנאה: דווקא זי וועט נישט זײַן געראָטן אָן ב״ודער... אַט קלינגט טאַקע דער זײגער אויף מײַנע אמתע רייד... פֿו אויף איר! ס׳איז שוין עלעף, און די מויד איז נאָך נישטאָ!..

בערל הויבט זיך אויף דערשלאָגן, און זאָגט שטיל, תמעוואַטע:

— ווען ס׳זאָל כאָטש זײַן מיט אַ יידן... אַ קינד אין שטוב... אַ שוועסטערס אַ קינד...

— די נבֿבה זאָלסטו שוין קריגן היינטיקע נאַכט מיט איר אינאײַנעם! — פֿאַלט אויף אים ביילקע אָן ווי אַ אָנגערייצטער הונט: אַ ממזר קאָן איך דיר אויך מאַכן. אפֿילו היינטיקע נאַכט! א בראָך זאָל איך נאָך דיר האָבן, אויסגעטריקנטער עקר!...

אירע אויגן גליִען ווי קויל און וואַרפֿן גלי־שפּיזעלעך אויף די ברעמען פֿון שמוליקס קליינע, אָנגעשטרענגטע. פֿאַרזשמורעטע אײגלעך, און שפּיזלען אין זיי אויס אַ סודיק געוועב פֿון פֿאַראַט. זיי פֿאַרשטייען זיך...

בערלס פּנים צוקט הינטער דער באַהאָריקטקייט. די אויגן פֿינטלען רויט־פֿאַרוויינט. די ליפּן הינטער די וואָנסן ציטערן. און ער זאָגט פֿאַרדומפּן, ווי דאָס קול פֿון אַ דערשטיקטן:

— נו, מאַך...

און ס׳איז שווער לויטן טאָן צו דערקאָנען, צי מיינט ער עס ערנסט, אָדער ער רייצט זיך אַזוי.

אינדרוויסן האָט געלאָזן דער פראָסט. פאַרטאָג האָט איבּ אַ הייפל אויסגעדרויכערס, און ס׳איז פון אים קיין זכר נישט געבליבן. אויפן פרימאָרגן האָט געזיפּט אַ רעגן און געלעכערט דעם שנײ מיט וואַסער־ווערים. מיט שטילן שאָרך איז דער שנײ צוזאַמענגעפאַלן און זיך אַלץ נידריקער געזעצט. די ווייכע ווייסע דעכער זענען צערינען און שוואַרץ געוואָרן. בײטאָג איז דער הינטערשטער פאַרהאַרטעוועט־איינגעפרעסטער שנײ צעגאַנגען אינם וואַסער וואָס האָט זיך אויף אים אָ געקליבן, ווי געלער מעלצוקער. ס׳איז געוואָרן אַ בלאָטע וואָס האָט זיך געקלעפּט צו די שיך און פאַרטראָגן זיך אין די הייזער.

מע מוזן, ווי אין לעבן אַרײן, וואַשן די פאַדלאָגע לכבוד שבת.

— און דאָ איז די צעווירעניע שטיק פלייש מיט אויגן ווי אויסגעריבענע געוואָרן, — זידט ביילקע אַ דורכגענעצ־טע, אַריינטראָגנדיק צוויי עמער וואַסער — אויסגעריבען זאָל זי געוואָרן ווערן בײ דער מאַמען אין בויך!

באין־ברירה אָפּאָרעט זי זיך אַליין. נאָר נאָך אַלע קללות און געשרייען וואָס זי לאָזט־אויס אויף בערלס קאָפּ, כדי זיך אָפּצוקילן דאָס פאַרלאָפענע האַרץ פון כעס, גיט זי דאַבײ אָפּ אַ פייערלעכע שבועה:

— נעכטיקן וועט זי שוין היינט בײ מיר אינדרוויסן, די מויד! אָדער — לאָז זי פאַרבּרענט ווערן! — זאָל זי גיין שלאָפן צו די זעלנער אין קיך! סע וועט זיך שוין דאָרט גע־פינען אַן אָרט פון אירעטוועגן... איז נישט נעבן, איז אונ־טערן קוכער...

אָבער ווען מילקע קומט אַרײן אינמיטן דער שבתדיקער סעודה, מאַכט זיך דערווייל ביילקע נישט זעענדיק. זי וואַרפט אויף איר בלויז זייטיק ברענענדיקע אויגן פון גיפט און שימער פון בלאַנקע קריצנדיקע ציין. זי האַלט זיך איין: ס׳איז דאָך פאָרט שבת! נאָר קיין עסן גיט זי איר נישט. בערל קוקט אין סידור, מאַכט זיך ברומענדיק די זמירות, און דאָס האַרץ

קלאַפּט אים. ס׳זאָל עפּעס נישט אַרויסקומען. מילקע זעצט זיך
אויף אַ שפּיץ באַנק נעבן אַ שפּיץ טיש. איר פּנים איז פאַר=
שולדיקט און אָנגעברוגזט. אירע פון רעגן דורכגענעצטע האָר
גלאַנצן אין דער שיין פון די שבת-ליכטלעך. שמוליק, פאַרפּוצט
אין שבתדיקע בגדים לכּבוד שבת און לכּבוד ביילקען, טראָגט
איבער אויף אַ רגע די אויגן פון ביילקען אויף איר. ער ווונ=
דערט זיך כּמעט: אַזאַ מענטשלעכע צורה האָט ער נאָך קיינ=
מאָל נישט געזען — דאָס פּנים בלוי ווי מילך, אַפילו די ליפּן
פון דעם אייגענעם קאָליר; די אויגן מוטנע=גלאַנציק, ווי אַ
באַפט=פלעק אויף אַ קאַליוזשע בלאָטיק וואַסער; און די ציין
שטשירן און זענען צופרידן מיט זיך להיפּוך פונם גאַנצן פּרצוף.
זי שווייגט די גאַנצע צייט און זיצט אומבאַוועגלעך. בלויז די
אויגן-פלעקן בלאָנדזשען נאָך ביילקעס הענט, ווען זיי שטעלן
נעבן עמעצן אַ טעלער. ערשט ווען מע האַלט שוין ביים צי=
מעס פון ריבן און פּאַסטערנאַק, דערמאָנט זי וועגן זיך, בעטנ-
דיק מיט אַ צעוויינטע שטים ווי פון אַ ראָשטשינע ביים קנעטן:

— ביילקע, גי׳ יויך מיט פליישׁ... ריב...

— אַ קרענק אין די זייטן, — פּאָנפעט ביילקע —
אַ פּגירה!.. גיי צום קוכער!.. ווו דו ביסט געווען אַ גאַנצן
טאָג.

מילקעס פּנים פאַרקרימט זיך. זי ווערט ווי איינגעשרומ=
פּען, און סאַפּעט שווער. זי טוט טיילמאָל אַ ברוגזן ברום,
אָדער זי שטומט. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, אויסגעבעט צום
שלאָפן, און בערל גייט אַרויס אַ רגעלע אינדרויסן, לויפט ביל=
קע צון איר צו מיט שמוליקס דיקן שטעקן און צײלט אויף
איר אונטערטעניקער, אומפאַרמיקער פלייצע:

— נישט איינס! נישט צוויי! נישט דריי! נישט פיר! נישט פינף!

מילקע טוט ביי יעדן צאָל אַ שפּרינג-אונטער און אַ וואָ-
יע הינטיש פון האַרץ אַרויס.

— אַרויס פון שטוב!.. שוין די רגע!.. אין דר׳ערד
אַריין!.. — איז ביילקע מוסיף מיט אַ פּאַמעלעכן, באַדענקטן,

זאַפּטיק-פֿליישיקן קניפּ אין גראָבן פֿלייש פֿון מילקעס פּוס.
מילקע פֿאַרבייסט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ די הינטערשטע ליפּ,
איר פּנים קרימט זיך פֿון ווייטיק ווי וואַסער ביי איינפֿרירן,
שטעלט זיך אויף און בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך. ביילקע
הייבט נאָכאַמאָל אויף דעם שטעקן, און פּאַטשט מיט אים אינ־
דערלויפֿט כּדי אים שטאַרקער אַראָפּצולאָזן.

— וואָס דען, איר דאַרפֿט איר דאָ האָבן ווי אַ הונט
ביים בעט!.. — קוויטשעט שמוליק מיט אַ געוויסן מיין, צעקאָכט
פֿון דעם ספּעקטאַקל.

אין דער רגע דערזעט מילקע אַריינקומען דעם ברודער
מיט באַקנישט פֿאַרשפּיליעטע הויזן, און דערוואַרט פֿון אים הילף,
אָבער דער שטעקן טוט אַ פֿייף נידריק פֿאַרביי דעם אויער, זי
פֿאַרמאַכט די אויגן, און דערשפּירט ווי עס וואָלט איר אַ ביס
געטון אין גראָבן פֿלייש פֿון ביידע פּיס פֿאַראיינמאָל. זי שפּרינגט
אונטער מיט ציין־סיקעניש, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויף קוילן,
זי לויפֿט צו דער דרויסנטיר, און סטראַשעט פֿון דער שוועל
וואָיענדיק:

— איך שלאָפֿן מיטן קוכער... דערציילן מיך געשלאָגן...
ביילקען אַרויסשלאָגן די ציין...

ביילקע טוט זיך אַ לאָז אויף איר מיטן שטעקן. זי טוט
אַ צעפּראַל די טיר און לויפֿט אַרויס. אַ נאַסע עסנדיקע קעלט
טוט זיך אַ קנויל אַריין, און אַ ווינט צעיאָמערט זיך אַזש ביז
הינטערן טיש. ער רייסט אַרויס די טיר פֿון ביילקעס האַנט,
לאָזט זי איר נישט פֿאַרמאַכן. און לעשט בינו־לבינו אויס די
שטיקלעך ליכט אויפֿן טיש און דעם לאָמפּ אויפֿן דראָט. עס
ווערט פֿינסטער, בלויז פֿון שמוליקס חדר ציט זיך אַריין
אַ שמאָלע שיין־ליענטע. עס ברענט דאָרט אַריינגעדרייט
אַ לאָ

כּדי מע זאָל זיך זען אויסצוטון, לאָזט שמוליק ברייט־
אָפֿן זיין טיר. מע גייט שלאָפֿן. אָבער בערל קאָן לאַנג נישט
איינשלאָפֿן. געוועגלעך זיצט ער נאָך אַ פּאָר שעה און זאָגט

תהלים. ווען דען אַז נישט שבת ? נאָר מילא, וועט ער אויפ־
שטיין פאַרטאָג, גיין אין בית־מדרש אַריין און דאָרט זאָגן. באַ־
מיט ער זיך איינצושלאָפן, דרייט זיך פון זייט אויף זייט און
זיפצט. ער וואָלט געגאַנגען צו ביילקען אין בעט אַריין, וואָלט
געווען ווארימער און לייכטער איינצושלאָפן. איצט, ווען זי
איז אַזוי אין כעס, האָט ער מורא. חוצדעם ברענט אים טאַקע
דאָס האַרץ אויף איר, וואָס זי האָט מילקען אַרויסגעיאָגט אין
אַזאַ נאַכט. אַזאַ נאַכט ! אַז דער ווינט וואָיעט אינדרויסן, ווי
וועלף באַנאַכט אין וואַלד. טיילמאָל דאַכט זיך אים, אַז מילקע
שטייט אינדרויסן אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער טיר, און
וואָיעט אַזוי. אָבער סוף־כּל־סוף, פאַרמאַטערט פונם נישט קאָנען
איינשלאָפן, ווערט ער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פאַרזינקען אין
שלאָף, ווי איינגעשטיקט אין אַן ענגער, פינסטערער פּאַס — — —

די קאַץ, נישט פאַרשטייענדיק וואָס אַזוינס איז געשען
מיט איר באַלעבאָסטע, וואָס האָט איר שוין צום וויפלטן מאָל
ביז אַראָפּגעוואָרפן פון בעט, און צולעצט אַזאַ ווילדן שליידער
געטון פון זיך, אַז זי האָט זיך שיר דאָס קעפּל נישט צעטראַס־
קעט ביים וויג־שטאָלן פון דער ניימאַשין, און אויך נישט געפינענדיק
אויף דר׳ערד נעבן בעט מילקעס געלעגער, — גראַבלט זיך נישט
גערן פאַר אַ שפּיץ פון לייוונטענעם ליילעך צו בערלען אין בעט
אַריין. בערל כאַפּט זיך אויף. אינדרויסן ווייִנט נאָך אַלץ
דער ווינט און פּאַטשט מיט נאַסע בייטשן אָן די שוואַרצע
שויבן. עס דערמאָנט זיך באַלד, אַז מילקען האָט מען אַרויס־
געטריבן, און ס׳דאַכט זיך, אַז זי שטייט נאָך אַלץ הינטער דער
טיר און וואָיעט. עס כאַפּט אַזש אַרום אַ שוידער ביי דעם
רעיון. זיין ווייטיקלעך־עלנטער בליק קלאַפּט אויף דער שוואַר־
צער שויב פון דער פינסטערניש, ווי א סוף־זומערדיקע פליג.
פאַרמאַטערט, ווערט דער בליק געפאַנגען אין דער שמאָלער
שיין־בעך וואָס ס׳האָט פאַרוואָרפן די האַלב.אָפענע טיר פון
שמוליקס חדר, און ווערט צוגעצויגן צום ווייבס בעט אַנטקעגן.
די קאַץ גנבעט זיך אים אַרונטער הינטער דער פּערינע, טוליעט

זיך אים אין מיטן ווייכן בויך אין דער שוואַרצער האָריקער ברוסט אַריין, אָבער ער פילט עס נישט. ער זעט דורך דער שמאָלער שיין־נעץ: פון ביילקעס בעט האָט זיך די קויטיקע פערינע אַראָפּגעשאַרט צו דר'ערד, ווי די שיטערע בלאָטע קערט זיך אַמאָל אַראָפּ פון דער גרעבליע אין ראָוו אַריין. ער וויל־ זיך אויפזעצן, אַראָפּגיין אויפהייבן די פערינע און צודעקן ביילן קען ווי עס געהער צו זיין. וועט זי עס דערפילן און זאָג. עפּעס אַ גוט וואָרט, וועט ער שוין דאָרט בלייבן נעבן איר־ אָבער דערווייל אונטערשיידט זיין צוגעווייטער בליק צו פינצ טערניש, אַז איבער ביילקעס בוזים טונקלט זיך אַ פרעמדער קאָפּ. עס טוט אים אַ זעץ אין האַרץ, ווי אַ דישעל וואָ׳ט אויף אים אָנגעפאָרן. אין זיינע פאַרפינצטערטע אויגן בלייכט איבער ביילקעס גוף אַ ווייס פעסעלע, וואָס אָט צעוויגט עס זיך אין די זייטן, אָט טויטשעט זיך עס אויפן אָרט און שלאָגט אָן אין ביילקעס בוזים, ווי אַ קעלבל אין דער מאַמעס אייטער אַריין. דאָס בעט דאָרט קרעכצט. ער אונטערשיידט דייטלעך אַ טאָפּעלן, הייסן, מענטשלעכן אָטעם. ער וויל אַ געשריי טון. אָבער אין דעם אויגנבליק טוט אים עפּעס אַ בליץ אין מוח, און דאָס קול ווערט אים דערשטיקט אין האַלדז. ער טוט זיך פּלוצים אַ טאָרטשע צוזאַמען מיט נחת־רוח פון אַ אַדורכגעפרוי־ רענעם וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ הייסן פּיעקעלאָק. ער רוקט זיך באַהיטעוודיק אַרונטער הינטער דער פּערינע, פאַרשטופּט דעם קאָפּ הינטער דעם קישן, צע׳אַכט זיך תּמעוואַטע־ אומזיניק, און פּרעפּלט אַריין אין זיך:

— וועט זיין אַ קינדעלע... אַ יידיש קינדעלע... כי־כי־כי!...

— מררר!... מררר!... — מורליקעט אים די קאַץ אַריין אין בוזים.

ער קאָן נישט איבערכאַפּן דעם אָטעם פון אויפרעגונג און שטיקעניש. עס שטיקט אים. עס נעמט אים דורך אַ שווייסיקע היץ פון דעם אייגענעם אָטעמען, פון דעם צעפריעטן געלעגער, און פון דער היציקער זידנדיקער קאַץ. אָבער ער וואגט נישט

אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. אַ ריר צו טון מיט אַן אבר, טאָמער וועט ער שטערן אינמיטן. ער הערט זיך צו מיטן גאַנצן קאָפּ, פון צייט צו צייט גנבעט זיך דורך אַ סקריפּ פונם ווייבס בעט, און איז אים מודיע, אַז מע קאָן נאָך נישט. לסוף נעמט ער בעל־כּרחו אַרויס שטיל־שטיל, פּאַמעלעכן־פּאַמעלעכן דעם קאָפּ נאָס־פאַרשוויצט, ווי פאַרנאַכט ווען ער איז געקומען פון מרחץ. אַ ווייסער שאָטן טוט אים אַ שווינדל פאַר די אויגן, דערנאָך אַ טונקל אין דער ריעם פון דער האַלבאָפענער טיר פון שמוליקס חדר, און גלייך אויף דעם ווערט די טיר שטיל געשלאָסן. אין שטוב ווערט שטאָק־פינצטער. ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. ער אָטעמט טיף אָפּ.

— דו שלאָפסט נישט? — פרעגט ביילקע ווי נישט מיט איר קול.

— אַ־אַ־ה! — געניצט בערל געמאַכטערהייט — אין האָב זיך די רגע טאַקע אויפגעכאַפּט...

— קום אַריין צו מיר, בערל. — רעדט ביילקע ווייטער נישט מיט איר קול — כ׳האָב מורא אַליין צו ליגן... שטאָק־פינסטער... אינדרויסן וויינט דער ווינט, ווי שדים... דו ווייסט?

— אין גיי. אין גיי. — ענטפערט בערל און שאַרוועט אינדערפינצטער אַרום טיש. אָבער איידער ער רירט זיך, טוט אים די קאַץ אַ שפרונג איבער, און ער הערט שוין ווי ביילקע רעדט צערטלענדיק ווי געוועגלעך צו דער קאַץ:

— המם.. מיין טייערע קיצע!...

בערל איז איר מקנא, דער קאַץ, און ווען ער קריגט זיך שוין אַרינטער הינטער דער פערינע צו ביילקען, טוליעט ער זיך צון איר צו, און צעהייבט זיך פלוצים ווי אַ קראַנק קינד:

— אַז מיר וועלן האָבן אַ קינדעלע, ביילקע, וועלן מיר

די קאַץ אַרויסיאָגן. דאָס קעלבל פּאַרקויפן, און די שוועסטער וועט עס דיר פאַרוויגן, איאָ, ביילקע?...

* *

*

בערך אין פינעף חדשים אַרום. בערל שטייט פאַרן רב. דער קאָפּ איינגעבויגן, די פּלייצעס איינגעזונקען, ווי ער וואָלט זיך געריכט צו קריגן קלעפּ. ער האַלט ביים סוף אויסדערציילן דעם אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן. דער רב געפּלעפּט פון דער שרעקלעכער מעשה-נבלה, שטייט איבער אים מיט אַ קריי־דיק פּנים אין דער רעם פון שוואַרצע באָרד און פּאות אונטערן יאַרמלקע. ער ברענט און בראָט אים מיט די צעעפנטע אויגן פון אונטער די אויפגעהויבענע לאַנגע, ברוינע ברעמען, ווי מיט אויפגעבלאָזענע קוילן פון הינטער אַש אַרויס.

— וואָס הייסט? וואָס הייסט? — פרעגט ער מיט צוקנדיקע דינע ליפּן, ווי ווערים, פון אונטער דיקע וואָנצעס אַרויס, וואָס זייער יעדער איינציק הערעלע צאַפּלט פון אויפרעגונג ווי אַפּיל־האָרנדל.

— איז אין יענע נאַכט געשעען דאָס אומגליק, רב, — ציטערט בערלס שטים אין אַ טרוקענעם כליפּען, און חזרט ווי־טער זיין אומגליק — די שוועסטער פון אַ גוי... איז זי איצט אַ פּולע... און זי, דאָס ווייב פון אַ יידן... און איז אַ ליי־דיקע... אַ ליידיקע איז זי, רבי... זי איז נישט שולדיק רבי... נישט שולדיק... איך אַליין האָב עס געוואָלט... אַ קינד געוואָלט... אַ יידיש קינד... וועט גיין אין חדר... סידור... חומש... וועט זיין אַ תשובה... כפּרה... איצט...

ער פאַרכליפּעט זיך. ער קומט אין פאַרצווייפלונג פון רבס שווייגן: ער זאָגט גאָרנישט! שרייט גאָרנישט! הייסט אים נישט פאַרשטיינען?! ער טוט אַ לויף צו דער וואַנט און הייבט אָן קלאַפּן אָן איר מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים וועלן אויף שטיקלעך צו טראַסקען. דער רב שטייט מיט געליימטע הענט

אויסגעשפּרייט צו אים. פּאַראַמאָל רייסט ער זיך אָפּ פון דער וואַנט, דרייט זיך אויס, צעפּירט צעמישט די הענט, און בלייבט שטיין געליימט אין דער אייגענער פּאָזע וואָס דער רב.

— איך וויל אַ תשובה, רבי! — רייסט זיך פון אים לסוף אַרויס אַ היסטערישער יאָמער: —

— אַ תשו—בה...

דורכן פייער.

די לעצטע פאַרמאַטערטע שאַרווענדיקע טריט פון די אַהיימגעקערטע יידישע באַן־אַרבעטער, ווערן פאַרטויבט אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט פון די גאַסן און פאַרשלונגען אין די הייזער. ערגעץ ביי אַ פאַרריגלטן שטאַל־טויער פון אַ פאַר־שפעטיקטער באַלעבאָסטע מאָנט נאָך אַ פאַרדריסלעך־באַצערטער אויסגעצויגענער מו פון אַ קו דעם היימישן נאַכטלעגער, און ווערט שטיל. אַ בלאסער לבנה־פלעק באַווייזט זיך אויפן הימל און פון די הייזער קוקן שאַרף אַרויס פייערלעך אין די ליי־דיקע גאַסן אַריין.

איבערן שאָסיי פון דער הויפטגאַס שפּאַצירט הין־און־צוריק דער סילועט פון דעם דייטשן וואַך־פּאָסטן, שטעכט די טונקל־קייט מיט די שפּיצן פון דער קאַסקע און באַגנעט, און ציילט מיט טשוועקעדיקע זוילן און אָפּצאַסן, רעגלמעסיק ווי דער טיק־טאַק פון אַ זייגער, די שטיינער פונם אָפּגעקילטן ברוק. גע־קרייצט זיך ביי אן איבערשניט פון אַ צווייטער גאַס מיט אַ צווייטן וואַך־פּאָסטן, בלייבן ביידע שטיין גלייכצייטיק אַן אויגנ־בליק, און מע טיילט זיך מיט:

— רוהע און אָרדנונג!

פאַרגליווערט רויק צלמען זיי ווייטער זייער וועג.

די פייערלעך אין די הייזער לעשן זיך אויס. עס מאַכן זיך צו די טירן און לאָדנס, און די הייזער דרימלען איין. ס'ווערט שטיל און שאַ.

דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אין דער זומפּיקער געגנט

אַרום הייבט זיך אויף העט ביים האָריזאָנט, קאָן נישט פאַרזונ־
קען ערגעץ אין דער ווייט, זיך אָנשלאָגנדיק אינם געוועלב
פונם טונקעלן נידריקן אָוונט־הימל, און גיסט זיך אַריבער אַהער
אין שטעטל. און אַ פרילינגנאַכט, אַ פייכטע, וואַרימע און
ווייכע זעצט זיך אויף די איינגעטוליעטע הייזער, ווי אַ גרויסער,
טונקעלער פויגל אויף זיינע אייער.

* *

*

אין חזן־שטיבל אונטער דער ווייבערשול פון רבינס היל־
צערנעם בית־מדרש הינטערן שטעטל, וועלכער איז היינט „שטאַל
פיר פפערדע 39 №", — ברענט נאָך אַ ליכט. ס'איז שאָטנ־
דיק און ווילגאָטנע. די אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט און דאָס מעבל
אַפילו, וואָס באַשטייט פון אַ טיש, צוויי לאַנגע שמאָלע בענקלעך,
אַ פאָר בעטן און אַ הענגעדיק ווינקלשאַפקעלע, איז ווי אָפּגע־
טונקען אין שטויב. אַלץ איז פאַרוואַרלאָזט און אין אומאָרד־
נונג, ווי דאָס שטיבל וואָלט לגמרי געווען נישט באַוווינט.
אויך די באַוווינער פון דעם שטיבל, די צוויי היימלאָזע שוועס־
טער פון סאָפּיעווקע, זעען אויס גרוי, ווי דורכגעגעסן די הויט
פון געדיכטן שטויב, און דאָס אָנטועכץ ווי באַדעקט מיט אַלטער
שטויביקער פּאָוויטיניע.

די ייִנגערע שוועסטער, רחל, זיצט געבויגן אויפן בעט,
אָנזויגנדיק דאָס קינד. דורך די שוואַרצע נישטפאַרקעמטע זשמו־
דעס האָר, וואָס פאַלן איר איבער די אויגן, וואַרפט זי כסדר
בליקן פול מיט זאָרג און חשד אויף חיה־שרהן. יענע האָט
זיך גלייך נאָכן אָנצינדן דאָס ליכט צוריקגעזעצט ביים פענצטער
ווו זי איז אַזוי אָפּגעזיצן דעם גאַנצן טאָג, היינט און אַ סך
טעג פריער, און גלאָצט אינדרויסן פאַרגליווערט און פאַרמרה־
שחורהט. קיין אָטעם־צי איז פון איר נישט צו הערן. און
זי טראַכט, רחל:

... היינט גייט זי שוין אַפילו נישט שלאָפן אויך!.. אפשר
וואַרט זי שוין טאַקע פאָרט אויף אַ מאַנספערשוין... שוין אַזאַ

לאַנגע צייט, ווי זי איז צו זיי נישט געגאַנגען... אָבער וואָס־זשע שווייגט זי?.. וואָס איז מיט איר?.. וואָס טראַכט זי דאָס כסדר גאַנצע טעג?.. וואָס זוכט זי דאָרט גאַנצע טעג מיט די פּאַרמרה־שחורהטע, אויסגעלאָשענע אויגן אויפן ברייטן ווייטן פּליין, דעם באַוואַקסענעם מיט יינגער פרישער לעפּעכע?.. וואָס קוקט זי עס כסדר אויס פון דאָרט, פון די טשערעטן וווּ עס שלענגלט זיך דער טייך מיט גרויסע זילבערנע שופּן, ווי אַ גרויסער לעבעדי־קער העכט?.. וואָס זיצט זי אַזוי צוגעבויגן מיטן אויער צום פּענצטער, ווי זי וואָלט עפּעס געהערט פון דרויסן?.. מער ווי דער ברום און דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס איז דאָך גאָר־נישט צו הערן! דער ברום קומט, דאַכט זיך, פון ווי־ווייט, קוועלט אַרויס פון ווי־טיף, און איז אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט!.. און דאָס קוואַקעניש (ביי זיי אין דער היים אין דער טרוקענער זאַמדיקער געגנט האָט זי אַזעלכעס נישט געהערט) — ווי פון אונטער דער פּאָדלאָגע!.. ווי אַ געזעגעריי... ווי מע וואָלט אונטערגעזעגן די פּאַליעס אונטערן בית־מדרש... מע דערציילט טאַקע, אַז זינט דער רבי האָט זיך פון הי אַרויסגעקליבן (דער טאַטע, עליו־השלום, איז געווען אַ היגער חסיד) און דער בית־מדרש שטייט לער, האָבן זיך די שדים פון „זאַמעק" פאַרקליבן דאָ אַרונטער...

דער פּחד טוט אַ קלאַפּ מיט איר האַרץ, ווי מיט אַ גוי־מענעם האַמער, אָן דער ברוסט, דאָס קינד לאָזט אַרויס די פּופּקע, און חיה־שרהס האַרטנעקיק שווייגן פאַלט אויף איר איינ־געבויגענער פּלייצע, ווי אַ מילשטיין. זי הייבט שווער אויף דעם קאָפּ, און הייבט לסוף אָן צו רעדן:

— חיה־שרה! הײנט איז דאָך שוין פון דיין שווייגן נישט אַריבערצוטראָגן! נו, זאָג אַליין — וואָס 'עט זיין דער סוף דערפון?..

יענע דרייט אַפילו נישט אויס דעם קאָפּ צון איר, און ענטפערט אַריין אין דער שוואַרצער ביי די ראַנדן פאַרשימלט־אַרומגעגרינטער שויב:

— וואָס האָט צו זיין דער סוף ?.. דער סוף איז שוין געווען !..

רחל לייגט אַנידער אויפן בעט דאָס איינגעדרימלטע קינד. און כאַפּט זיך מיט אויסגעבויגענע פינגער פאַר די צע-פלאָסענע האָר:

– טאַקע אַלץ ווידער דאָס אייגענע !.. די ווערסט דאָך מיך משוגע מאַכן !.. איכ'ל פונם זינען אַראָפּ צוליב דיר !..

– און אַז איך בין שוין משוגע... דורך דיר, – קומט אַ שטילער, גלייכגילטיקער אָבער עקשנותדיק-זיכערער ענטפער

רחל לויפט צו און בלייבט פאַר איר שטיין מיט פאַר-צווייפלטע, צעפּירטע הענט!

— אָבער זאָג מיר, חיה-שרה, וואָס האָב איך געזאָלט טון ?.. דער אייגענער אומגליק האָט דאָך געקאָנט טרעפן מיט דיר אויך !..

— אָבער מיט מיר האָט ער נישט געטראָפן !..

— און וואָס-זשע וואָלסט געווען געטון אויף מיין אָרט ?!.

חיה-שרה טוט זיך אומגערעכט האַסטיק אַ שטעל אויף, אַ רויטקייט פאַרנעמט איר וויים-בלאַס פּנים ביז צו די געדיכטע רויטע האָר איבער די אויערן, און אין אירע בוימייל-אויגן צינדן זיך אָן ווילדע פינקעלעך:

— איך ?.. ווען איך דערפיל אַ ממזר אין בויך — איך וואָלט אים מיט די קולעקעס דאָס קעפּל צעשטויסן! איך וואָלט אים מיט די נעגל און מיט די ציין פון בויך אַרויסגעריסן !.. מיט די קישקעס צוזאַמען !..

די יינגערע שוועסטער כאַפּט זיך פאַרן האַרץ. ס'זאָל איר נישט אַרויסשפּרינגען, צעעפנט מויל, אויערן און אויגן, וויל עפּעס זאָגן, אָבער די ווערטער בלייבן איר שטעקן אין פאַרשרפהט-טרוקענעם האַלדז. און חיה-שרה רעדט ווייטער מיט היץ:

— איך ?.. ווען עס וואָלט שוין אַפילו אַ לעבעדיקס

אַרויס פון מיינע געדערים — אַז מיין קינד זאָל נישט קאָנען הייסן נאָכן טאַטן, עליו־השלום! — ווען דער רב האָט דעם אַ נאָמען געגעבען „איסור" — דעם קאָפּ וואָלט איך אים מיטן ממזר צעפּלעט!... און דו האָסט אים געשוויגן, דעם „שטריימל"!..

רחל פאַלט־צו צום פענצטער־ביישטידל און וויינט פּייגלעך.

חיה־שרה זעצט זיך צוריק אויפן אָרט, און רעדט אין דרויסן אַריין שוין מיט אַ נאָכגעלאָזטער שטים:

— זיי לאָזן מיך נישט רוען באַנאַכט. דער טאַטע מיט דער מאַמען!... אַנשטאָט אַ מצבה אויף אונדזער בלוטיקן קבר, האָט איר מיר אַ חרפּה, אַ לעבעדיקן ממזר אנידערגעשטעלט פאַר לייטן!... אַ דייטשל האָט איר מיר אַריינגעפירט אין דער משפּחה פון לומדים, חסידים און כשרע יידן!

— און אַז מיר, זייערע טעכטער, זענען געוואָרן זונות!? און אַז גאָט האָט געמאַכט פון רבינס בית־מדרש אַ פערדג־שטאַל!?... — רייסט זיך אַרויס ביי רחלען דורך געוויין אַ טענה־דיקע פאַרענטפערונג. אָבער חיה־שרה כאַפּט זיך דוקא אָן פאַרן לעצטן:

— טאַקע אַזוי! אַ פערד האָבן מיר אין אַ מקום־קדוש אַריינגעשטעלט!...

זי כאַפּט איבער דעם אָטעם און רעדט שטיל און הייס:

— דער טאַטע, ווי איך האָב אים געזען ליגן געהרגעט, ווען דער קאָזאַק האָט זיך איבער מיר געוואַלגערט, און געראָ־יעט מיר ווי אַ חזיר — ער האָט מיר אָנגעכאַפּט, דער טאַטע פאַרן האַלדז און געשטיקט... — איך האָב דען געהייסן „איסור"?... אַ כשרער ייד בין איך געווען!... אַ „קדוש" בין איך גע־וואָרן!... און...

רחלווישט זיך אויס די אויגן, און שלאָגט איר איבער ערנסט און אַנטשלאָסן:

— מיר מוזן זיך פונדאַנען אַרויסקלייבן, חיה־שרה... מע זאָגט דאָך טאַקע, אַז נישט־גוטע האַלטן זיך אונטערן בית־מדרש... דערפאַר חלומען זיך דיר אַזעלכע שלעכטע חלומות... אַז איך

קום שפעט ביינאַכט אַהיים — ציטערט די הויט אויף מיר !... איך פיל ווי די מילעך גליווערט מיר אין די ברוסטן... מיליאָנען אויגן, ווי נאָדלשפּיצן קוקן פון דאָרט אַרויס...

זי גייט און זעצט זיך אויפן בעט.

— הערסט ?... אַנומלטן באַטאָג בעט מיך פראנץ איך זאָל מיט אים אַהין אַרונטערקריכן... פאַרשטייסט ?... זיי האָבן דאָרט אונטערן רבינס שטיבל אָנגעשטאָפּט שטרוי און היי, ווי אין אַ מאַגאזין... - איז מיך אָזש אַ פחד באַפאַלן אינמיטן העלן טאָג !...

אַ לענגערע פויזע לאָזט הערן דעם קינדס שלאָפנדיקן אָטעמען.

— נו, וואָס-זשע שווייגסטו שוין ווידער, ווי די וואַנט ?

חיה-שרה דרייט זיך שווער אויס און טייט מיטן פינגער:

— כל-זמן כ'וועל הערן, ווי דאָס דאָזיקע דייטשע חזירל שנאָרכעט, וועל איך קיין מענטש נישט ווערן...

— חיה-שרה ! - שפרינגט רחל אויף מיט אַ היסטערישן קוויטש און געביילטע פויסטן — ווען דו ביסט מיר נישט קיין עלטערע שוועסטער, וואָלט איך דיר דעם קופערנעם קאָפּ צעעפנט !... ס'איז מיין קינד ! — דו הערסט !... מיין בלוט !... ס'איז אַ ייד !... אַ געמלעטער ייד !...

— כאַ-כאַ-כאַ ! — פאַלט ווי אַ האָגל שטיינער חיה-שרהס געלעכטער אויף איר קאָפּ — אַ ייד ?!... אַ דייטשל אַ געמלעטס איז עס !...

רחל צעוויינט זיך פאַרלוירן און רחמנותדיק.

— נו זאָג, וואָס צאפּסטו מיר מיין בלוט, וואָס ?... ס'איז מיר ווייניג אָן דיר !... וואָס האָב איך געזאָלט טון ?... שטאַרבן פאַר הונגער ?... ביז די לעצטע צייט ביסטו דאָך אויך נישט בעסער געווען פון מיר... און איצטער לעבסטו פון מיין האָרעוואַניע... וואָס-זשע ווילסטו ?... ס'איז דאָך שוין פאַרפאַלן..

— פאַרפאַלן ?... — רעדט חיה-שרה, ווי נישט מיט איר קול — ס'איז נאָכנישט פאַרפאַלן... אָט-אָ דאָרט צווישן די

טשערעטן רוישט דער טייך... ווען די קריע איז פסח אַוועק־געגאַנגען האָט מען דאָרט געזען אַ ממזרל אַרומשווימען... דער טייך נעמט צו אין זאָגט נישט אַויס...

רחלס האָר צוואַקעווען זיך אָן, די גיר־אויגן צינדן זיך אָן ווילד, און זי שפּרינגט אויף מיט אַ פאַרצווייפלטן קוויטש:

— דו מיינסט?!... דו ביסט משוגע געוואָרן, חיה־שרה?!..

זי כאַפּט דאָס קינד און טראָגט עס איר אונטער:

— נו, גזלן! דערטרינק עס!... פאַרברען עס!... באַגראָב עס לעבעדיקערהייט!...

דאָס קינד וועקט זיך אויף און צעיאָמערט זיך איבערגע־שראָקן. די מאַמע כאַפּט אַרויס צו דעם די ברוסט, בייגט זיך איבער דעם אין דרייען, טראָגנדיק עס צוריק צום בעט, און זעט אויס ווי אַן אויפגעשויבערטע קוואָקע איבער איר לעצטן יונגן עופעלע, דערפילנדיק אַ רויבפויגל קרייזן אין דערלופטן.

— יאָ, ברומט האַרטנעקיק חיה־שרה אַריין צוזיך אין בוזים — איך וועל משוגע ווערן אויב דאָס חזירל וועט נישט אויפהערן צו קוויטשען!... איך בין שוין משוגע אפשר... אפשר?...

רחל הערט נישט אירע לעצטע ווערטער. זי איז פאַר־טון אינם אָנזויגן דאָס קינד. עס ווערט שטיל. ס׳הערט זיך בלויז דאָס זשעדנע סמאָקען פונם קינד. פון דער צווייטער זייט וואַנט, פונם בית־מדרש, דרינגט דורך אַ פּירסקען פון די פערד. אַן אָגער האָט זיך דאָרט פלוצים תאוהדיק צעהירזשעט. דאָס קינד רייסט אַוועק דאָס פּיסקל פון דער מאַמעס פּופּקע, צעשמייכלט זיך, און וואַשט דער מאַמעס פאַרפינצטערט פּנים מיט ליכטיקן אויגנבלוי. די מאַמע שמייכלט צו דעם צוריק, שטופּט דעם ווידער די ברוסט אין מײַלכל, און דריקט עס צום האַרצן:

— מיין טייער איסערל!... מיין זיס איסערוניעלע!..

פאַראַמאָל צעוויינט זי זיך, און רעדט דורך טרערן מיט איבערבעטנדיקער פאַרוואָרף:

— סאַראַ שלעכטע מומע דו האָסט, איסערל!...

— גיי שוין, חיה־שרה, — חייבט זי אויף צון איר דעם קאָפּ, און רעדט ברוגז־אונטערחנפעגדיק — נאָכאַמאָל רעד נישט אַזוי.. נעמסט מיר צו דאָס לעבן... נאַ, גיב אַ קוק ווי עס שמייכלט, ווי עס פאַרשטייט יעדער וואָרט...

זי הייבט זיך אויף און וויל איר צוטראָגן דאָס קינד. עמעץ קלאַפּט אָן טיר.

— ביטע!

עס קומט אריין אַ וואַך־פּאָסטן, די ביקס ווערטיקאַל אין דער האַנט, ווי אַ דוביִנקע. אַ שווערער, אומגעלומפּערטער דייטש.

— גוטן אַבענד, ליבע מעדכענס! אונד וואַס מאַכט דיזע פּופּפּע!

— דאַנק־שיין, ליבער!

— אַלזאָ, — לאָזט דער דייטש גלייך אַוועק די סענ־טימענטן, און גייט איבער צום וויכטיקסטן — קאָמען זי יעמאַנד מיט?...

— אפשר פאָרט וו ע ס ט ו היינט גיין, חיה־שרה?... — פרעגט רחל מיט בקשה.

— ניין! — קומט אַ קורצער, אָפּשניידנדיקער ענטפער.

רחל לייגט דאָס קינד אויפן בעט, פאָרעט זיך מיט דעם, און רעדט צו זיך אַליין:

— מיר גלוסט זיך איצט אַזוי נישט איבערלאָזן דאָס קינד, ווי עס גלוסט זיך נישט שטאַרבן... ס׳איז מיר אַזוי שווער אויפן האַרצן, ווי קיינמאָל נאָכנישט... אוי!... גאָט מיינער!... אָבער אַז איך וועל הונגערן, וועל איך דאָך פאַר דיר, זיס פּופּעלע, קיין מילך נישט האָבן...

דער זעלבער, וואַרטנדיק אויף איין אָרט, שטייט פונדעסט־וועגן נישט איין מיט ביידע פיס, שאַרוועט מיט זיי, און קלאַפּט אָן מיט דער קאָלבע אָן דער פּאָדלאָגע.

— קאָמען זי, פריץ! — גלייכט זיך רחל אויס, כאַפּט אַ שאַלעכל אויפן קאָפּ, און לאָזט זיך אַרויסגיין. אויף דער שוועל

בלייבט זי שטיין, באטראכט דורכדרינגענדיק די שוועסטער א בעט איר:

— זע, חיה־שרה, איך בעט דיך, זעץ זיך נעבן קינד און גיב אכטונג אויף דעם... איכל זיך היינט לאנג נישט זאמען ביי זיי... אבי איך פטר אים אפ... אפשר נאך איינעם... קים איך צוגיין.

נאר פון פאליש שוין לויפט זי אריין צוריק, קושט אן שטיל און ליידנשאפטלעך דאס קינד, און טרעפט זיך אומדערוואַרט נעבן בעט מיט חיה־שרהס האלדזנדיקע הענט און קושנדיק מויל. איינגאנצן א באַרויקטע שוין זאגט זי: אויף ווידערזעען! און פארמאכט הינטער זיך די טיר.

חיה־שרה בלייבט שטיין פארגליווערט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זי הערט ווי ס'האט זיך דארט צוגעמאכט די טיר פון פאליש. זי הערט זיך איין נאך אפאר סעקונדן, און טוט זיך פלוצים א כאפ פארצווייפלט פארן קאפ. זי לויפט צו צו דער טיר, און שלאגט מיטן קאפ אן איר ביישטידל, א הייזעריק־שניידיק קויל רייסט זיך איר ארויס פונם האלדז:

— שווע — עסטער!.. שווע — עסטער!..

זי טוט זיך משוגע־האסטיק א רייס אפ פון דער טיר, לויפט צום הענג־שאפקעלע, כאפט ארויס דאס אויבערשטע פון שטייסל, און טוט זיך א לאז מיט דעם פארמאכעוועט אויפן קינד. נאך שוין ביים בעט טוט זי איינגאנצן א שוידער. זי טוט א ווארף דאס אויבערשטע פון זיך אויפן פעקעליק, און טוט א פאל פארן קינד אויף די קני.

זי באפרייט מיט ציטערדיקע פינגער דעם קינדס פנימל פון דער ארומגעבונדענער פאטשיילע, און קוקט זיך איין דעם דורכשטעכנדיק איין.

דאס קינד צוקט נישט מיט קיין ברעם.

— ווי רויק סע שלאפט!.. א יידיש קינד וואלט שוין נישט אזוי רויק געשלאפן, ווען אזא אומגליק וואלט געהאנגען איבער דאס קעפל... ס'א דייטשל!.. א ממזר!.. א „איסורל"!..

זי רייבט זיך דעם שטערן, ווי א מענטש וואס וויל זיך

אָן עפּעס דערמאָנען:

— און ווי האָט געהייסן מיין טאַטע?.. אַה?..

זי צעוויינט זיך ביטערלעך:

טאַטע!.. ווי האָסטו געהייסן?.. ווי הייסטו?.. דו ווילסט שוין אַפילו נישט אַז דיין נאָמען זאָל אויף דער ערד בלייבן?!. טאַ־טע?!. ווי—האָ—סטו—גע—היי—סן?! — — — גוואַ—אַ—אַ־

זי שפּרינגט אויף מיט גרויסע צעצונדענע אויגן און טוט פיבערדיק אַ כאַפּ דאָס ליכט פונם טיש:

— אַ סוף צו דעם און צו מיר!..

זי לויפט אַרויס אין פּאָליש. זי באַהאַלט דאָס ליכט־פייערל אונטער אַ האַנטדעכעלע, און גייט געאיילט אַרויס אינ־דרויסן. זי קוקט זיך ווילד אַרום און לויפט שנעל אַרונטער אונטער דער בית־מדרש־פּאָדלאָגע. זי שלאָגט זיך אָן אָן די ווילגאָטנע, מיט ווייסן שימל־בליעכץ באַוואָקסענע פּאַליעס, וואָס שטייען אין גלייכע שורות, ווי פּאַרגליווערטע פּיס פון אַ מחנה מתים אין תכריכים. פון אויבן אַראָפּ קלעפּן זיך צום איר גע־דיכטע פּאַסמעס לאַנגיעריקע שפּינוועבסן, ווי דורכגעמאָליעטע זיידענע שטריקלעך, און שלעפּן זיך איר נאָך פון אַלע זייטן. אָבער זי גייט אַלץ העכער אַרויף, צום רבינס שטיבל, ווו עס ליגט דאָס היי מיט דעם שטרוי. זי טוט אַהין אַ וואָרף דאָס ליכט, באַוויזט צו זעען ווי דאָס פייערצינגעלע צעקריכט זיך איבערן היי ווי אַ געווימל פייערדיקע שלאַנגען, און לויפט אַרויס, זיך נישט אומקוקנדיק, און צעשלאָגנדיק זיך דאָס פּנים ביז בלוט אין די באַלויכטענע פּאַליעס.

זי לויפט צוריק אַריין אין דעם פינצטערן שטיבל, פאַר־ריגלט מיט סאַפּענדיקן אָטעם פעסט די טיר, און קריכט אַרונ־טער אונטערן בעט ווי עס שלאָפט דאָס קינד. דאָס האַרץ קלאַפּט אין ברוסט ווי אָן אַ פּויק, אין די אויערן קלינגען גלעקער, און אַ שווידערדיקע קעלט טרייסלט מיט אַלע אברים. די ציין קלינגען. פאַראַמאָל ווערט ליכטיק אין די שויבן. זי קאָרטשעט זיך איין, פאַראַמאָל דאַכט זיך אַז דער בית־מדרש

ווערט דאָרט צעשפּרונגען פון אַ הירזשען און טופּען פון ווילדגעוואָרענע פערד. פון דרויסן דערגרייכט אַ טויבער כאַאָס פון בילות, געוואַלדן און געשרייען. עס שטיקט אַ געדיכטער ביטערער רויך, וואָס פאַרשוואַרצט די שיין פון דרויסן. דאָס קינד אויפן בעט רייסט זיך יאָמערלעך און ווערט דערשטיקט פון געוויין און רויך. די פאָדלאָגע גליט ווי אַ בלעך. אַ היימיש־היימיש קול רייסט דורך הינטערן פענצטער דעם וועלט־חלל. פאַראַמאָל טוט אַ פּלאַץ און בראַזג דאָס פענצטער. דייטלעכע קולות רייסן זיך אַריין פון דרויסן;

— אוי! אוי! אוי! גוואַלד!..

— זי וועט פאַרשרפעט ווערן!..

— קריך נישט אין פייער אַריין!..

— לאָזט איר נישט! לאָזט נישט אומקומען נאָך אַ נפש!..

חיה־שרה שפּרינגט אַרויס. דורכן שוואַרצן רויך, וואָס שפּאַרט זיך אַרויסצורייסן דורכן אויפגעבראָכענעם פענצטער, דערזעט זי רחלס ווילדן קאָפּ. רחל שפּרינגט אַריין ווי אַ קאַץ, טוט מיט אַ קוויטש אַ כאַפּ דאָס קינד. און לויפט מיט דעם צום פענצטער. חיה־שרה טוט אַ שפּרינג־אונטער, וויל עס אַרויסכאַפּן פון איר האַנט, אָבער זי כאַפּט בלויז דעם ליידיקן רוים. זי זעט ווי דאָס קינד מאַכט אַ האַלבן קרייז אין דעם ראָזו־ליכטיקן דרויסן.

רחל שטעלט אַריבער אַ פוס איבערן פענצטער, גרייט אַרויסצושפּרינגען. חיה־שרה שטעקט אַרויס דעם קאָפּ איבער איר אַקסל, און שטערט איר דערמיט נישטווייליק דעם שפּרונג. אַנטקעגן קומט זיי אָן פונדרויסן אַ שרעקלעכער טומל פון גוואַלדן און יללות און פלוצים טוט עס אַ טראַך איבערן קאָפּ. די ברענענדיקע טרעפּ פון דער ווייבערשול טוען זיך אַ וואַליע איין און פאַרלייגן דאָס פענצטער. רחל טוט אַ פאַל אויף צוריק. זיי פאַלן ביידע אַנידער אויף דער פאָדלאָגע. זייערע האָר צינדן זיך אָן אונטער אַ רעגן פון מיליאָנען־פינקען —

— — — — — — — — — — — — — —

זעלנער רייסן אַוועק מיט לאַנגע רייס־האַטשיקעס די שטיקער ברענענדיקע באַלקנס און ברעטער פונם פענצטער, פונקען־שירהס הייבן זיך אויף מיט פענד, ווערן אין דער הויך שיטערער, פאַמעלעכער, און לעשן זיך ערגעץ, בלאָנדזשענדיק, אין האָפנונגסלאָזער פינסטערניש. ס'איז קלאָר: די טרחא איז אומזיסט. דאָס חזן־שטיבל אַליין ברענט שוין.

אין דער לעפּעכע קעגנאיבער שוויבלט אַ המון מענטשן: מאַנסלייט, ווייבער, אַלטוואַרג און יונגוואַרג. שוידלעכע האַרצרייסנדיקע געיאָמערן אין געוואַלדן צעלעכערן דעם צעזשאַריעטן הימל:

— מענטשן! מענטשן ווערן פאַרברענט!..

אינמיטן אַן ענג רעדל ווייבער שטייט אָן אַ היטל פריץ, וועלכן רחל האָט געלאָזן אינמיטנדרינען, און ביי אים אויף די הענט זיצט רויק שוין דאָס גליקלעך־אויפגעכאַפּטע און דערמינטערטע קינד. פריץ קוקט אין פייער, ווו עס ברענט דעם קינדס מאַמע, ווי אַ הונט וואָס מ'האָט אים אַרויסגעריסן אַ פעטן ביסן פון מויל, און ער ווייסט נישט ווער און האָט נישט אויף וועמן צו בילן. און אין דער אייגענער ריכטונג קוקט אויך פאַרוונדערט און פריילעך דאָס קינד.

— מע דאַרף עס צונעמען ביי דעם ערל, — ברעכט זיך אַ יידינע די הענט — ס'איז דאָך אַ יידישער „קדיש"!..

איבערן טייך דאָרט קרייזן ווילדע קאַטשקעס זייערע דונגעלויכטענע צעוועקטע נעסטן, און שטערן די נאַכט מיט ווילדע געשרייען. זייערע פליגל זילבערן אין דער לופטן, ווי פאַרמעטענע שמות, און טונקען זיך אָפּ אין ווייטע פינצטערנישן...

טריסק, וואָלין. שבועות, תרפ״ו.

Free Public Library, Newark, N. J.